UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Khesbn no. 99 - Spring 1982 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/6dd4699p

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 99(1)

Author
Admin, LAYCC

Publication Date
1982

Copyright Information
Copyright 1982 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

SPRING 1982

99

פרילינג תשמ״ב

אַרויסגעגעבן פון:

● לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

● ל.א. קאונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד

● אַרבעטער רינג קולטור-צענטער אין ל. א.

# אינהאַלט

זייט


שמואל איזבאַן: די ישראל פּאַראַשוטיסטיק וואָס איז געפלויגן צו אירע ברידער אין פייער — — — — — — — — — — — — — — — — 3

חנן קיעל: דריי לידער — — — — — — — — — — — — 14

חיים מאלטינסקי: דער מאָסקוער משפט איבער די ביראָבידזשאַנער — — — — 16

משה שקליאַר: לידער — — — — — — — — — — — — — — — — 22

איש יאיר: פלאָנטערנישן אויף דער שוועל פון אויסגיין (לידער) — — — — — 23

שואל גוטמאַן: האַלטן מיר ביי אַ צוריקקער צו רעליגיע? — — — — — — — — 25

מאיר חרץ: לידער — — — — — — — — — — — — — — — — 30

יעקב י. מייטליס: פּאַרצייטיקע יידישקייט אין פראַנקרייך (בלעטלעך פון אַ נסיעה) — — — — — — — — — — — — — — 32

לייב וואַסערמאַן: לידער — — — — — — — — — — — — — — — — 41

חיים לייב פוקס: ר' רפאל (פון ציקל „מיינע זיידעס") — — — — — — — 43

נ. שמן: אהבת הגר — באַציונג צום פרעמדן — — — — — — — — — — 44

בלומע לעמפּעל: לידער — — — — — — — — — — — — — — — 51

ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן: לידער — — — — — — — — — — — — — 51

משה מאַנדלבוים: פּאַרלוירן אַ זון (דערציילונג) — — — — — — — — — — 52

חיים פלאָטקין: פּאַרוואָס בין איך נאָך אין רוזשאַן ווו מיין וויגל איז געשטאַנען? (פּאָעמע) — 56

דניאל מאַרלין: לידער — — — — — — — — — — — — — — — — 59

רעוו. לעאָ לעווינסאָן: אַ „שפּאַציר" אין דער נאַכט (אַ דערמאָנונג) — — — — 61

יצחק וויינגאַרטן: קדיש... (ליד) — — — — — — — — — — — — — — 63


(סוף פון אינהאַלט אויף זייט 86)

(המשך פון אינהאַלט)

## שרייבערס און ביכער


זייט

לילי בערגער: ווען דער שרייבער מוז צאָלן אַ פּרייז
(אויפן ראַנד פון יוסף בורגס בוך „דאָס לעבן גייט וויטער) — 64

זלמן שלאָסער: משה שקליאַרס לידער־בוך „אין צווישן גרין" — — — — 68

רבקה קאָפּע: די משלים פון דיכטער יצחק גאָלדקאָרן — — — — — — 70

משה שקליאַר: אויפן ראַנד
„אַ פּאַסטעך אין דער פרעמד"— לידער פון חנן קיעל — — 76

בערל כהן: וועגן אַ מילואים־באַנד צום „לעקסיקאָן" — — — — — — 79

ביכער אָנגעקומען אין רעדאַקציע — — — — — — — — — — — — — 84


## אונדזערע אבידות


שלמה צוקערמאַן: דער ערשטער יאָרצייט פון אַלעקס ראַבין ע"ה — — — — 81

יאַנקל פרידמאַן ע"ה — — — — — — — — — — — — — — — — — 82

טרויער אויסדרוקן אויף אַלען מעריאַנאָף ע"ה — — — — — — — — 83-84





אַבאָנירט און שטיצט

## חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַחוץ ניו־יאָרק.
אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר


די אַחריות פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען טראָגן די שרייבערס אַליין

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פּראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן
מיר לאדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פון
ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
לייביש נאַטאַנסאָן, פּרעזידענט • בערנאַרד ווייסבערג, דירעקטאָר
סיון האַמבורגער, ראַיאָן פאָרזיצער

LABOR ZIONIST ALLIANCE
8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842



## HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, California 90048

EDITORIAL BOARD:

M. SHKLAR S. WEISS S. SCHLOSSER

1108 S. Clark Dr., Los Angeles Ca. 90035

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:

G. FRYDMAN, *Financial Sec'y* H. BERMAN, *Administrator*

337½ No. Hayworth Ave., Los Angeles, Calif., 90048—Tel. 655-1292

*Members*: MOSHE COHEN, NAT GIEROWITZ S. ZUCKERMAN & J. SHAFER

**Subscripton price: $5.00 per year**



# חשבון

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

רעדאַקציע קאָלעגיע:
זלמן שלאָסער
משה שקליאַר
שמואל ווייס

פאַרוואַלטונג:
העניך בערמאַן, פאַרוואַלטער
גרשון פרידמאַן, פין. סעקר.
מיטגלידער:
נתן גערשאָוויטש, משה כהן
שלמה צוקערמאַן און
יעקב שייפער

37סטער יאָרגאַנג, נומער 99 • פרילינג 1982 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.


שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק

## די ישראל פּאַראַשוטיסטין — וואָס איז געפלויגן צו אירע ברידער אין פייער

I

ווען דער רויך פון היטלערס קאַלכ־אויוונס האָט זיך שוין געטראָגן אונטער די הימלען, און די יידן פון איירשאָפּע — פון מזרח און פון מערב — זיינען געשלעפּט געוואָרן צו די שייטער־הויפנס — אין יענע טראַגישע טעג איז אין ארץ ישראל אַרויס־געלאָזט געוואָרן אַ פאַרצווייפלטער רוף, אַז דער ישוב זאָל קומען צוהילף „די ברידער אין פייער".

דער ישוב, וואָס איז אַליין געווען מאָ־בילייזירט פאַר דעם אַנטשיידענעם קאַמף קעגן די כוחות פון רציחה, האָט גערופן די פרייוויליקע זין און טעכטער, וואָס זיינען געווען גרייט זיך אַרונטערצולאָזן פון פאַראַשוטן אונטער פרעמדע הימלען, אין די ווייטע לענדער, וואָס זיינען געווען אָקופּירט פון די נאַציס.

חנה סענעש, אַ יונגע יידישע טאָכטער, וואָס האָט אין 1939 עולה געווען פון אינגאַרן קיין ארץ ישראל, איז געווען צווישן די ערשטע פרייוויליקע גרייט צו פליען צו די ברידער אין פייער. אויך די בריטישע הויפּט־קאָמאַנדע אין מיטעלן מזרח האָט דעמאָלט וועררבירט פרייווילי־קע פּאַראַשוטיסטן, וואָס זאָלן קענען נעמען אויף זיך די מיסיע אַרויסצוראַטעווען וואָס מער אַליאירטע קריגס־געפאַנגענע, וועל־כע זיינען פאַרשלעפּט געוואָרן דורך די היטלער־האָרדעס אין די טורמעס פון די באַלקאַנישע לענדער.

די שליחות פון חנה סענעש איז געווען אַריינצופליען אין איר געבוירן־לאַנד אונגאַרן און ברענגען אַהין די בשורה פון טרייסט צו יענע, ביי וועמען טרייסט איז געווען אויסגעמעקט פון געדעכעניש. חנה סענעש איז דערפלויגן צו די ברידער אין פייער, אָבער זי איז אומגעקומען איי־דער זי האָט באַוויזן פולשטענדיק דורכ־צופירן איר הייליקע מיסיע.

דער טויט פון חנה סענעש האָט אין יענע טראַגישע טעג סימבאָליזירט די מסירת נפש פון אַ יונגער ישראל־טאָכטער. איר נאָמען איז אַריינגעשריבן געוואָרן מיט פייערדיקער שריפט אין די אַנאַלן פון די גיבורים, וואָס זיינען געשטאָרבן על קידוש השם און על קידוש הארץ.

אין אַ בריוו, וואָס איר ענגלישער קאָ־מאַנדיר האָט געשיקט צו דער יידישער אַגענטור אין ירושלים אַ יאָר נאָך איר אומקום, זיינען געווען געשריבן ווערטער אין טאָן נישט פון אַ טרוקענעם רעפּאָרט, נאָר פון אַ וואַרעמער אָפּשאַצונג און אַנערקענונג.

„אין יאָר 1943 — זאָגט זיך אין דעם בריוו — זיינען אויפגעפּאָדערט געוואָרן אַ צאָל פרייוויליקע צו דער העכסט־פאַר־טרויליכער אַרבעט אין די באַלקאַנישע

לענדער, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רעטונג פון די אַליאירטע סאָלדאַטן, וואָס זיינען געווען פאַרשפּאַרט אין טורמע אָדער זיינען פאַרשלעפּט געוואָרן אין דעם שונאס טעריטאָריע...

חנה סענעש איז געווען איינע פון די ערשטע וואָלונטירן. די פאָדערונגען וואָס מען האָט געשטעלט די פרייוויליקע זיינען געווען פיל און די באַדינגונגען זיינען געווען שווידערלעכע — שרייבט ווייטער דער ענגלישער קאָמאַנדיר — זי איז געווען אַ פרוי פון מוט; און פאַרשטענדעניש און דאָס איבעריקע האָט זי דערגרייכט דורך שווערער אַרבעט און איבערגעגעבנקייט צו אירע פליכטן. איר ענטפער אויף דער פראַגע צי זי האָט זיך געשראָקן ביי דעם ערשטן פאַראַשוטן־שפרונג איז געווען כאַראַקטעריסטיש: „כ'האָב זיך נישט געשראָקן מער ווי די אַנדערע אין עראָפּלאַן." מיט איר ענטוזיאַזם און מונטערער שטימונג האָט זי אָנגעשטעקט די אַלע, וועלכע האָבן זי אַרומגערינגלט. זי האָט אָפט מאָל אַרויסגעוויזן מער קוראַזש, מער אימפּעט ווי די מענער, וועלכע האָבן זי באַגלייט...

ווען עס איז געקומען די צייט אַריינצופליען אין יוגאָסלאַוויע — דער ערשטער שריט אין דער דאָזיקער ריזיקאַלישער מיסיע — האָט זי זיך נישט געקווענקלט און נישט אַרויסגעוויזן די מינדסטע נערוועזיטעט אין דער לעצטער מינוט. פאַר איר איז דאָס געווען אַ פליכט און ווי אַ פליכט האָט זי איר מיסיע דערפילט...

זי איז געפאַלן דורך די הענט פון די נאַצישע מערדערס, ווען זי האָט פּרובירט ראַטעווען אַליאירטע קריגסגעפאַנגענע אין אונגאַרן — דערציילט דער ענגלישער קאָמאַנדיר — זי איז געווען אַ מיידל פון 23 יאָר, אָבער אין איר האַרץ האָט געברענט אַן אייפערדיקע ליבע צו איר לאַנד און אַן איבערגעגעבנקייט צו אירע פליכטן און דאָס דאַרף געדענקט ווערן אין אונדזערע טעג...

„זאָל דער אָנדענק פון גבורה און אָפּפערווילקייט פון דער דאָזיקער יונגער פרוי דינען ווי אַ וועגווייזער פאַר אַלעמען און לאָמיר פאַרזיכערן דער וועלט, אַז דער טויט פון חנה סענעש און דער אומקום פון ענלעכע צו איר, איז נישט געווען אומזיסט..."

דער דאָזיקער, אין תוך פאָרמעלער, מיליטערישער רעפּאָרט — איז געווען אונטערגעשריבן פון אַן ענגלענדער, אַ מיליטערמאַן אונטער וועמענס קאָמאַנדע זי איז געפלויגן צו איר מיסיע. דאָס איז געווען אין יענע טעג, ווען אַ סך מיליטערישע פירערס האָבן געגלויבט, אַז היטלער איז אויפן וועג פון נצחון.

אַ צווייטער רעפּאָרט מיט דער אָפּצייכענונג „פּערזענלעך און שטרענג געהיים" איז אויך אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דער ענגלישער הויפּט־קאָמאַנדע פאַרן מיטעלן מזרח אין קאַירע — צו דער יידישער אַגענטור אין ירושלים.

דער דאָקומענט וואָס באַשטעטיקט דעם טויט פון חנה סענעש און דערמאָנט די אומשטענדן אונטער וועלכע זי איז אומגעקומען, איז אונטערגעשריבן פון אַ לייטענאַנט־קוירנעל מיט די איניציאַלן א.ס.ס.

„די ידיעות וואָס מיר האָבן צונויפגעזאַמלט פון פאַרשיידענע קוואַלן — ווערט געזאָגט אין דאָקומענט — זאָגן עדות, אַז ס'איז מער נישט געבליבן קיין האָפענונג, אַז חנה סענעש לעבט ערגעץ־ווו. דער באַריכט וועגן די טראַגישע אומשטענדן פון איר טויט זיינען אייך גוט באַקאַנט...

„חנה סענעש איז אומגעקומען ביים דערפילן איר פליכט פאַר די אַליאירטע פעלקער, אין אַ גאָר וויכטיקער מיסיע...

„נעמט צו דעם אויסדרוק פון טיפן מיטגעפיל פון דער הויפּט־קאָמאַנדע אויף דעם טראַגישן פאַרלוסט פון דער דאָזיקער בראַוער פרוי. מיר דאָ, וועלכע האָבן געזען חנה סענעש אין אַ סך האַפן־שטעט, וועלן זי אייביק געדענקען ווי איינע וואָס האָט אויף אַן אָפּפערווילקן אופן דורכגעפירט איר אויפגאַבע...

„גיט איבער צו דער פאַמיליע פון חנה סענעש אין ארץ ישראל — אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון די אָפיצירן אין דער הויפּט־קאָמאַנדע אונדזער טיפסטן מיטגעפיל..."

דאָס זיינען צוויי פאָרמעלע, לאַקאָנישע דאָקומענטן פון דער הויפּט־קאָמאַנדע פון די אַליאירטע אַרמייען אין מיטעלן מזרח,



וואָס גיבן אונדז אַ באַגריף וועגן דעם קאַמף און טויט פון חנה סענעש.

אָבער די דראַמע חנה סענעש איז געווען פיל גרעסער און טיפער און וועגן דעם ווילן מיר אויספירלעך דערציילן.

די קורצע ביאָגראַפישע שטריכן, וואָס זיינען צונויפגעזאַמלט געוואָרן וועגן איר גיבן איבער, אַז חנה סענעש איז געבוירן געוואָרן דעם 17טן יולי, 1921, אין בודאַפּעסט. זי איז געווען די טאָכטער פון דעם יידיש־אונגאַרישן שריפטשטעלער בעלאַ סענעש. אירע עלטערן זיינען געווען פאַרמעגלעך און חנה, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט ביים לערנען, האָט געקראָגן אַ גרינטלעכע וועלטלעכע דערציונג.

נאָך אין איר פריער יוגנט, אָן שום איינפלוס פון דרויסן, האָט זי באַשלאָסן זיך אויסצולערנען העברעיש און פאָרן קיין ארץ ישראל. זי האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג, צו 18 יאָר, ווען זי איז געווען אין לעצטן קלאַס פון גימנאַזיע, האָט זי זיך געווענדעט צו דער אַגריקולטור־שול פאַר מיידלעך אין קיבוץ נהלל, מען זאָל זי אָננעמען אַלט שילערין. אין יולי, 1939, האָט זי געקראָגן אַ סערטיפיקאַט, און אין סעפּטעמבער פון דעם זעלבן יאָר איז זי אָנגעקומען אין לאַנד.

צוויי יאָר האָט זי געלערנט אין נהלל. דערנאָך האָט זי באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין דער קבוצה „שדות ים" פון קיבוץ המאוחד אין קיסריה.

אין נאָוועמבער 1943 האָט זי גענומען אַ פרייוויליקן קורס אין דראָטלאָזן טעלעגראַף, אָנהייב יאָר 1944 האָט זי זיך געלערנט שפּרינגען פון פאַראַשוטן.

דעם 14טן מערץ, 1944, איז זי אָפּגעפלויגן אויף איר מיסיע פון באַרי, איטאַליע, צוזאַמען מיט דריי באַגלייטער — אין זי האָט זיך אַרונטערגעלאָזט מיט אַ פאַראַשוט אין יוגאָסלאַוויע. פון דאָרט האָט זי געוואָלט אַריבערגיין די אונגאַרישע גרענעץ און דערגרייכן בודאַפּעסט.

אין 1944 איז אונגאַרן געווען אינגאַנצן אָקופּירט פון די נאַציס, און חנה סענעש האָט געמוזט זוכן אַנדערע וועגן דורך וואַנען זי זאָל קענען זיך דערשלאָגן קיין בודאַפּעסט. איר שליחות איז נאָך אַלץ געווען: צו די ברידער אין פייער! אַ באַריכט פון יענער צייט דערציילט, אַז דעם 9טן יוני האָט זי מיט אַ גרופּע מענטשן זיך אַרויסגעלאָזט אין דער ריכטונג פון דער אונגאַרישער גרענעץ. זי האָט אָבער נישט באַוויזן צו דערגרייכן בודאַפּעסט. אַ צייט שפּעטער איז קלאָר געוואָרן אַז די גרופּע איז געכאַפּט געוואָרן ביי דער אונגאַרישער גרענעץ. די דייטשן האָבן בעת דער אויספאָרשונג אַלעמען ברוטאַל געפייניקט אין דער טורמע פון סאָבאָטהעלי. פון דאָרט איז חנה סענעש אַריבערגעפירט געוואָרן אין געפענגעניש קיין בודאַפּעסט.

דעם 21טן אָקטאָבער איז זי געשטעלט געוואָרן פאַר אַ מיליטערישן געריכט. דער פּראָקוראָר האָט געפאָדערט פאַר איר טויט־שטראָף אויף דער אָנקלאַגע פון שפּיאָנאַזש. דער אורטייל איז נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן גלייך. דערווייל האָבן די רוסישע אַרמייען זיך דערנענטערט צו אונגאַרן און דער פּראָצעס איז נישט באַנייט געוואָרן.

דעם 7טן נאָוועמבער איז חנה סענעש אַריינגעזעצט געוואָרן אין דער טורמע הינטער בודאַפּעסט, און נאָך אין דעם זעלבן טאָג איז זי אין גרויס איילעניש דערשאָסן געוואָרן אויפן באַפעל פון איינעם פון די ריכטער. ביים שלעפּן זי צו דער עקזעקוציע האָט מען נישט דורכגעפירט די געוויינלעכע מאָרד־צערעמאָניע. זי האָט אויך נישט געלאָזט מען זאָל איר פאַרבינדן די אויגן.

איר קבר איז אויסגעגראָבן געוואָרן אויפן יידישן בית־עלמין אין בודאַפּעסט, נישט ווייט פון דעם אָרט, ווו עס רוען די ביינער פון איר פאָטער.

חנה סענעש איז דערשאָסן געוואָרן אין יענע מינוטן, ווען איר מוטער איז געשטאַנען הינטער דער וואַנט פון דער תפיסה און געוואַרט אויף דער צוגעזאָגטער דערלויבעניש צו זען זיך נאָך איין מאָל מיט איר טאָכטער.

וועגן יענע לעצטע טראַגישע מינוטן, ווען די וואַנט פון טויט האָט זי אָפּגעטיילט פון איר טאָכטער, האָט שפּעטער דערציילט רירנדיקע פּרטים די אַלטע מאַמע אַליין.

פערט: „יאָ, פאַר יידן, מאַמע. אָבער פרעג מיך נישט מער...״

מאַמע און טאָכטער האָבן זיך צעשיידט. די מאַמע האָט געקראָגן אַ צוזאָג צו זען זי נאָך אַמאָל אין צוויי טעג אַרום!

באַלד נאָך יענער באַגעגעניש האָבן די עראָפּלאַנען פון די אַליאירטע לופט־כוחות באָמבאַרדירט אונגאַרן. דאָס איז געווען איינע פון די שטאַרקסטע באָמבאַרדעס אין צווייטן וועלט־קריג. אָבער פאַר די יידן אין אונגאַרן זיינען די באָמבאַרדירונגען געווען די דונערן פון גאולה. קיינער האָט נישט געטאָרט אַרויסגיין פון די שוץ־קעלערן אַ לאַנגע צייט. ווען די אַליאירטע עראָפּלאַנען זיינען אַוועק, האָט מען די יידן געגעבן בלויז צוויי שעה צייט אַרויסצוגיין אין גאַס און איינקויפן שפייז.

די טורמע, ווו חנה איז געזעסן, איז געווען ווייט הינטער דער שטאָט. די מאַמע האָט אַראָפּגענומען פון איר אָרעם דעם געלן מגן דוד און איז אַוועק קריגן אַ דערלויבעניש צו זען זיך מיט דער טאָכטער. די רוסישע אַרמייען האָבן זיך שוין דעמאָלט גערוקט אַלץ נענטער און נענטער צו בודאַפעסט, און ס׳האָט געהערשט אַ גוואַלדיקע פאַניק אין אַלע רעגירונגס־ביוראָען. קיינער האָט אפילו קיין צייט נישט געהאַט זיך צו פאַרנעמען מיט דער אַפּליקאַציע פון חנה סענעשעס מוטער.

דעם 7טן נאָוועמבער, 1944, איז דער מאַמען דאָך געלונגען אָנצושפאַרן אין דער קאַנצעלאַריע פון דעם טורמע־קאָמענדאַנט. ער איז גראָד דעמאָלט נישט געווען אין זיין ביוראָ און מ׳האָט איר געזאָגט אַז ער איז אַרויס עפעס שנעל דערליידיקן און ער וועט באַלד צוריקקומען.

ווען דער טורמע קאָמענדאַנט איז צוריקגעקומען, האָט די מאַמע אים געבעטן די דערלויבעניש צו זען איר טאָכטער. ער האָט פּרובירט זיך אַרויסדרייען מיט פאַרשיידענע תירוצים. צום סוף האָט ער אַ זאָג געטאָן: „צו שפּעט, איר האָט שוין מער נישט וואָס צו ריידן מיט אייער טאָכטער....״

די מאַמע האָט אַ פאַל געטאָן צו דער ערד. אין יענע מינוטן פון אָפּגעטעמפּטקייט האָט זי באַנומען, אַז זי האָט ווירקלעך פאַרשפּעטיקט. חנה איז מער נישטאָ!

גראָד דאַן, אין יענע ענדלאָזע מינוטן, ווען זי האָט געוואַרט אין דער קאַנצעלאַריע אויף דעם טורמע־קאָמענדאַנט, האָט ער זי דערמאָרדעט מיט די אייגענע הענט.

אַ צייט שפּעטער — דערציילט די מאַמע — האָט מען איר איבערגעגעבן אַ צעטעלע, וואָס חנה סענעש האָט אָנגעשריבן אין דעם לעצטן טאָג אין טורמע, איידער מען האָט זי אַרויסגעפירט צו דער עקזעקוציע:

„טייערע מאַמע! איך קען דיר בלויז דאַנקען מיליאָנען מאָל, און כ׳וויל דיך בעטן, דו זאָלסט מיר מוחל זיין, אויב ס׳איז מעגלעך... נאָר דו אַליין וועסט פאַרשטיין פאַרוואָס עס זיינען מער נישט נייטיק קיין ווערטער...

מיט ליבשאַפט אָן אַ גרענעץ —

דיין אַניקאַ״.

## III

## וואָס דערציילט דאָס טאָגבוך פון דער מאַרטירערין חנה סענעש

נאָכדעם ווי חנה סענעש האָט גענומען אויף זיך די שליחות צו לאַנדן מיט אַ פאַראַשוט אין דער נאַצי־אָקופּירטער אייראָפּע, כדי צו העלפן ראַטעווען די ברידער אין פייער איז זי אַרומגעגאַנגען אַ צערודערטע. זי איז געווען אומגעדולדיק. זי האָט זיך געאיילט אַרויסצופליען צו איר מיסיע. זי האָט זיך געאיילט אַנטקעגן צו פליען דעם טויט, וואָס וועגן אים האָט זי אפילו נישט געאַנט. אויף אַ בלאַט פון איר טאָגבוך, דאַטירט דעם 8טן יאַנואַר, 1943, אין קיסריה, האָט זי פאַרשריבן:

„עס זיינען ווידער פאַרבייגעלאָפן אַכט טעג. אָבער דאָס איז געווען אַ וואָך, וואָס האָט מיך אויפגעטרייסלט; אַן אויסטערלישער געדאַנק איז מיר איינגעפאַלן, אַז איך מוז פאָרן קיין אונגאַרן. כ׳מוז דאָרט אומבאַדינגט זיין אין די איצטיקע גורלדיקע טעג. כ׳מוז העלפן אָרגאַניזירן די עליה פון דער יוגנט און אַריבערברענגען מיין מאַמע... און טראָץ דעם וואָס איך האָב געוווסט וויפל אַבסורד עס שטעקט



אין אַזאַ איינפאַל, פון דעסטוועגן האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דאָס איז מעגלעך און עס איז אויך נייטיק. איך האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן: ווי אַזוי קען איך רעאַליזירן דעם געדאַנק?

איצט בלייבט ביי מיר די אַנטשלאָסנקייט אַריבערצוברענגען מיין מאַמע קיין ארץ ישראל. דריי טעג האָב איך פאַרברענגט אין תל־אביב און אין ירושלים, כדי דורכצופירן דעם ענין. דערווייל זיינען די אויסזיכטן שוואַכע, אָבער ווער ווייסט? אפשר שפּעטער? און פלוצים, אין מיטן דערינען האָט מען מיך אויסגעקליבן אַלס עקאָנאָם פון דער קבוצה, דאָ אין קיסריה. מיינע פּראָטעסטן האָבן נישט געהאָלפן.

„איך שעם זיך פאַר זיך אַליין פאַרוואָס איך באַקלאָג זיך. אָבער כ׳קען זיך נישט באַפרייען פון דעם דאָזיקן געפיל. יאָרן גייען און ווערן פאַרשווענדט — איך בין אַבסאָלוט זיכער, אַז ווען כ׳זאָל אימשטאַנד זיין זיך אויסצולערנען עפּעס אויף אַ גרינטלעכן אופן, וואָלט איך געקענט ברענגען מער נוצן און כ׳וואָלט אויך געהאַט מער באַפרידיקונג...

„אַ ליגן — רעדט צו מיר אַ צווייטע שטים — איך לערן סיי ווי! כ׳שטודיר דאָס לעבן! און אפשר איז דאָס אַן אילוזיע? איך לעב אין אַ וועלט וואָס איך אַליין האָב אויפגעבויט אָן אַ צוזאַמענהאַנג מיט דער דרויסנדיקער וועלט. איך לעב דאָ אַזוי ווי אַ טראָפּן בוימל אויפן וואַסער. אַמאָל בין איך אויף דער אויבערפלאַך, אַמאָל זינק איך אַראָפּ. אָבער תמיד בלייב איך אין אַ וועלט פאַר זיך, אָן דער געפאַר צונויפגעגאָסן צו ווערן מיט אַן אַנדערן טראָפּן...

„כ׳האָב געטראָפן מיט עטלעכע טעג צוריק מיין חברטע מ. די פרייד ביים צוזאַמענטרעף איז געווען גרויס. אָבער מיר איז שווער צו טראַכטן וועגן פערזענלעכער פריינדשאַפט, ווען כ׳דערמאָן זיך וועגן מיין מאַמע און מיין ברודער. טייל מאָל באַפאַלט מיך אַ שוידערלעכע שרעק: וועלן מיר זיך נאָך אַמאָל זען? אַ גרויזאַמע פראַגע עגבערט און כאָנט אַן ענטפער: צי האָב איך געמעגט אַליין אַהער קומען אין לאַנד? צי איז דאָס נישט געווען אומבאַגרענעצטער עגאָיזם פון מיין זייט?

„נישט לאַנג צוריק, פאַרבייגייענדיק אין הויף, האָט מיך עמיצער אָפּגעשטעלט און געפרעגט צי איך בין אַ גוטע... איך האָב אָנגעהויבן נאָכטראַכטן וועגן דער פראַגע. אפשר נישט.... כ׳בין נישט קיין גוטע צו די וועלכע זיינען מיר נאָענט, צו די, וועלכע האָבן מיך ליב און ווייזן מיר אַרויס גוטסקייט. צו זיי בין איך גרויזאַם. בלויז אויבנאויפיק בין איך אַ גוטע... אין דער אמתן האָב איך אַ האַרץ פון שטיין צו מיינע טייערסטע און אפשר אויך צו זיך אַליין. איך קען זיך אַליין נישט אַוועקגעבן שטיקערווייז. אָדער אַלץ, דעם גוף און די נשמה, אָדער גאָרנישט...״

דער געדאַנק זיך אויפצוכאַפּן אין אַ שיינעם פרימאָרגן און אַריינפליען קיין אונגאַרן, כדי אַרויסצוראַטעווען פון דאָרט איר מאַמע, דער געדאַנק איז ביי חנהן געוואָרן רייפער מיט יעדן טאָג. דער געדאַנק האָט פון איר פאַרטריבן די רו.

זי האָט געהאַט ספקות. זי האָט געהאַט פאָרגעפילן און זי האָט אירע שטימונגען גאָר אָפּט פאַרצייכנט אויף די בלעטער פון איר טאָגבוך. דאָס איז געווען אַ מין חשבון הנפש, וואָס זי האָט ליב געהאַט צו פירן מיט זיך. חנה האָט נישט געקענט באַנעמען ווי אויסטערליש עס אַנטוויקלען זיך טייל מאָל פאַסירונגען. זי האָט אין איינעם אַ טאָג פאַרלוירן עטלעכע ווערטער וועגן אַ געדאַנק וואָס איז איר איינגעפאַלן. עס זיינען קוים פאַרביי עטלעכע טעג און ס׳איז צו איר געקומען אַ חבר און איר פאַרטרויט, אַז אַ פרייוויליקע גרופּע ווערט אָרגאַניזירט, אַ גרופּע מיטן צוועק אַריינצופליען אין דער נאַצי־אָקופּירטער אייראָפּע, צו די ברידער אין פייער...

פונקט אַזוי האָט זי דאָך פאָרגעפילט און געאַנט! די זאַך האָט זי פשוט דערשטוינט. וואָס פאַר אַ צוזאַמענטרעף פון געדאַנק! איר ענטפער איז געווען אַ האַסטיקער, אָן קווענקלעניש; זי איז געווען גרייט זיך אָנצושליסן און זיך אַרויסלאָזן אין וועג אַריין.

חנה סענעש האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז געווען אַ גורל־זאַך פונקט ווי ס׳איז געווען אַ גורל־זאַך מיט פיר יאָר פריער ווען זיך האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון אונגאַרן אויפן וועג קיין ארץ ישראל. אויך

דעמאָלט איז זי באַוועלטיקט געוואָרן פון אַ געדאַנק, וואָס האָט איר ניט געגעבן קיין רו. זי האָט באַשלאָסן, אַז זי מוז עולה זיין, טראָץ אַלע שוועריקייטן, און קיין שוועריקייטן האָבן נישט געפעלט.

זי איז באַהערשט געוואָרן פון יענער שפּאַנונג, וואָס אַ מענטש פילט, ווען ער ווערט אובאַוווסטזיניק געשטויסן צו אַ פאַטאַלער שליחות. פון מאָל צו מאָל האָט זי אָנגעהויבן צווייפלען צי פון דעם רייזע־פּלאַן קיין אונגאַרן וועט עפּעס ווערן. אפשר וועט פון דעם אַלעם זיך אויסלאָזן אַ טייך? רעד ענין וועט אָפּגעלייגט ווערן, אָדער דער פּלאַן וועט דורכפאַלן. זי האָט אָבער טיף געגלויבט, אַז זי פאַרמאָגט יענע אייגנשאַפטן, וואָס קוואַליפיצירן אַ מענטש פאַר אַזאַ אויפגאַבע און זי איז געווען אַנטשלאָסן צו קעמפן מייט אַלע כוחות, אַז זי זאָל איר אויפגאַבן דורכפירן.

„ביינאַכט איז מיר שווער איינצושלאָפן צוליב די בילדער וואָס איך מאָל זיך אויס — שרייבט זי אויף איין בלאַט פון איר טאָגבוך — ווי אַזוי וועל איך זיך דאַרפן פירן אין אַזאַ לאַגע און ווי אַזוי ביי אַן אַנדערן מצב? ווי אַזוי וועל איך לאָזן וויסן דער מאַמען וועגן מיין קומען און ווי אַזוי וועל איך אין אונגאַרן אָרגאַניזירן אַ געהיימע עליה? אַלץ איז דאָך נאָך אַזוי פאַרהוילן! מ'וועט זען וואָס די צוקונפט וועט ברענגען...״

חנה סענעש האָט מיט שפּאַנונג געוואַרט אויף דעם טאָג ווען מ'וועט זי רופן אָנצושליסן אין דער גרופּע וואָס דאַרף אַריינפליען אין אונגאַרן. זי איז געווען דורכגענומען מיט דעם אויסטערלישן פאַרלאַנג און זי האָט מער נישט געקענט טראַכטן וועגן קיין אַנדער זאַך. אירע שטימונגען האָט זי גענוי פאַרצייכנט אויף די בלעטער פון איר טאָגבוך.

„עס זיינען פאַראַן זאַכן — שרייבט זי דעם 28טן מאַי, 1943 — וואָס מען קען נישט אויסדריקן אין ווערטער. דער מענטש וויל זי פאַרטושן און ס'דוכט זיך אים, אַז ווי לאַנג דאָס וואָרט איז נישט אַרויסגעזאָגט געוואָרן, עקזיסטירט נישט די זאַך... איך האָף און כ'בין מתפלל אויף איין זאַך: אַז דאָס וואַרטן און די שפּאַנונג זאָל נישט צו לאַנג דויערן, און אַז די האַנדלונג זאָל קומען גיך. וועגן אַלדאָס איבעריקע שרעק איך זיך נישט. כ'בין זיכער ביי זיך און כ'בין גרייט אויף אַלץ...״

דעם 12טן יוני האָט די קבוצה אין קיסריה אָנגענומען אַ באַשלוס אַז חנה סענעש מעג זיך אָנשליסן אין דער פרייוויליקער גרופּע, וואָס ווערט צוגעגרייט צו דער געהיימער מיסיע. חנה האָט אויך דורכגעמאַכט אַ קורס אין דראָטלאָזן טעלעגראַף, און דריי חדשים שפּעטער, דעם 19טן סעפּטעמבער, ווען זי געפינט זיך אין סעמינאַר פון הנוער העובד אין חיפה, מאַכט זי אין איר טאָגבוך אַ סך־הכל פון דער צייט זינט זי איז אין לאַנד.

„מיט פיר יאָר צוריק בין איך געקומען אין לאַנד אַריין. כ'בין איינגעשטאַנען אין בית עולים אין חיפה. אַלץ איז געווען שיין. אַלץ איז געווען צוקונפט. בלויז איין געשטאַלט ציט מיך אויף צוריק — דאָס געשטאַלט פון מיין מאַמע, ווען זי איז געשטאַנען אין בודאַפּעסט אויפן באַנוואָקזאַל. שוין 4 יאָר! כ'האָב נישט געגלויבט בשום אופן אַז דער אָפּגרונט וואָס שיידט אונדז אָפּ, וועט זיין אַזוי ברייט...

„עס האָט נישט קיין זין צו ציען שלוסן. איך געפין זיך אין רוטענבערג־הויז, אַ פּרעכטיקער פּאַלאַץ. ס'איז אַ חודש אין סעמינאַר פון הנוער העובד פאַרן קורס. און נאָכדעם? כ'ווייס אַליין נישט גענוי. בין איך צופרידן? שווער צו ענטפערן. צוויי יאָר בין איך געווען אין נהלל. אָן באַשטימטע אויסזיכטן. דערנאָך בין איך צוויי יאָר געווען אין דער קבוצה שדות ים אין קיסריה. אַ סך ראַנגלענישן און אַ סך באַפרידיקונג. אָבער די גאַנצע צייט בין איך געווען אין איינזאַמקייט. נישט קיין חבר און נישט קיין חברה. און איצט, ערב דער נייער אויפגאַבע — ווידער צוגרייטונגען צו אַ שווערער, אומבאַשטימטער נסיעה. ווידער שווימען אַרויס אויסטערלישע געפילן, צוזאַמען מיט אַ שטאַרקן, אויסגעהאַמערטן ווילן, מיט אומגעוויינלעכער שפּאַנונג...

איצט איז פאַר מיר שוין קלאָר, אַז מיין איינזאַמקייט האָט גאָרנישט צו טאָן מיט אויסערלעכע באַדינגונגען. איך בין אין אַ גרויסער מאָס נישט קיין מענטש פון דער געזעלשאַפט און דאָס דערווייטערט מיך פון מענטשן. באַזונדערס איז



דאָס גילטיק אין באַציונג צו בחורים. טייל מאָל דוכט זיך מיר, אַז איך בין פאַרליבט. אָבער צי וואָלט איך ווירקלעך געקענט אין עמיצן זיך פאַרליבן?

מילא, מיין האַרץ וועט דערפון נישט צעבראָכן ווערן. אָבער איין זאַך בלייבט פאַר מיר אַ רעטעניש. כ'בין שוין 22 יאָר אַלט און איך ווייס נישט ווי אַזוי מען איז פריילעך... כ'דערמאָן זיך נישט די צייט ווען כ'האָב אויף אַן אמת זיך געפרייט צוליב עפּעס... ווען האָב איך דען געהאַט דאָס געפיל פון גליק כאָטש אויף עטלעכע מינוט? עס איז פאַראַן אין מיר עפּעס אַזאַ אַפּאַטיע. אָפט מאָל וויל איך אַליין זיך צוהערן צו מיין האַרץ. וואָס איז דאָס? אַזוי וועט דאָס לעבן, מיין לעבן פאַרבייגיין?

„די אויפגאַבע וואָס וואַרט אויף מיר, ציט מיך, כ'ווער באַהערשט פון ענטוזיאַזם, אָבער כ'פאַרגעס צו לאַכן, כ'קען מער נישט לאַכן פון טיפן האַרצן, אַזוי ווי כ'פלעג אַמאָל לאַכן מיט מיין ברודער, ווען מיר האָבן זיך געקאַטשעט אויף דער סאָפע און זיך געוואַלגערט אויף דער ערד פון גרויס פרייד און געלעכטער. דאָס איז געווען אין מיין מאַמעס הויז. צוליב וואָס האָב איך דעמאָלט אַזוי געלאַכט? צוליב גאָרנישט. צוליב דעם לעבן אַליין. און איצט? צי האָט די איינזאַמקייט מיך אַריינגעטריבן אין אַזאַ טרויער? אָדער איז דאָס אַ לאַסט וואָס ליגט אויף מיר זינט דעמאָלט, ווען איך בין צו אַכט יאָר געשטאַנען ביים קבר פון מיין פאָטער?

„עס איז נישטאָ קיין צופעליקייט אין די פאַסירונגען פון מיין לעבן. אַלץ קומט פון אַן אינערלעכער נויטווענדיקייט און דאָס שטייט העכער פון יעדער דעבאַטע. אַזוי מוז עס זיין! אונטער אַנדערע אומשטענדן וואָלט איך זיך געפילט אומגליקלעך. דער ציוניזם און דער סאָציאַליזם זיינען מיינע אינסטינקטן. נאָך איידער דאָס איז געווען אַ נויטווענדיקייט. די דאָזיקע נויטווענדיקייט האָט מיך בלויז געשטאַרקט. אָבער פריער איז אַלץ געווען אינסטינקט. נאָך איידער איך האָב געפונען ווערטער אויסצודריקן מיינע שטימונגען און אַמביציעס...״

דעם 2טן אָקטאָבער האָט חנה סענעש פאַרצייכנט אין איר טאָגבוך, אַז זי פאָרט קיין עגיפּטן אַלס מאָביליזירטע סאָלדאַטקע און זי האָט דעם פולן גלויבן, אַז זי טוט די פּאַסיקע זאַך. זי האָט געוווּסט אַז פון עגיפּטן וועט זי אָפּגעשיקט ווערן, צוזאַמען מיט אַ גרופּע וואָלונטירן, אויף דער געהיימער שליחות קיין אייראָפּע.

## IV

## דאָס קורצע לעבן און טראַגישער טויט פון חנה סענעש

טעג און נעכט האָט חנה סענעש געפיבערט איידער זי האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף איר „הימל־רייזע״ קיין אייראָפּע. זי איז געווען דורכגענומען מיטן אויסטערלישן פאַרלאַנג אַראָפּצושפּרינגען מיט אַ פּאַראַשוט אויף דער ערד פון איר געבוירן־לאַנד אונגאַרן. ס'איז איר שווער געווען אין יענער צייט צו טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש. עטלעכע אויפגאַבן האָבן אויף איר געוואַרט אין אונגאַרן: אַרויסנעמען פון דאָרט איר מוטער, אָרגאַניזירן די געהיימע יוגנט־עליה און אַרויסראַטעווען וואָס מער יידן פון סכנה, פון אומקום.

זי האָט געוואַרט מיט שפּאַנונג אויף דער שעה, ווען זי וועט זיך אַרויסלאָזן אויף איר ווייטער מיסיע, און אין די טעג פון דערוואַרטונג האָט זי עטלעכע מאָל זיך באַגעגנט מיט דעם באַרימטן העברעישן דיכטער אביגדור המאירי, וועלכער שטאַמט אויך פון אונגאַרן און איז געווען אַ פריינד פון איר פאַרשטאָרבענעם פאָטער, דעם אונגאַריש־יידישן שריפטשטעלער בעלאַ סענעש.

חנה סענעש האָט זיך פאַרטרויט פאַרן דיכטער, אַז זי שרייבט אויך לידער און אַז זי גרייט צו אַ געהיימער רייזע קיין אונגאַרן, כדי אַרויסראַטעווען פון דאָרט איר מאַמען.

המאירי האָט אָפּגערעדט חנהן פון דער ריזיקאַלישער שליחות. זי האָט אָבער נישט אָנגענומען זיין עצה. נאָך אירע דריי וויזיטן ביי אים אין הויז האָט ער זי געשילדערט ווי אַן אומגעוויינלעכע, העלדישע יונגע פרוי. און ווען זי איז שפּעטער אומגעקומען, האָט דער דיכטער וועגן איר געשריבן, אַז זי איז געווען אַן עקזאָטישע בלום פון אַ ווייטער פרעמדער וועלט — אַ בלום, וואָס האָט אַרויסגע־

שפּראָצט לויט אַן אומגעריכטער גזירה. די בלום האָט דורכגעפירט אַ ווונדערלעכע און גרויזאַמע שליחות און איבערגעלאָזט הינטער זיך אַן אַקאָרד פון אַ מיסטעריעזער סימפאָניע, וואָס וועט זינגען צו אונדז — דורך דורות — די הימנע פון דעם דערהויבענעם מענטש.

דעם 25טן דעצעמבער, 1943, האָט זי פון חיפה געשריבן אַ בריוו קיין אונגאַרן צו איר ברודער גיורי. חנה סענעש איז געווען באַוועלטיקט פון פאָרגעפילן. אין דעם בריוו האָט זי אויסגעדריקט אַ ווייטע אַנונג וועגן איר פאַטאַלן סוף.

„טייערער גיורי:

„עס זיינען פאַראַן בריוו, וואָס ווערן געשריבן נישט צום אַוועקשיקן, דאָס זיינען בריוו, וואָס מוזן אומבאַדינגט געשריבן ווערן, אָן אויסרעכענונג צי זיי וועלן אַמאָל דערגיין צו זייער ציל צי נישט . . . מאָרגן הייב איך אָן עפּעס נייעס. אפשר וועט דאָס זיין נאַריש, אפשר פאַנטאַסטיש, אויך אפשר געפערלעך. איינער פון הונדערט אָדער איינער פון טויזנט וועט באַצאָלן מיט זיין לעבן, אָדער אפשר גאָר נאָך מער... פרעג נישט קיין פּרטים, אַמאָל וועסטו זיך דערוויסן. . .

„טייערער גיורי: איך מוז דיר עפּעס אויפקלערן. כ׳מוז זיך פאַרענטפערן. איך מוז זיין גרייט אויף יענער מינוט, ווען דו וועסט שוין זיין דאָ, אין די גרענעצן פון לאַנד און וועסט וואַרטן אויף דער רגע ווען מיר וועלן זיך באַגעגענען נאָך זעקס יאָר פון צעשיידונג, און אַז דו וועסט דעמאָלט אין דיין אומגעדולד פרעגן: „ווו איז זי?" וועט מען דיר ענטפערן קורץ: „זי איז נישטאָ!". . .

„וועסטו דעמאָלט פאַרשטיין? וועסטו גלויבן, אַז עפּעס מער און עפּעס העכערס ווי דער פאַרלאַנג נאָך אַוואַנטורע, נאָך קינדישער ראָמאַנטיק האָט מיך געבראַכט ביז אַהער? צי וועסטו פאַרשטיין און פילן, אַז כ׳האָב נישט געקענט אַנדערש האַנדלען? און אַזוי האָט עס געמוזט זיין?...

„עס זיינען פאַראַן פאַסירונגען, וואָס אין זייער ליכט פאַרלירט דאָס מענטשלעכע לעבן יעדע ווערט. דער מענטש ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ווערטלאָזן שפּילצייג, אָדער עס קומט די גרויסע מאָנונג: עפּעס מוז געטאָן ווערן, אפילו פאַרן פרייז פון לעבן... כ׳שרעק זיך אַז פון מיינע געפילן וועלן ווערן פּוסטע פראַזן. זייער קראַפט ווערט אויסגעוועפּט, ווען זיי ווערן באַקליידט אין ווערטער. כ׳ווייס נישט צי הינטער מיינע ווערטער וועסטו דערשפּירן מיינע ראַנגלענישן אין ספקות..

„מיר איז שווער... כ׳בין איינזאַם. ווען כ׳וואָלט געהאַט עמיצן נעבן זיך, מיט וועמען כ׳זאָל זיך קענען דורכריידן פּשוט און אָפנהאַרציק, וואָלט אפשר די שווערע לאַסט, וואָס ליגט אויף מיר, געוואָרן גרינגער. אויב ס׳איז פאַראַן עמיצער אויף דער וועלט וואָס איז פעאיק מיך צו פאַרשטיין, ביסטו דאָס! אָבער גענוג וועגן זיך! כ׳וויל דיר זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם נייעם פאָטערלאַנד, וועגן דעם נייעם לעבן. כ׳וויל אפילו נישט פּרובירן דיך צו באַאיינפלוסן איצט. מיט דיינע אייגענע אויגן וועסטו אָנקוקן דאָס לאַנד און וועסט עס זען, אַזוי ווי איך זע עס...

„כ׳שעץ און רעספּעקטיר די מענטשן, וואָס האָבן אַ גלויבן אין עפּעס און זיי זיינען גרייט פאַר דעם גלויבן צו קעמפן מיט דער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט. איך שעץ די מענטשן וועלכע לעבן נישט בלויז צוליב דער קורצער מינוט, צוליב דער מטבע... און איך גלייב אַז סוף־כל־סוף איז דאָס די איינציקע לייזונג פאַר אונדז... דעריבער צווייפל איך נישט קיין איין רגע אין דער צוקונפט פון אונדזער לאַנד, טראָץ אַלע ראַנגלענישן און שטערונגען וואָס וואַרטן אויף אונדז . . .

„כ׳האָב פאַרפעלט צו שרייבן וועגן דעם וואָס באַשעפטיקט מיך צומייסטן: די מאַמע. כ׳קען איצט וועגן איר נישט שרייבן. . . . גענוג שוין מיט דעם ברוו. כ׳וויל האָפן אַז דער בריוו וועט צו דיר אָנקומען איידער דו לאָזט זיך אַרויס אין וועג אַריין. אָדער דו וועסט דאָס אפשר לייענען נאָך דעם ווי מיר וועלן זיך באַגעגענען. . .

„מיט ליבשאַפט אָן אַ גרענעץ,

דיין שוועסטער."

נאָכבאַמערקונג צום בריוו:

„דעם בריוו האָב איך געשריבן איידער כ׳האָב אָנגעהויבן דעם קורס אין פאַראַשוט־פליערײַ. ווען כ׳האָב גענומען דעם בריוו לייענען, האָב איך אַליין נישט פאַרשטאַנען וועגן וואָס דאָ רעדט זיך. . .



„אַנטשולדיק מיר, גיורי, וואָס כ׳בין געווען געצוווּנגען דיר צו זאָגן ליגן אפילו אין די גליקלעכע מינוטן פון אונדזער באַגעגעניש. דו ביסט געווען אַזוי ניי און גרין אין אונדזער לעבן, אַז כ׳האָב דיר נישט געקענט זאָגן דעם אמת. כ׳בין זיכער אַז איצט וועסטו מיך שוין פאַרשטיין..."

וועגן אָט דעם בריוו האָט איר ברודער שפּעטער דערציילט, אַז ער האָט אים ערשט באַקומען פון חנה סענעשן, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן נאָך זיין אָנקומען אין ארץ ישראל. זי האָט דעם בריוו אין זיין אָנוועזנהייט פריער איבערגעלייענט און דערנאָך אים צוריקגענומען פון אים. דעמאָלט האָט ער נישט פאַרשטאַנען אַז אין דעם בריוו זיינען פאַראַן געוויסע אָנצוהערענישן, אַלץ איז אים ערשט קלאָר געוואָרן, ווען ער האָט דעם בריוו געקראָגן צום צווייטן מאָל. . .

חנה האָט געהאַלטן פאַר איר מאָראַלישן חוב צו שרייבן בריוו צו אירע נאָענטע, איידער זי לאָזט זיך אַרויס אין וועג אַריין. זי איז געוואָרן דורכגענומען פון אומהיימלעכע פאָרגעפילן. עפּעס אַ טיפער אומדערקלערבאַרער כוח האָט איר געשטויסן זיך אַראָפּצורייסן פון האַרצן פאַר די אייגענע, גלייך זי וואָלט זיך באַמיט צו באַפרייען פון אַ שווערער, פּסיכישער לאַסט.

דעם צווייטן בריוו, דאַטירט דעם 15טן יאַנואַר, 1944, האָט זי געשריבן צו איר אָנקל, וועלכער האָט זיך געפונען אין ארץ ישראל:

„מיין טייערער אָנקל:

„איך ווייס גענוי, אַז דו ביסט קעגן מיין שריט און איך באַדויער וואָס כ׳קאָן דיר נישט אויפקלערן מיט מער איינצלהייטן די אורזאַכן, וואָס שטויסן מיך צו דער שליחות. איך האָף, אַז דו וועסט אויפהיטן די אַלטע פריינדשאַפט צו דיין טאָכטער, די סאָלדאַטקע... און וואָס אָנבאַלאַנגט דער מאַמע, האָבן מיינע פּלענער זיך נישט געענדערט. פאַרקערט, די נייע סיטואַציע שאַפט בעסערע מעגלעכקייטן און כ׳וועל זיך באַמיען דאָס אויסצונוצן מיט דער גרעסטער שנעלקייט.

„איך האָף אַז אויך מיין ברודער וועט קומען אַהער, און אפשר וועל איך אין צווישנצייט זיך שויך געפינען אין אויסלאַנד. זאָלסט נישט טראַכטן, אָנקל, אַז איך נעם אויף דאָס פּראָבלעם לייכטזיניק. דו ווייסט דאָך מיט וויפל דערוואַרטונג איך האָב אויסגעקוקט אויפן אָנקום פון מיין ברודער און מיין מאַמע. און טראָץ דעם גלויב איך, אַז איך טו אַ גערעכטע זאַך. ביי אַנדערע באַדינגונגען וועל איך, פאַרשטייט זיך, קענען דערקלערן אויספירלעכער וועגן די איצטיקע אורזאַכן...

איך וואָלט וועלן, אַז דו, מיין אָנקל, זאָלסט גענוי וויסן וועגן דער מאַטעריעלער לאַגע, כדי מיין מאַמע און מיין ברודער זאָלן קענען קריגן געלט נאָכן אַהערקומען און נישט דאַרפן וואַרטן ביז איך וועל זיין צוריק... ס׳קען זיין אַז כ׳וועל זיך פאַרזאַמען לענגער אין אויסלאַנד. ס׳געלט, וואָס איז געווען אויף מיין נאָמען, האָב איך אַיינגעלייגט אין דער קאַסע פון קיבוץ המאוחד — לויט דער קבלה וואָס כ׳שיק דיר איצט אין בריוו. זיי וועלן קענען אַרויסנעמען דאָס געלט צו יעדער צייט...

„נאָך אַ וויכטיקע זאַך וויל איך דיר לאָזן וויסן, אָנקל. אין פאַל כ׳וועל נאָך נישט זיין צוריק אין לאַנד, אָדער מען וועט מיר נישט גלייך געבן קיין אורלויב — האָט דער סעקרעטאַריאַט פון קיבוץ המאוחד מיר ערנסט צוגעזאָגט צו העלפן דער מאַמען מיט אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך. זיי וועלן איר געבן אינפאָרמאַציע וועגן מיר, אין פאַל כ׳וועל נישט קענען שרייבן — אַ זאַך וואָס כ׳קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן... כ׳וויל דו זאָלסט אויך וויסן, אָנקל, וועגן דער וואַליזע וואָס געפינט זיך ביי דער פאַמיליע ק. און וואָס קען זיין אַ גרויסע הילף פאַר דער מאַמען. אויך אין דער קבוצה אין קיסריה געפינט זיך אַ וואַליזע מיט דעם טאַטנס ביכער און אַנדערע פּריוואַטע דאָקומענטן. . .

„זאָלסט זיך נישט וווּנדערן, אָנקל, איבער דעם סטיל פון דער דאָזיקער „צוואה" מיינער... אָבער אַזוי ווי אין קורצן וועל איך אָפּפאָרן קיין מצרים, וויל איך נישט, אַז ווען מיין מאַמע און מיין ברודער וועלן קומען, זאָל מיין אָנקל נישט וויסן וועגן די אַלע זאַכן. . .

„אַנטשולדיק וואָס איך באַלעסטיק דיך מיט אַזוי פיל ענינים, אָבער זינט כ׳בין

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# לידער

## מיך שרעקט

גיב מיר דעם דינסטן שטראַל פון אמונה,
אין מיין אַנטלויף פון ברענענדיקע וועלטן
זאָלן דיינע טירן ניט זיין געשפּאַרט.
ביים בלויען הימל־ברעג מיך ניט סטראַשען ווידער
מיט „דאַווי נאַזאַד״.

טריף אין מיינע אָדערן אַ טראָפּן גלויבן,
זאָל זיין פאַרבלענדעניש, פידל־קלאַנג
פון בעטלערס בלינדע;
ס׳איז פאַרצערט די וועלט פון אָדמס קינדער.

גיב מיר די הבטחה פון באַשירעמטן פּאָעט
אויף יענער זייט מויער, אין פאַרטייעטן ראָג,
צו באַזינגען די ווייען פון נייעם טאָג.

מיך שרעקט די נאַכט־פּיאַפּקע,
וואָס צאַפּט פון מיינע שטערן די ליכט־
פאַרמשפּטע מיר פלאַטערן
אין שפּינגעוועב,
ווי די העלדן פן פראַנץ קאַפקאַ.

1980

## צום וואַלדיקע ראַנד

יעדער טאָג גייט אויס אין שלאַכט,
אַ בלוטיקער,
פן בוים אַן אָפּגעפּליקטער בלאַט
וואָס פאַלט אַריין אין נאַכט.

אין די אָדערן פון וויגנדיקע ביימער
פאַרהוילן ריזלט אונדזער אימה;

---

געקומען אין לאַנד אַריין, האָב איך זיך געמאַכט אַ געוווינהייט זיך צו ווענדן צו מיין אָנקל ביי יעדער צרה... און מיין אָנקל האָט מיך שטענדיק אַרויסגעוויזן צערטלעכקייט, ליבשאַפט און גרייטקייט צו העלפן...

„מיט וואַרעמער ליבשאַפט און אַ סך דאַנק,
חנה סענעש.״

דאָס איז געווען איינער פון אירע לעצטע בריוו, וואָס זי האָט געשריבן, איידער זי האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויפן וועג, פון וואַנען זי איז מער נישט צוריקגעקומען.



טעג צעבלעטערטע פליען
אין קלאָגנדיקן ווינט,
צום וואַלדיקן ראַנד איך וואָגל
אין האַרבסטיקן רעגן —
אַן אמבאַהאָלפן קינד.

ווען ס׳וועלן זיך שליסן בין־השמשותדיקע טויערן,
וועלן יתומען אין וואַלד פּיאָלעטע בענקשאַפטן,
גליאיקע באַדויערן.

1981

## וואָס די לבנה דערציילט

ווי אי הינערפּלעט, תמימותדיק זיי שטאַרן
אויף פלאָנטערוועגן פון געשיכטע;
פרעמד־פאַרווירטע זיי גלאָצן אויף מיר
מיט צעטומלטע געזיכטער.

ווער וועט פאַרזייען דיינע טעג
מיט אלף־ביתן, גאָלדענע קערנער,
האַלטן ס׳ווייסע ציגעלע ביי די הערנער.

ס׳ליד ווער וועט דיר זינגען
פון מיין טאַטנס אור־נאַכט,
— ציילן זיינע אויפגעבליצטע שטערן
ביי טישן געדעקטע מיט זמירותדיקע טרערן.

אין דיינע אויגן כ׳וועל אַריינשיינען
נאָך פון ערב־געטאָ אונדזער טרויער אָנגעגליטן,
מיט קליינע פענצטער
אין כיסלו־שניי געהילטן.

כ׳וועל גיין מיט דיר באַנאַנד
אין דמיון־לאַנד
פון יידיש־עפּל־סאָד צעבליטן.

צווישן מויערן מיט פּרצ׳ס קינדער
געפּרוירענע, פאַרשנייט
אַ פאַרבליפּטער , שטוינענדיק וועסטו הערן
וואָס די לבנה דערציילט.

חיים מאַלטינסקי / ישראל

# דער מאָסקווער משפּט איבער די ביראָבידזשאַנער*

## פרילינג 1941-טן יאָר...

אין די יאָרן 1937-1938 ווערן אין ווייסרוסלאַנד פאַרמאַכט אַלע יידישע אָנפאַנג־שולן און מיטלשולן. די וויטעבסקער און מינסקער פּעדאַגאָגישע טעכניקומס, דער־יאָריקער מינסקערמ יידישער לערער־אינסטיטוט, דער יידישער אָפּטייל פונעם ווייסרוסישן לערער־אינסטיטוט, דער יידישער אָפּטייל פונעם ווייסרוסישן אוניווערסיטעט, די יידישע קינדער־צייטונג „יונגער לענינעץ"; עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן די אָנגעזעענסטע גרעסטע יידישע שרייבער און קולטור־שעפער פון ווייס־רוסלאַנד: איזי כאַריק, יאָשע בראָנשטיין, משה קולבאַק, חיים דוניעץ, ראַפּאַלסקי — קינסטלערישער אָנפירער פון יידישן מלוכה־טעאַטער פון ווייסרוסלאַנד; עליע אָשעראָוויטש, בער, מ. ליבערמאַן, ד. קורלאַנד און פיל־פיל אַנדערע. אָבער אויף דעם האָבן זיך די סאָוועטישע גזירות נישט פאַרענדיקט.

אין פרילינג פונעם 1941טן יאָר, מיט אַ צוויי־דריי חדשים פאַרן אָנפאַל פון דייטשלאַנד אויף סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט די געהיים־פּאָליציי פון ווייסרוסלאַנד, אונטער דער אָנפירונג פון דעם ערשטן סעקרעטאַר פון דער קאָמפּאַרטיי פון ווייסרוסלאַנד, דעם באַוווסטן פּאָליטישן אינטריגאַנט און אַנטיסעמיטישן קאַריעריסט קאָנדראַט פּאַנטעליימאָנאָוויטש, צוזאַמען מיטן שעף פון דער ווייסרוסלענדישער מ.ג.ב. דעם גרוזין צענאָווע, אָנגעהויבן צו פאַרווירקלעכן אַ ברייטע אַקציע פון ענדגילטיק צו ליקווידירן די רעשטלעך פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור אין ווייסרוסלאַנד.

דער מ. ג. ב. האָט נישט געלאָזט צורו דער פאַקט, וואָס אין ווייסרוסלאַנד לעבן נאָך אַ סך יידישע שרייבער. דער באַלשעוויסטישער זשאַנדאַרמעריע אין ווייס־רוסלאַנד האָט געקימערט די נישט־געווונטשענע פּראָפּאָרציע פון די יידישע שרייבער אינעם שרייבער־פאַריין פון ווייסרוסלאַנד, פון די אומגעפער 65-60 מיטגלידער פון שרייבער־פאַריין אין ווייסרוסלאַנד זענען העכער 30 געווען יידישע שרייבער. דערצו נאָך האָט זיך אין יענער צייט — נאָך סעפּט. 1939 — באַזעצט אין ווייסרוסלאַנד דער עיקר אין ביאַליסטאָק, אַ גרויסע גרופּע פון יידישע שרייבער פון פּוילן. סוף 1939 און אין אָנהייב 1940 זענען פאָרגעקומען גאַנץ אָפטע באַגעגענישן, ליטעראַרישע אָוונטן אין ווילנע, ביאַליסטאָק, פּינסק. אויף די אָ וזאַמענקונפטן פלעגן אויך אַראָפּקומען מאָסקווער יידישע שרייבער, און די מ.ג.ב. פון ווייסרוסלאַנד איז צו דעם ניט „גלייכגילטיק" געווען. באַזונדערס פּאָנאָמאַרענקאָ האָט אין די אַלע ליטעראַרישע באַגעגענישן פון יידישע שרייבער „איינגעזען" אַ וואַקסנדיקע „מרידה" קעגן מאָסקווער קרעמל און אָנשטאָט צו פאַרנעמען זיך מיט דער סאָוועטישער גרענעץ, צו זען וואָס עס טוט זיך פון יענער זייט בריסק, ווי אַזוי עס גרייטן זיך צום באַפאַלן סאָוועט־רוסלאַנד די היטלעריסטישע דיוויזיעס, האָט פּאָנאָמאַרענקאָ און צאַנאָווע אויפגעהויבן זייערע מענטשן אין קאַמף מיט די יידישע שרייבער; עס האָבן זיך אָנגעהויבן רדיפות אויף די יידישע שרייבער אין ווייסרוסלאַנד, מ'האָט אָנגעהעצט איין גרופּע שרייבער אויף די אַנדערע אַזוי אין אַפּריל 1941 — אַן אָנדערהאַלבן חדשים פאַרן נאַצי־אָנפאַל פון היטלערן האָבן זיך אין מינסק אָנגעהויבן אַרעסטן פון יידישע שרייבער. עס איז אַרעסטירט געוואָרן זעליק אַקסלראָד, עליע קאַהאַן און הירשל ברעיאָזקין. עס האָבן זיך געגרייט נאָך און נאָך אַרעסטן. די מ.ג.ב. מאַשין איז געלאָזט געוואָרן אין פולן גאַנג.

סוף אַפּריל, אַזייגער 3 בייטאָג, ווען איך בין אַרויס פון רעדאַקציע (איך האָב שוין דאַן געאַרבעט אין דער ווייסרוסישער יוגנט־צייטונג „טשערוואָנאַיאַ זמענאַ"), האָבן מיר צוויי אומבאַקאַנטע ציווילע יונגעלייט „איידל" אָנגענומען פון ביידע זייטן פאַר די אָרעמס און אויף „שטום־לשון" אַוועקגעפירט צום גרויסן טשעקאַ־מויער אויף אוריצקע גאַס. די צוויי האָבן אַ פּראַל־אויף געטאָן פאַר מיר איינע פון די דרויסן־טירן... אין משך פון 14 שעה איז געגאַנגען מיין „פאַרהער", אָן אַן איבערייס. אין אַ 5-6 צימערן האָבן פאַרשיידענע טשעקיסטן פון פאַרשיידענע ראַנגען אַרויסגעשטעלט פאַר מיר „גרויזאַמע" באַשולדיקונגען אין קאָנטער־רעוואָלוציע און נאַציאָנאַליזם. מען האָט מיר אויסגעלייענט אויסצוגן פון צענדליקער מיינע נאָך־נישט געדרוקטע לידער, אַרויסזאָגונגען און געשפּרעכן וועלכע איך האָב ערגעץ געפירט — ווען, ווו און ביי וועלכע אומשטענדן און מיט וועמען — און ערשט אַזייגער 5 באַגינען, ווען עס האָט שוין גענומען טאָגן, האָט מען מיך אַ מטושטשן, אַ צעטומלטן, אינגאַנצן פאַרלוירענעם, אַרויסגעשטופּט אויף דער גאַס.

... אין אַ חודש אַרום האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה און איך בין אַוועק אויפן פראָנט.

די שטימונג מיינע אין יענע גרויזאַמע טעג איז געווען אַזאַ געדריקטע, דער יאוש אַזוי גרויס: דער פּלוצימדיקער אָנפאַל פון דער היטלער־אַוויאַציע אויף דער הויפּטשטאָט פון ווייסרוסלאַנד, מינסק, ווו איך האָב געלעבט מיט מיין פאַמיליע (פון וויטעבסק איז צו מיר געקומען אויף זומער מיין מאַמע); דאָס חרוב ווערן פון מינסק אין משך פון 2-3 טעג, אָן קיין שום ווידערשטאַנד און שוץ פון דער „מעכטיקער" רויטער אַרמיי", דאָס שיידן זיך מיט מיין משפּחה — מוטער, פרוי און זיבן־יאָריקן זון — אין דער מיט פלאַמען־אַרומגעכאַפּטער שטאָט און דאָס אינערלעכע חלשות־געפיל, וואָס איך בין געצוווּנגען געווען צו שטיקן אין זיך — דאָס בעסטיאַלישע, מערדערישע צעטרעטן פון דעם יידישן וואָרט, סאַמע ערב דעם היטלער־אָנפאַל — דאָס אַלץ האָט ווי שווערער שטיין געפּרעסט מיין נשמה. די דעפּרעסיע איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב אפילו נישט געוואָלט מעלדן זיך אַלס סאָוועטישער שרייבער, וואָס דאָס וואָלט מיך אפשר געגעבן אַ מעגלעכקייט אויסגענוצט צו ווערן אויפן פראָנט אַלס שרייבער־זשורנאַליסט. איך בין גלייך אין די ערשטע מלחמה־טעג אַוועק אויפן פראָנט אַלס געוויינלעכער אָפיצער, נישט פון קיין הויכן ראַנג, אין די שיסער־טיילן, ווי אַ פעכאָטנער (פוסגייער) סאָלדאַט.

אין משך פון די פיר מלחמה־יאָרן האָב איך, מיט קליינע אויסנאַמען, מיט קיינעם פון די שרייבער זיך נישט דורכגעשריבן; געווען אָפּגעווייטערט פון די שרייבער־אָרגאַניזאַציעס. בלויז צופעליק איז צו מיר דערגאַנגען, אַז די מערסטע יידישע סאָוועטישע שרייבער האָבן מלחמה געהאַלטן אַלס שלאַכטלייט מיט דער ביקס אין דער האַנט און אַז אַ סך פון זיי זענען דערהרגעט געוואָרן.

אין משך פון די פיר מלחמה־יאָרן בין איך די גאַנצע צייט געווען אויפן פראָנט און ביי די שלאַכטן פאַר בערלין שווער פאַרווונדעט געוואָרן.

## דער מינסקער יידישער דענקמאָל

אין אייניקע מאָנאַטן אַרום, נאָך מיין צוריקקער פון שפּיטאָל קיין מינסק, זומער 1946, האָבן מיך, אַן אינוואַליד אָפיצער אין רעזערוו פון דער סאָוועטישער אַרמיי און יידישער שרייבער, גענומען באַזוכן מינסקער יידן, באַקאַנטע און פריינד. דאַן איז אויפגעקומען דער געדאַנק פון שטעלן אַ דענקמאָל לזכר די פינף טויזנט יידן פון מינסקער געטאָ, וועמען די דייטשישע מערדער האָבן — צוזאַמען מיט זייערע אוקראַינישע, ליטווישע און ווייסרוסישע מיטהעלפער — פאַרטיליקט אין דער גרויסער אַקציע אין יאָר 1942. די דאָזיקע פינף טויזנט קדושים זענען דאַן באַגראָבן געוואָרן אין אַ טאָל צווישן די מינסקער הינטערגעסלעך, נישט ווייט פון יידישן בית־עלמין. ביים פּלאַנירן דעם מאָנומענט האָב איך געשטעלט אַ באַדינג, אַז אויף דעם דענקמאָל זאָל זיין אַן אויפשריפט אין יידיש. איך האָב גענומען אויף זיך דעם חוב אָנצושרייבן דעם פאָלגנדיקן טעקסט, וואָס איז אויסגעקריצט געוואָרן אויפן מאָנומענט:

> „אַ ליכטיקן אָנדענק אויף אייביקע יאָרן די פינף טויזנט יידישע קדושים וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די בלוטיקע שונאים פון דער מענטשהייט — די פאַשיסטישע דייטשע מערדער תליונים."

---

מיט דער דערלויבעניש פון מחבר.

דעם זעלבן טעקסט האָב איך איבערגעזעצט אויף רוסיש און אויך דער רוסישער טעקסט איז אויסגעקריצט געוואָרן אויפן דענקמאָל.

עס איז נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט ביז דער צענזאָר האָט באַשטעטיקט די דאָזיקע אויפשריפטן אויפן דענקמאָל און דאָס עצם שטעלן דעם דענקמאָל. דער מינסקער שטאָטישער צענזור־אַמט האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַשטעטיקן דעם יידישן טעקסט. דאַן זענען די מינסקער יידן, וועלכע האָבן דירעקט זיך פאַרנומען מיט שטעלן דעם דענקמאָל, ווידער געקומען צו מיר טענהנדיק, אַז איך, סיי אַלס יידישער שרייבער און סיי אַלס אָפיצער־אינוואַליד פון דער מלחמה, דאַרף גיין אין צענזור און קעמפן פאַר דער זאַך, ווי שווער דאָס זאָל נישט זיין.

מיינע ווונדן זיינען נאָך געווען פריש און מיט דעם איינעם באַשעדיקטן פוס וואָס איז מיר פאַרבליבן האָב איך זיך קוים געקענט באַוועגן און אַרויפשלעפּן זיך אויפן העכסטן שטאָק פון מינסקער רעגירונגס־הויז. דאָס איז געווען פאַרבונדן ממש מיט מסירות נפש און מיינע באַנדאַזשן אויפן פוס זענען געווען פול מיט בלוט. ווען איך האָב זיך אַריינבאַקומען אין קאַבינעט פון דעם פאַרוואַלטער פון דעם רעגירונגס־צענזאָר איז מיין ווייטיק געווען אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב נישט געקענט צוימען מיינע טרערן. אין אפשר זענען די טרערן געקומען אויך פון די אומשטענדן. ווען איך האָב זיך געוואָנדן צום הויפּט־צענזאָר און דערקלערט:

— אין דעם גרוב, צווישן די פינף טויזנט יידן פון מינסקער געטאָ, ליגן אויך מיין מוטער, מיין פרוי און מיין 7 יאָריקער זון...

אין אָט דעם מאָמענט האָט דער הויפּט־צענזאָר באַשטעטיקט ביידע אויפשריפטן און איינציייטיק געגעבן די דערלויבעניש אויפצושטעלן דעם דענקמאָל בכלל.

## מיין פאָרן קיין ביראָבידזשאַן

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער ווען איך בין אַרעסטירט געוואָרן דורך די מ.ג.ב.־לייט, איז איינע פון די הויפּט־באַשולדיקונגען קעגן מיר געווען מיין „נאַציאָנאַליסטישער, אַנטי־סאָוועטישער אויפשריפט אויפן דענקמאָל נאָך די מינסקער יידן". די מ.ג.ב.־לייט האָבן דאָס באַטראַכט ווי אַ פאַרברעכן קעגן דער „סאָוועטישער פעלקער־פריינדשאַפט".

אין האַרבסט פון יאָר 1947, אַנטוישט אין דער צוקונפט פון אַ יידיש קולטור־לעבן אין מינסק, האָב איך באַשלאָסן מיט מיין פרוי (מיין צווייטע פרוי), די שוועסטער פונעם יידישן דיכטער ה. שוועדיק, איבערצוּוואַנדערן קיין ביראָבידזשאַן. גראָד אין יענער צייט האָט מען אין דער ציַיטונג „איינִיקייט", אָרגאַן פון יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, אַ סך געשריבן וועגן דער פערספעקטיוו פון ביראָבידזשאַן, וועגן דעם, אַז די יידישע סאָוועטישע אינטעליגענץ דאַרף זיך זאַמלען אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט.

איך האָב אָנגעשריבן צום סעקרעטאַר פון געגנט־קאָמיטעט פון פאַרטיי פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, אַלעקסאַנדער באַכמוטסקי, און באַקומען פון אים אַן איינלאַדונגס־טעלעגראַמע אויף קומען אַרבעטן אין דעם ליטעראַרישן אַלמאַנאַך „ביראָבידזשאַן", און אין סעפּט. 1947, פאַרלאָזן אונדזער קלייך צימערל אויף ראָזע לוקסעמבורג גאַס אין מינסק, זענען מיר באַגינען אַוועקגעפאָרן מיט אונדזער „האַק און פּאַק" אויפן מינסקער וואָקזאַל..

מיין פאַרלאָזן מינסק אין יאָר 1947 איז געווען אויך אַ פּועל יוצא פון דער שוידערלעכער אַטמאָספערע וואָס עס האָט „געשוועבט" אין דער לופטן אין דער באַציִונג צו יידן מצד דער באַפעלקערונג אין ווייסרוסלאַנד. די פויערים פון ווייסרוסישן דאָרף, פון די שטעטלעך און פון די שטעט, וווּ עס האָבן געלעבט קאָמפּאַקטע מאַסן יידן, האָבן מיט די אייגענע אויגן געזען ווי הפקרדיק מען האָט זיך אין די אָקופּאַציע־יאָרן באַגאַנגען מיט די יידן, און אויסער דעם האָבן דאָך טויזנטער ווייסרוסישע פּאָליציילייט געהאָלפן מיט ביידע הענט צו קאַטעווען און צו קיילען די יידישע באַפעלקערונג. און איך, וואָס האָב זיך צוריקגעקערט פון פראָנט אין יאָר 1946, האָב אין די אויגן פון די ווייסרוסן דערשפּירט, אַז היטלערישע אַנטי־יידישע פּראָפּאַגאַנדע איז אַריין אין בלוט און פלייש פונעם ווייסרוסישן המון.



מען האָט אויף די יידן, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט פון עוואַקואַציע, געקוקט (באַזונדערס די וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט צו זיך אַהיים אין די שטעטלעך און קליינע ישובים) מיט ביטול און גרינגשעצונג — די נישט־דערהרגעטע, די נישט־דערקוילעטע... מיר איז דאָס שווער געווען אַריבערצוטראָגן.

פאַר די יידישע שרייבער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד איז קיין סוד נישט געווען אַז דער ענין ביראָבידזשאַן איז שוין קיין אויסגעבלאָזענע איי נישט ווערט, און דאָך האָט די אינערץ, דער טרוים פון וועלן זיין אַ פאָלק פאַר זיך, געצויגן די אויפמערקזאַמקייט אויך צו ביראָבידזשאַן. מען האָט נאָך עפּעס געהאָפט, אפשר וועט דאָך פון דעם עפּעס אויספּיקן, אפשר וועט געשען אַ נס — „אַז גאָט וויל שיסט דאָך אַ בעזעם אויך." כאָטש ווער־ווער, נאָר דער עלטערער דור פון סאָוועטיש־יידישע שרייבער — אין דער ערשטער ריי דוד בערגעלסאָן, יוסף ראַבין, ה. דאָבין, יחיאל פאַליקמאַן, איציק פעפער, ש. האַלקין און אַנדערע — זענען דאָך געווען לעבעדיקע עדות פון דעם חורבן, וואָס דאָס 1937טע יאָר האָט געמאַכט אין ביראָבידזשאַן, ווי אַזוי עס זענען אומגליקלעך געוואָרן די טרוימער פון אַ יידישן קאָמוניסטישן נאַציאָנאַלן איינס די איבערוואַנדערער פון אַרגענטינע, פון קאַנאַדע, פון ליטע... די מערהייט פון זיי זענען ווי אויסלענדישע שפּיאָנען אַרעסטירט געוואָרן און פאַרשיקט דורך יעזשאָוון אין די סטאַלינישע לאַגערן, וווּ זיי זענען אומגעקומען.

## גרויזאַמע באַשולדיקונג — פאַרראַט און שפּיאָנאַזש...

אומגעפער סוף חודש יוני האָט אָזירסקי, אויף אַ ביינאַכטיקן פאַרהער, אַרויסגעשטעלט מיר אַ גרויזאַמע באַשולדיקונג — פאַרראַט און שפּיאָנאַזש. די באַהויפּטונג איז געווען אַ פאָלגנדיקע: אין מינסק האָט דער אַרעסטירטער יידישער שרייבער אייזיק פּלאַטנער זיך „מודה" געווען אין דעם, אַז ער איז „אַן אַלטער אַמעריקאַנער שפּיאָן" און האָט געהאַלטן פאַרבינדונגען מיט דער אַמעריקאַנער אויסשפּירונג. און ווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אין יאָר 1946 געקומען צופאָרן פּ. נאָוויק, „איינער פון די אָנפירער פון דער אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש אַגענטור", און אייזיק פּלאַטנער האָט אים, פּ. נאָוויקן, איבערגעגעבן „שפּיאָנישע ידיעות", בין איך, חיים מאַלטינסקי, דערביי געשטאַנען און האָב געשוויגן. הייסט עס, האָט מיך אָזירסקי געטאַדלט, אַז איך האָב מיט מיין שווייגן באַשטעטיקט די שפּיאָנישע ידיעות. אָזירסקי האָט מיר פאָרגעלייענט אויסצוגן פון אייזיק פּלאַטנערס באַווייזן.

אין משך פון זיבן חדשים האָב איך אויף אַלע פייניקספולע פאַרהערן געפירט אַ קאַמף אויף לעבן און טויט, אָפּצוּוואַרפן פון מיר די דאָזיקע אומגעלומפּערטע אומדערהערט־ליגנערישע באַשולדיקונגען — נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. אָזירסקי האָט די גאַנצע צייט תליניש געוואָרפן מיר אין פנים מיין שפּיאָנישע און פאַררעטערישע טעטיקייט. מיט אומבאַשטרייטבאַרע לאָגישע דערווידערונגען האָב איך ביי יעדן פאַרהער געפּרוּווט זיך באַפרייען פון דעם דאָזיקן „טויט־שלייף". איך האָב געטענהט: פאַר מיר איז דער רעדאַקטאָר פון דער קאָמוניסטישער צייטונג „מאָרגן־פרייהייט", אָנגעהויבן פון מיינע יונגע יאָרן, געווען אַן אויטאָריטעט פון איינעם פון די אָנפירער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין אַמעריקע, און ווי אַזוי קען נאָוויק זיין אַן אָנפירער פונעם אַמעריקאַנער אויסשפּיר־אָפּטיילונג, אַז ער איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געקומען אַלס אַן אָנגעזעענער גאַסט פון אַ צענטראַלער קאָמוניסטישער צייטונג „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ"?

און איך האָב דערציילט אַלע פרטים מיט אַלע איינצלהייטן פון געשעענעם, אַז געשען איז דאָס אין יאָר 1946. איך האָב באַקומען פון מאָסקווע אַ טעלעגראַם פון איינעם פון די אָנפירער פון די מאָסקווער יידישע שרייבער, פון דעם אָנגעזעענעם פּאָעט־פראָנטאָוויק אַרן קושניראָוו, וועלכער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים מיט נאָוויקן באַגעגענען אויף מינסקער וואָקזאַל. אין דעם זעלבן טאָג בין איך מיט

דער טעלעגראַם אַוועק אין שרייבער־הויז צום אָנפירער פונעם ווייסרוסישן שרייבער־פאַריין, מיכאַיל טיכאָנאָוויטש לינקאָוו. לינקאָוו האָט דעם פאַראַנטוואָרטלעכן סעקרעטאַר פון שרייבער־פאַריין פאַוועל קאָוואַליאָוו און מיך אַוועקגעשיקט אין אויסערן־מיניסטעריום פון ווייסרוסלאַנד, ווייל נאָוויק איז אַן אויסלענדער און עס איז באַשטימט געוואָרן צו באַגעגענען קושניראָוון און נאָוויקן אויף צוויי אויטאָ־מאַשינען — איין מאַשין האָט אויסגעטיילט דער שרייבער־פאַריין, און די אַנדערע מאַשין — דאָס אויסערן מיניסטעריום. נאָר ווען מיר זענען געקומען צום וואָקזאַל באַגעגענען נאָוויקן און קושניראָוון, זענען זיי שוין אויפן וואָקזאַל נישט געווען. לאָזט זיך אויס אַז נאָוויק האָט פאַרן אַרויספאָרן פון מאָסקווע קיין מינסק געגעבן אַ טעלעגראַם צום אַקאַדעמיקער ניקאָלסקיס פרוי, דאַכט זיך, ביטלמאַן. איר ברודער ביטלמאַן איז אין אַמעריקע איינער פון די אָנפירער פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פאַרטיי. און דעם אַקאַדעמיקערס פרוי האָט באַוויזן פריער פון אונדז באַגעגענען נאָוויקן מיט קושניראָוון און נעמען זיי צו זיך אַהיים.

אונדזער ערשטע באַגעגעניש מיט נאָוויקן, מיינע צוזאַמען מיט די יידישע דיכטער פון מינסק, ה. קאַמענעצקי און אייזיק פלאַטנער, איז פאָרגעקומען ביים אַקאַדעמיקער אין שטוב, ווו עס זענען געווען נאָך אַ סך געסט. דערנאָך האָט דער שרייבער־פאַריין פון ווייסרוסלאַנד איינגעאָרדנט אַ ספּעציעלע באַגעגעניש מיטן נאָוויקן אין שרייבער־פאַריין. אויף דער באַגעגעניש זענען בייגעווען די אָנגעזעענסטע ווייסרוסישע שרייבער.

איך האָב געטענהט צו אָזירסקין, אַז אויף די דאָזיקע באַגעגענישן מיט נאָוויקן זענען בייגעווען צענדליקער מענטשן. זיי זענען אַלע עדות געווען פון דעם וואָס פלאַטנער האָט איבערגעגעבן נאָוויקן און איך האָב דערביי געשוויגן און וואָס פאַראַ קאָנקרעטע שפּיאָנישע ידיעות האָט דאָס פלאַטנער איבערגעגעבן נאָוויקן? זאָל מען נאָך אַמאָל פרעגן ביי פלאַטנערן.

דאָס אַלץ האָב איך מיט צאָרן און פאַרצווייפלונג איבערגעחזרט אויף יעדן פאַרהער. נאָר ס'האָט מיר געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס: דער גרויזאַמער „יאַרליק" (אָפּצייכן) פון אַמעריקאַנער שפּיאָן איז צו מיר געווען צוגעקלעפּט אויף נישט אָפּצוקלעפּן. מיר איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַ באַשולדיקונג פאַר וועלכער עס האָט געדראָט טויט־שטראָף.

די טעג און נעכט זענען מיר אַדורך אין גרויליקע מחשבות, און גראַד דאַן האָט מיין האַרץ און מוח געקאָכט און געברויזט. עס זענען אין מיר אויפגעקומען פאַרבאַהאַלטענע כוחות און ענערגיע — מיין גאַנץ וועזן איז געווען געווענדט צום קאַמף, אומאויפהערלעך צו אויפקלערן די לעפּישקייט פון דער באַשולדיקונג — און דאָס האָט מיר געהאָלפן נישט אַריינצופאַלן אין ענדגילטיקן יאוש און אומקומען. אין משך פון שעהען פלעג איך אומדערמידלעך דערווייזן מיין אומשולד. איך האָב שוין געמוזט דורכבויערן די אויערן פון מיין אויספאָרשער. איך האָב דאַן נישט פאַרשטאַנען, אַז דער גאַנצער פאַבריצירטער ביראָבידזשאַנער ענין איז אויסגעטראַכט געוואָרן נאָר צוליבן ביל־בול אויף די פאַרטייאישע יידישע אָנפירער פון ביראָבידזשאַן, אַז זיי האָבן זיך פאַרקויפט און פאַרווערבירט צום אַמעריקאַנער שפּיאָנאַזש.

## דער חיהשער פחד...

די גאַנצע פאַרצווייפלטע גרופּע (אויך איך בתוכם) האָט נישט געבונדן צווישן זיך קיין אויסגעשפּראָכן הייסער פאַרלאַנג צו בלייבן ביזן סוף אַ ייד, צו גיין אויף קידוש השם און זאָגן אָפן דאָ, ביים באַשלוס פון דער אויספאָרשונג, אַז יאָ, מיר האָבן טאַקע געוואָלט זיין יידן, מיר האָבן געוואָלט זיין אַ פאָלק, איז וואָס קומט אונדז דערפאַר? מיר האָבן געוואָלט אַז די יידישע אויטאָנאָמע געגנט זאָל טאַקע זיין דאָס וואָס זי הייסט — קומט אונדז דערפאַר טויט? אָנשטאָט דעם האָט זיך יעדער פון די אַכט באַשולדיקטע באַמיט מיט אַלע מעגלעכקייטן אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך אַ „ביסל" פון דער לעפּישער, ליגנערישער, אויסגעטראַכטער באַשולדיקונג אויפן אַנדערן. מיר, די "אַכט", האָבן



דאַן אָפּגעשפּיגלט מיט זיך קלאָר און דייטלעך דעם פּנים און אָנבליק פון די סאָוועטישע מענטשן אונטערן יאָך פון דיקטאַטור און גרויזאַמער שרעק פון דער סטאַלין־תקופה. עס איז ביי אונדז געבליבן בלויז דער חיהשער פחד פאַרן אייגענעם נעבעכדיקן לעבן, וואָס האָט שוין קוים געצאַפּלט אין אונדז.

די פּראָטאָקאָלן פון די פּילצאָליקע גראָבע בענדער פונעם פאַבריצירטן ענין האָט צוערשט געלייענט אָזירסקי אַליין, וואָס האָט זיך געפילט ווי דער הויפּט־מחותן אין דער „בלוטיקער חתונה"; נאָר ער האָט, ווייזט אויס, זיך גלייך אַן עצה געגעבן: וואָס דאַרף ער האָרעווען און הייזעריק ווערן צוליב די „פאַרשאָלטענע שונאים פון פאָלק"? — האָט ער די זאַך איבערגעגעבן די „שונאים" אַליין, זאָלן זיי אַליין זיך שטיקן מיט די אייגענע פאַרברעכנס.

באַכמוטסקי און פראַדקין האָבן באַקומען די „בכבודיקע עליות" און געלייענט די פּראָטאָקאָלן. זילבערשטיין, פרידמאַן און איך האָבן די פּראָטאָקאָלן נישט געלייענט. איך האָב בכלל נישט געקענט פליסיק לייענען רוסישע כתב־ידן. אין מיין קאָפּ איז געבליבן זייער ווייניק פון דער זשאַנדאַמערישער צעיושעטער, אומזיניקער תוכחה און ווילדע בילבולים מיט וועלכע עס זענען געווען אָנגעשטאָפּט די הונדערטער זייטלעך פון די פּראָטאָקאָלן. נאָר וואָס איז מיר יאָ געבליבן אין קאָפּ? אַז מען האָט די באַשולדיקונג קעגן אונדז איבערגעפלאָכטן מיטן ענין פון אַנטי־פאַשיסטישן יידישן קאָמיטעט און אַז מען האָט פאַרבונדן די ביידע ענינים — דעם צענטראַלן מאָסקווער און דעם צענטראַלן ביראָבידזשאַנער. דער ביראָבידזשאַנער איז געווען אַ נאָכקרימערישע, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, קאָפּיע פון דעם מאָסקווער ענין פונעם אַנטי־פאַשיסטישן יידישן קאָמיטעט — פונקט מיט דעם זעלבן נוסח און מיט די זעלבע טשעקיסטישע זשאָנגלירונגען.

וואָס זענען געווען די הויפּט־באַשולדיקונגען? די פאַרטייאישע אָנפירער פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט (י.אַ.אָ.) האָבן אויף אַ פאַרברעכערישן אומלעגאַלן אויפן זיך צענויפגעניוכעט מיט די הויפּט־אָנפירער פונעם יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע און צוזאַמען האָבן פעפער, באַכמוטסקי, זילבערשטיין, דוד בערגעלסאָן, לינאַ שטערן און די מאָסקווער יידישע שרייבער געפירט אַ „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן האַנדל" און זענען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט איינעם פון די אָנפירערס פון אַמעריקאַנעם אויסשפּיר־אַפּאַראַט, פסח נאָוויק. דער ציל איז געווען צו שאַפן קינסטלעך פון ביראָבידזשאַן אַ יידישע אויטאָנאָמע רעפּובליק מיט „ווייטגייענדיקע" קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פּערספּעקטיוון פון אָפּרייסן זיך פון סאָוועטן פאַרבאַנד און צושטיין צום אַמעריקאַנעם אימפּעריאַליזם און צו די יאַפּאַנעזער מיליטאַריסטן. אָט דאָס איז געווען דער הויפּט־יאָדער פון דער אומזיניקער באַשולדיקונג. און אַרום דעם האָט זיך אַלץ געקלעפּט און געוואַקסן, ווי אַ גוט־קלעפּיקער שניי, דער גאַנצער צענטראַלער אַנטיסעמיטישער ענין, כדי צו פאַרשוואַרצן דעם פּנים פון די סאָוועטישע יידן פאַר די צוויי הונדערט מיליאָן סאָוועטישע בירגער און צערייצן אין זיי אַ גרויסע שינאה צו יידן, גרייטנדיק זיך צו אַ מלחמה קעגן אַמעריקע.

די צוויי פּראָצעסן — דער פּראָצעס פונעם אַנטי־פאַשיסטישן יידן קאָמיטעט אין מאָסקווע און דער ביראָבידזשאַנער פּראָצעס — האָבן דאָך געגרייט איינע און די זעלבע מענטשן: בעריאַ, מאַלענקאָוו, פאָנאָמאַרענקאָ און גאָגלידזע. דאָס איז פאַקטיש געווען איין פּראָצעס.

צוערשט זענען אין מאָסקווע אַרעסטירט געוואָרן די אָנפירער פונעם אַנטיפאַשיסטישן יידישן קאָמיטעט — איציק פעפער, זשיץ, דער רעדאַקטאָר פון „איינינקייט" און די יידישע שרייבער: פּרץ מאַרקיש, דוד בערגעלסאָן, לייב קוויטקאָ און נאָך און נאָך. דורך די פאָרגעלייענטע פּראָטאָקאָלן איז קלאָר געוואָרן, אַז פון די אַרעסטירטע יידישע שרייבער אין מאָסקווע, קיעוו און מינסק, האָט די מ.ג.ב. במשך פון 1949-1951 „אונטערן חלף" אויסגעפּרעסט באַווייזן וועגן „צוזאַמענאַרבעט", וועגן פאַרברעכערישע אומלעגאַלע באַגעגענישן פון באַכמוטסקין, זיל־

(סוף אויף זייט 31)

משה שקליאַר

# לידער

## שאָטנס

און איך וואָלט וועלן איצט אַ שפּאַס טאָן
פריילעכער זאָל זיין.
זיך באַפרייען פון די לאַסטן
און צוריק אַריין
אינעם ריטעם פון דעם ליד,
וואָס מאַכט האַסטיקער די טריט
און פון האַרצן דעם טיק־טאַק.
נאָר דאָס ליד איז ווי פאַרפלויגן,
אָדער ווייַנט זיך אויס די אויגן
אַלץ נאָך אין באַראַק.
פּוסט איז דאָרטן,
בלויז די שאָטנס
הערן איין זיך
אין געוויין,
וואָס בלייבן הענגען אויף די דראָטן
און ציטערט
אין דער נאַכט.

## אַ טראָפּן שיין

ווי משה, וואָס האָט אויסגעשלאָגן
וואַסער פונעם שטיין,
כ׳וואָלט וועלן אויסשלאָגן פון וואָרט מיינעם
אַ טראָפּן שיין
און מיט דעם אַנטקעגן גיין
דעם אומבאַקאַנטן מאָרגן,
וואָס איז נאָך פאַרבאָרגן
אין שאָטנס פונעם נעכטן
און פון היינט.

און אויב מיין וואָרט וועט דעמאָלט
שוין נישט זיין,
זאָל בלייבן כאָטש
דער טראָפּן שיין —

אַ קליינער שטערן,
וואָס קאָן אַמאָל
אַ זון נאָך ווערן.

## איך נידער איצט אַראָפּ...

איך נידער איצט אַראָפּ אין טאָל,
ווי אַמאָל
מיין עלטער־עלטער זיידע.
נאָר איך האָב נישט געהערט קיין קול
און ס׳וואַרט אויף מיר נישט קיין שום עדה.

איך בין דאָ איינינקער אַליין,
צווישן שטיין
און זילבערדיקן בלענד פון שניי,
ווי דער טאָג, וואָס האַלט אינעם פאַרגיין
אויך איך פאַרגיי, פאַרגיי — — —

ווער ווייסט וווּהין עס פירט דער וועג?
אַ שטאַרע שרעק פאַרגאַנבעט זיך אין אַלע
גלידער.
מיט הענט אין ווייטקייט אויסגעשטרעקט
כ׳בלייב שטיין אַ מידער.

און שטיל עס בעטן מיינע הענט
אַנטקעגן ווענט
פון גרויע, שווייגנדיקע שטיינער:
זאָל מער נישט ווערן שוין געשענדט
ווער ס׳איז געשענדט געוואָרן איין מאָל.

פאַרוואַלגער מיך שוין מער נישט באַרג,
כ׳האָב אויפן קאַרק
נאָך שפּורן פון דיין לעצטן פאַלן.
און איך וואָלט וועלן זיין נאָך שטאַרק
און אויפגיין מיט די מאָרגנשטראַלן!



## מאָנונג

דער אומעט, וועלכן כ׳האָב אַרויסגעטראָגן
פון די פריע ווינטערדיקע שבתצונאַכטן,
ווען אין קיך האָט שוין דאָס לעצטע פלעמל
זיך געלאָשן און דער טאַטע אַ פאַרטראַכטער
האָט וואַרטנדיק אויף ערשטן שטערנבלענד
אַוועקגערוקט די פייערקעס, ס׳זאָל פאַלן
כאָטש אַ טראָפּן שיין אויף אונדזער קעלערשטוב,
און איך בין דעמאָלט גאָר געוועזן אַ בעלן
צו כאַפּן יעדן שאָטן אין די ווינקלען —
יענער אומעט, וועלכער האָט זיך איינגעגעסן
אין די ביינער, ווי אַ קרענק נישט אויסצוהיילן,
ער טויכט אַרויס פון מאָל צו מאָל אינעם זכרון
און מאָנט זיין חלק
פון נישט דערפילטער פרייד אין קינדער־יאָרן.

איש יאיר / מאָנטרעאַל

## פּלאָנטערנישן אויף דער שוועל פון אויסגיין

נאָכן אויס רוישט אַלץ אַן עכאָ,
נאָכן עכאָ גלעט אַ טרייסט.
נאָר איינע
קנייפּט די גאָרע הוילקייט:
דעם קראַן
וואָס טראָפּנט לעצטן טראָפּ,
דעם גוסס
מיט זיין שד אין קאָפּ.

דורך אייביקייטן
האָט געצויגן מיך,
געגלוסטיקט,
צום ענדלאָזן
אַלצפאַרנעמענדיקן
„איך".
איצט,
ווען ס׳פליקט זיך אָפּ
דאָס לעצטע בלעטל
פון מיין לוח,
און
צעלאָזן
כ׳ווער
אין אומפערזענלעכן,
אומבייטנדיקן,
נודנעם
„איך",
ווער וויל עס דען,
ווער גלוסט צו דעם,
ווער דאַרף עס?
נישט איך
שלעפּ מיך
מיט זיך
צו דיין רונצללאָזן
„איך".

שפּיאָנען
עלעקטראָנישע
שנאַפּן
יעדן ציטער
פון מיין לייב.
געזעגנט זיך דער דופק,
דרימלט־איין —
בוקרט מיר
די דאָקטערשע
אין ברוסטנברעט
צו סליחות. —

— לאָזט מיך זינקען
מיט די בינען אין מיין ברוסט,
צו אַלדע רוחות !...

קריכט אויף מיר
דער עקלדיקער שפינענוועב
און קיצלט.
שטאַרבט אַן אבר
נאָך אַן אבר,
פאַלט צעפיצלט.
אויף דער שניטער
מיט די שטשירענדיקע
ציין
גלאָצט אויף מיר
מיט
ביטול.

אויף האָצקענדיקע
ספרענזשינעס
פון מיין טראָן
וואַרט איך.
אין די כמאַרעס
פלאַטערט טאָכטער מיינע
מיט יאָגאָס
הויזנבלאָזנדיקער
פאָן...
זינדלעך מיינע —
קאָפּ און לייב
איך בייסבאָל
און אין האַקי —
בלייבט קיין קרישקע
ניכטערקייט
פאַר עובר־בטל
נעכטיקייט,
פאַר שימלדיקן „מאַקי“.
ווייב מיינס,
לייב מיינס,
פוסט און הויל —
אין מיאַמי
פּרעגלען זיך די קומעס
אין פּוטערדיקן שוויל —
איבריק איר
מיין פעקל ליאַכעס,
נאָך דער זון
בענקט איר געביין.
צו וואָס־זשע נוצט
אַ פוילנדיקער
זאַק געווין?

זאַמלען זיך
צופוסנס מיר
אין זאַנפטן בין־השמשות:
רוחות,
לצים,
גייסטער־רינג —
פאַנטאַסטיש דאָס געזעמל.
איינער
שפּילט
אויף פּיאַנע שטויב,
אַ שרעטל
טאַנצט אויף נאָטן,
אַ נימפע
וויאַנעט
אויף אַ
בלאַט,
און שטאַרבט
פון בענקשאַפט
מאַט.
אַ פייע
שפּרינגט
אויף שפּיץ וואַזאָן,
גייט אויס
מיט לעצטן
טאָן...
ווער־זשע
דאַרף דען
מיינע רייד —
ס'פאַנטאַסטישע
געזעמל?
מיין הייליקייט
קא משמע לן —
נאָך פּוסטער
פון קהלת.
דאָך,
פלאַפּל איך,
דאָך פלוידער איך,
און פלאָנטער
ווי פאַרלוירן,
שיכּור בעלע
שטרויכל איך,
אויף סקאַלעס
אין די וועגן.
די פייער־גלוסט
צו אייביקייט
האָט
ליידיקייט
געבוירן...





שואל גוטמאַן / ניו־יאָרק

# האַלטן מיר ביי אַ צוריקקער צו רעליגיע?

ס'איז נישט קיין נייעס אַז אין דער מערב־וועלט קומט איצט פאָר אַ גייסטיקער קריזיס, און ווי אַ רעזולטאַט פון דעם — אַן איבערשאַצונג פון ווערטן. אונדזער יאָרהונדערט, פון די גרויזאַמסטע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, צייכנט זיך אויס מיט זיינע גולאַגס און אַנטוישונגען, אַז ס'איז נישט קיין ווונדער וואָס מענטשן זוכן פאַנאַציייען צו זייערע ביז איצט אומהיילבאַרע חולאתן. די וויסנשאַפט און די פילאָסאָפיע קענען נישט באַפרידיקן די גייסטיקע נויטן פון מאָדערנעם מענטש, ספּעציעל דעם יחיד מיט אַ התלהבות־געפיל, פאַר וועמען גלויבן איז אַ וואַרץ־באַדערפעניש, נישט קיין שכל־פּראָבלעם. פאַר די דאָזיקע עמאָציאָנעלע נאַטורן איז די וויסנשאַפט צו קאַלט און טרוקן, און דערצו ענטפערט זי נישט אויף די אולטימע פראַגן פון מענטשנס עקזיסטענץ. אַ סך מענטשן קענען נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק פון דער מענטשלעכער באַרענעצטקייט און פאַרגענגלעכקייט. ס'איז אַ צייט פון רעוויזיע, פון אַנטוישונג אין נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעאָלאָגיעס וואָס האָבן צוגעזאָגט גנעדנס אויף ד ע ר וועלט.

איינער פון די געלערנטע, וואָס מעסט כּסדר דעם פּולס פון אונדזער עפּאָכע, איז דער פּראָמינענטער יידיש־אַמעריקאַנער סאָציאָלאָג, דאַניעל בעל, אַ פאָרשער וואָס האָט מיט יאָרן צוריק מאַניפעסטירט אַ סענסיטיוויקייט צו ייד־זיין, אויך אַז ער איז נישט אומבאַקאַנט מיט דער יידישער ליטעראַטור. אין דער פערטל־יאָר־שריפט פון די אַמעריקאַנער הומאַניסטן איז ער לעצטנס אַרויסגעקומען מיט אַן עסיי וועגן „צוריקקער צום הייליקן“ (זע: „פרי אינקווייריי“, האַרבסט 1981), ווו ער פּרובירט אָנצייכענען זיין בליק אויף רעליגיע און איר ראָלע אין דער צונקונפט.

זיין טעזע איז אַ שטאַרק סימפּליפיצירטער און קאָנדענסירטער פאָרם, קען מען סומירן אַזוי: ביים סוף פון 18טן און ביזן 19טן יאָרהונדערט האָט כמעט יעדער אויפקלערונג־דענקער דערוואַרט אַז רעליגיע וועט פאַרשווינדן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. רעליגיע איז געוואָרן אַסאָציאירט מיט איבערגלויבן, פעטישיזם, מיט גלויבענישן וואָס קענען נישט באַוויזן ווערן, מיט מורא. לויט דעם קוק איז רעליגיע אויפגעקומען צוליב שרעק פאַר דער נאַטור — סיי די פיזישע מורא פאַר דער אומגעבונג, סיי די סכנות וואָס לאָקערן אויף דער נשמה און ווערן באַפרייט ביינאַכט. דעם מער ראַציאָנאַלן ענטפער אויף אַלע מענטשלעכע רעטענישן און דילעמעס האָט מען געזוכט אין דער פילאָסאָפיע.

פון סוף 19טן ביזן מיטן 20סטן יאָרהונדערט האָבן כמעט אַלע סאָציאָלאָגן דערוואַרט אַז רעליגיע וועט פאַרשווינדן ביים אָנהייב פון 21טן יאָרהונדערט, ווי דער סאָציאָלאָג מאַקס וועבער האָט עס אויסגעדריקט: „מיטן פּראָגרעס פון וויסנשאַפט און טעכנאָלאָגיע האָט דער מענטש אויפגעהערט גלויבן אין מאַגישע כוחות, אין גייסטער און טייוואָלים. ער האָט פאַרלוירן זיין חוש פאַר פּראָפעטישקייט און דער עיקר, זיין חוש פאַרן הייליקן.“ דאָס, מיינט פּראָפ' בעל, איז די מיינונג פון מערסטע סאָציאָלאָגן היינט־צוטאָג. אויך דער סאָציאָלאָג ברייען ווילסאָן, פון אָקספאָרדער אוניווערסיטעט, האַלט אַז סעקולאַריזאַציע איז די שטאַרקסטע טענדענץ אין דער איצטיקער צייט, און דאָס מיינט דער בריטישער געלערנטער, באַווייזט די ירידה פון גלויבן אין איבערנאַטירלעכן.

פּראָפ' בעל טרעט אַרויס קעגן דעם צוגאַנג צו רעליגיע. ער האַלט, אַז ווען מ'ען נוצט אַזאַ טערמין ווי סעקולאַריזירונג פאַרפּלאָנטערט מען בלויז זאַכן, ווייל מען מישט דאָ צוזאַמען דריי ענינים וואָס זיינען אַנטאַגאָניסטיש צווישן זיך: די טעכנאָ־עקאָנאָמישע ספערע, די מלוכה, און די קולטור, וווּ עס דאָמינירט איצט אַלייך־רעאַליזירונג, אָדער אַליין־צופרידנקייט. געזעלשאַפטן זיינען צעשפּאָלטן און די שפּאַנונגען צווישן די פריער־דערמאָנטע

דריי ספערן, זיי שאַפן די סתירות אין דער מאָדערנער וועלט — סתירות וואָס ווערן פאַרשטאַרקט אונטער קאַפּיטאַליזם. דער באַגריף סעקולאַריזאַציע איז אַ צעמישעניש: ער מישט צוזאַמען צוויי פאַרשידענע פענאָמענען: די סאָציאַלע און קולטורעלע.

מיר דאַרפן פאַרשטיין, טענהט בעל, סעקולאַזירונג אין אָריגינעלן זינען: די באַפרייונג פון רעליגיע לגבי דעם פּאָליטישן לעבן. עס מיינט די איינשרימפּונג פון אינסטיטוציאָנעלער אויטאָריטעט אין דער ספערע פון עפנטלעכן לעבן, און דער צוריקטריט פון רעליגיע אין דער פּריוואַטער ספערע, וווּ זי האָט אויטאָריטעט בלויז איבער אירע נאָכפאָלגערס. אָבער, די דאָזיקע סעקולאַריזאַציע וואָס איז פאָרגעקומען במשך די לעצטע צוויי הונדערט יאָר איז נישט מחייב קיין איינשרימפּונג אין כאַראַקטער און פאַרנעם פון אמונה. אַ סימן אַז דאָס איז אַזוי, אַרגומענטירט בעל, איז דער פאַקט, אַז במשך דער גאַנצער סעקולאַריזאַציע פון רעליגיעזע אינסטיטוציעס זיינען פאָרגעקומען אויפלעבונגען אין רעליגיעזן ענטוזיאַזם פון מאַסן מענטשן, און אויך ביי אַזעלכע גדולים ווי קיערקעגאַרד, סאָלאָוויאָוו, טיליך, סימאָן וויל, און אַנדערע.

דאָ ווילט זיך פרעגן דעם סאָציאָלאָג: און אַזעלכע פילאָסאָפן ווי בערטראַנד ראָסל, מאָריס ר. קאָהען, זשאַן פּאָול סאַרטער, וואָלטער קאַופמאַן, וואָס זיינען געווען ווייט פון רעליגיעזע אָרטאָדאָקסאַלקייטן, זיינען זיי ווייניקער רעפּרעזענטאַטיוו פאַרן היינטיקן צייטגייסט ווי די פון אים אויסגערעכנטע אינטעלעקטואַלן?

דער אַמעריקאַנער סאָציאָלאָג גיט צו אַז במשך די לעצטע צוויי הונדערט יאָר איז די דאָמינירנדיקע טענדענץ אין דער קולטור — אומגלויבן; אַז די וועלט האָט פאַרלוירן איר מיסטעריעזקייט, און מענטשן, נישט געטער, קענען פירן די וועלט, און אַז אויף יענער זייט איז גאָר נישטאָ, אַחוץ חלל, אָט דאָס וואָס מאַקס וועבער האָט אָנגערופן „אַנטצויבערונג", אַנטכישופונג פון דער וועלט. גלייכצייטיק, שטרייכט בעל אונטער — אַ וויכטיקן פונקט אין זיין געדאַנקען־גאַנג — זיין דעפיניציע פון קולטור: מיט קולטור מיינט ער די רעאַקציעס פון סענסיטיווע

מענטשן צו די עיקר־פראַגן פון מענטשנס עקזיסטענץ: ווי מען קאָנפראָנטירט טויט, דעם זין פון טראַגעדיע, דעם כאַראַקטער פון ליבע, און דעם יחידס התחייבותן; די דאָזיקע פראַגן געפינט מען אין אַלע געזעלשאַפטן.

וועלן מיר האָבן — פרעגט ער — אַן אויפשטייג פון נייע רעליגיעזע פאָרמען? בעל איז זיכער אַז: יאָ. אין די אַלע נייע קולטן וואָס זיינען לעצטנס אויפגעקומען זעט ער אַ סימפּטאָם פון דעם פענאָמען. לויט אים וועלן אין דער מערב־וועלט אויפקומען דריי פאָרמען פון רעליגיע: א) אַ פונדאַמענטאַליסטישער גלויבן וואָס וועט באַטאָנען זינד. די אָנהענגער פון דער רעליגיעזער שיטה וועלן זיך ווערבירן פון נידעריקן מיטלקלאַס, פאַרמערס, און בעלי־מלאכות אין קליינע שטעט. 2) אינטעלעקטואַלן און פּראָפעסיאָנאַלן וועלן זיך צוריקציען פון די עקסצעסן פון מאָדערניזם. 3) אַן אומקער צו אַ מיסטישער פאָרם פון געדאַנק. די וועלט איז געוואָרן צופיל פאַרוויסנשאַפטלעכט און סומנע, און איינטאָניק; דער מענטש בענקט נאָך נייעס און מיסטעריע.

בעל פאַרענדיקט זיין עסיי אויף אַ קאַבאַליסטישער נאָטע: מיר קענען ווייט נישט דערגיין מיט אונדזער פאַרשטאַנד, ווייל דער עקזיסטענציעלער קלעם וואָס מיר קאָנפראָנטירן, שטאַמט פון אַ מיסטעריע, וואָס מיר וועלן אפשר קיינמאָל נישט קענען דורכדרינגען. אין דעם זין פאַרשטייט ער דעם קאַבאַליסטישן באַגריף פון ניצוצות, די פונקען וואָס פאַרקערפּערן דאָס הייליקע אין קאָסמאָס. דאָס הייליקע אין דער שיטה פון וווּנדער און יראת הכבוד וואָס פאַרבלייבט אַ מיסטעריע. כדי צו באַגרייפן דאָס הייליקע מוז מען אנערקענען דעם פּרינציפּ פון הבדלה, פון אונטערשיידן די ספערע וואָס איז רעזערווירט פאַר די טעג פון פחד, און די ספערע פון טאָג־טעגלעכן און וועלטלעכן. ביז דער איצטיקער צייט איז דער פּרינציפּ געוואָרן אנערקענט פון יעדער מענטשלעכער גרופּע. אונדזער צייט איז די ערשטע צו אַנולירן די גרענעצן צווישן די צוויי ספערן. ווען עס זיינען דאָ ווייניק ריטואַלן, ווען אַלע געשעענישן ווערן אַלץ איינס, אָן צערעמאָניעס וואָס באַצייכענען

די אונטערשידן, דעמאָלט ווערט דאָס
לעבן גרוי.
מיר שטייען איצט, פאַרענדיקט בעל,
ביים סוף פון מאָדערניזם, פאַר ווען דער
לייטמאָטיוו איז געווען פון יענער זייט,
מחוץ („בעיאָנד") פון יענער זייט נאַטור,
פון יענער זייט קולטור, פון יענער זייט
טראַגעדיע. מיר זוכן איצט אַ נייעם וואָ־
קאַבולאַר, וועמענס שליסל־וואָרט ס׳איז:
גרענעצן — אַ גרענעץ צום קאַליע־מאַכן
די סביבה, אַ גרענעץ צו באַוואָפנונג,
צו טאָרטורן, צו גאווה. די קולטור, גלויבט
ער, וועט זיך איצט באַוועגן אין דער ריכ־
טונג פון צוריקגעווינען אַ חוש פאַרן
הייליקן.
אַ היפּש ביסל פון בעלס אַריינבליק און
אָבסערוואַציעס דערמאָנען אייך אין די
רעיונות פון די רעליגיעזע עקזיסטענצי־
אַליסטן. ער דריקט פּאַקטיש אויס זייערע
אידעען און שטימונגען מיט אַנדערע
ווערטער. אין דעם איצטיקן גייסטיקן
קלימאַט, אין אַמעריקע, ביים סוף פון אָפּ־
נאַרערישן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. ער
איז גערעכט ווען ער שטרייכט אונטער אַז
סעקולאַריזאַציע מיינט נישט דער אונ־
טערגאַנג פון רעליגיע, און עס באַטייט
אויך נישט אַז זי האָט אויפגעהערט שפּילן
אַ ראָלע אין לעבן פון יחיד. רעליגיע,
אפשר איך נייע פאָרמען, וועט וואַרשיינ־
לעך פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין
דער געזעלשאַפט. דער מקור פון רעלי־
גיע איז דויערנדיק, אַזוי לאַנג ווי די
מענטשהייט וועט זוכן תרופות צו אירע
ביז־איצט־אומלייזבאַרע פּראָבלעמען: מל־
חמות, נאַטור־קאַטאַסטראָפעס, קראַנקייטן
און טויט, הגם די אַקאַדעמישע און וויסנ־
שאַפטלעכע אינטעליגענץ, ספּעציעל אין
מערב־אייראָפּע, וועט מסתמא ווייטער
פאַרבלייבן געניגט צו אומרעליגיעזקייט.
פּראָפ׳ בעל איז אָבער אומגערעכט ווען
ער וואַרפט פאָר די הומאַניסטן זייער אומ־
פאַרשטיין, און נישט אָפּשאַצן ריטואַל און
פייערלעכקייטן. אַזאַ נישט־רעליגיעזער
דענקער ווי פּראָפ׳ מאָריס רפאל קאָהען
האָט גוט פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט דעם
ווערט און זינען פון ריטואַל. אין זיין
אויטאָביאָגראַפיש ווערק שרייבט ער:
„אין די טעג פון מיין ערשטן יוגנטלעכן
רעוואָלט קעגן יידישע פרומקייטן בין איך
געווען געניגט צו פאַרשטיין קולטוס,
תפילה און ריטואַל, פון קנאַפּער וויכטי־
קייט... מיינע אייגענע שטודיעס פון די
גרויסע היסטאָרישע רעליגיעס האָבן מיך
אָבער געפירט איינצוזען אַז ריטואַל איז
אַן איקערדיקער פּאַקט איך מענטשלעכער
רעליגיעזער דערפאַרונג... פאַר מיר זיי־
נען די אַלטע צערעמאָניעס, וואָס פייערן
דאָס אָנקומען און אַוועקגיין פון לעבן,
די חתונה־צערעמאָניע, דער ברית, די
לוויה — זיי אַלע גיבן אַן אויסדרוק דער
קאָנטינואיטעט פון דער גייסטיקער טראַ־
דיציע, וואָס איז מער עלאָקווענט ווי וועל־
כע עס איז פראַזן וואָס איך קען אויס־
טראַכטן."

## II

אין דער זעלביקער שריפט, ווו דער
סאָציאָלאָג בעל האָט פאַרעפנטלעכט זיין
עסיי, געפינען מיר אַ פּרטימדיקן ענטפער
מצד דעם רעדאַקטאָר, פּראָפ׳ פּאַול קורץ,
וואָס אַרגומענטירט אַז בעלס אויספירונגען
זיינען טעותדיק. בעל, ווי אַנדערע נעאָ־
קאָנסערוואַטיוון, פאַרמאַסקירט אַן אַנטי־
הומאַניזם אויך אַנטי־פּלוראַליזם, מיינט ער.
זיי, די דאָזיקע נעאָ־קאָנסערוואַטיוון, באַ־
דויערן די מאָראַלישע עקסצעסן פון די
לעצטע דעקאַדעס, ווי די סעקסועלע רע־
וואָלוציע, די מיליטאַנטישע פרויען־באַ־
וועגונג, דעם וווּקס פון פּאָרנאָגראַפיע,
פאַרברעכן, נאַרקאָטיקס. כדי איינצוהאַלטן
די דאָזיקע כוואַליע רופן זיי מ׳זאָל צוריק
איינפירן רעליגיעזע אויטאָריטעט אין
אונדזער קולטור. אַ סך סעקולערע הומאַ־
ניסטן, טענהט דער פילאָסאָף קורץ, זיינען
אויך קריטיש צו די אַלע דערשיינונגען,
אָבער זיי האַלטן אַז עס זיינען דאָ אַלטער־
נאַטיוון צום רעליגיעזן טראַדיציאָנאַליזם;
הומאַניזם, גלויבן זיי, קען זיין די דאָזיקע
אַלטערנאַטיווע; אַ הומאַניזם, ווו זאָרג
פאַר דער מענטשהייט איז אַן עיקר.
פּראָפ׳ קורץ איז מסכים מיט בעלן אַז
ס׳איז געווען אַ טעות די מיינונג פון יענע
דענקערס, אַז מיטן וווּקס פון בילדונג,
ראַציאָנאַליזם און וויסנשאַפט, וועלן רע־
ליגיעזע גלויבונגען פאַרשווינדן. אונדזער
צוטרוי צו דעם איינשטעל איז געוואָרן
צעטרייסלט דורך דער מערדערישקייט פון
די משיחישע סעקולערע אידעאָלאָגיעס —

פאַשיזם און קאָמוניזם, און צוליבן וווּקס פון די אומשׂכלדיקע קולטן. ער גיט אויך צו, אַז די וויסנשאַפט קען נישט שטילן דעם עקזיסטענציעלן דורשט, און זי קען נישט פאַרענטפערן אַ סך פראַגן. אָבער אַזוי ווי אַ הומאַניסט איז אַן עקשנותדיקער סקעפּטיקער, קען ער נישט געפינען קיין געטלעכן ציל פאַר דעם מענטשלעכן מין, אַחוץ דעם וואָס מיר אַליין גיבן זיך. אמת, דער אוניווערס איז נישט אָן מיסטעריע, עס זיינען דאָ כוחות אין דער נאַטור וואָס מיר קענען נישט קאָנטראָלירן: סטאָישע רעזיגנאַציע איז דער סימן פון חכמה. נישט געקוקט אויפן מענטשנס באַגרענעצטקייט און טויט, קען דאָס לעבן זיין אַן אַוואַנטורע פון מייט זין און געשפּאַנטקייט. אַ סך דורות האָבן עס אַנטדעקט אָן קרענקלעכע אָבסעסיעס וועגן גאָרנישט און אַנגסט.

פאַר בעלן, טענהט ער, איז די סעקולערע וויזיע צו מאָגער. אָבער, פרעגט ער, פאַרוואָס זיך נאַרן און נישט זען די צווייטע זייט פון רעליגיע: „צי וועט אַ הייליק מאכל שפּייזן דעם נאָך־מאָדערנעם מענטש, און אים צושטעלן אינספּיראַציע, טרייסט און דעדיקאַציע? איז גלויבן אין הייליקן נויטיק פאַר מאָראַלישקייט? ס'איז אמת אַז רעליגיע האָט צוגעשטעלט מאָראַלישע אינספּיראַציע, גערעכטיקייט און ליבשאַפט, אָבער זי האָט אויך אינספּירירט פאַנאַטיזם און האַס. דאָס „הייליקע" דינט נישט בלויז ווי אַ באַלזאַם פאַרן ווייטיק פון מענטשנס באַגרענעצטקייט, נאָר אויך ווי אַ מאַסקע פאַר דער פאַנאַטישער איבערצייגונג, אַז איינעמס אידעע איז געטלעך סאַנקציאָנירט." דער פאַקט וואָס דער מאַרקסיזם איז דורכגעפאַלן ווי אַ סעקולערע רעליגיע פון גאולה, מיינט ניט, לויט קורצן, אַז אַנדערע סעקולערע אָפּרופן אויף דעם מענטשנס מערכה וועלן אויך דורכפאַלן. עס מיינט אויך נישט אַז די איינציקע אַלטערנאַטיווע צו די סעקולערע גולאַגס פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז מחייב צוריקצוגיין צו די דיסקרעדיטירטע גייסטיקע גולאַגס. פרייהייט און שׂכלדיקייט האָבן נאָך אַלץ אַ באַטייט פאַר דעם נאָך־מאָדערנעם מענטש.

מיר דוכט זיך, אַז קורץ איז אומגערעכט ווען ער שרייבט צו בעלן פאַרמאַסקירטן אַנטי־פּלוראַליזם און אַנטי־הומאַניזם. ערשט לעצטנס האָט בעל, אין זיין אויטאָביאָגראַפישן עסיי, זיך דערקלערט פאַר אַ לעבנס־לאַנגן דעמאָקראַט (מענשעוויק) בנוגע עקאָנאָמישע ענינים, אָבער איינער „וואָס שרעקט זיך פאַר די מאַסן אין פּאָליטיק, און פאַר יענע וואָס זיינען גרייט אונטערצוואַרעמען די ליידנשאַפטן פון המון 'אין נאָמען פון פאָלק', ווי מ'האָט עס אַמאָל געטאָן אין נאָמען גאָט". (זע: „פּאַרטיזאַן רעוויו", נומער 4, 1981).

ס'איז אויך ווערט צו געדענקען אַז דער סאָציאָלאָג בעל מיינט נישט מיטן טערמין רעליגיע דעם געוויינלעכן טעאָלאָגישן טייטש, נאָר ווי ער דעפינירט עס: „אַ צאָל זיך בינדנדיקע ענטפערס אויף די הויפּט־עקזיסטענציעלע פראַגעס וואָס קאָנפראָנטירן יעדע מענטשלעכע גרופּע." דאָס איז אַזאַ מטושטשע, אומקלאָרע דעפיניציע, וואָס איז גאָר ווייט פון דעם ווי רעליגיע ווערט געוויינלעך פאַרשטאַנען אָדער דעפינירט אין אַלע ווערטערביכער. דאָס איז פון יענע אַרביטראַרע דעפיניציעס וואָס איר קענט מיט זיי באַצייכענען אי סאָציאָלאָגיע, אי פילאָסאָפיע. פאַקטיש דריקט בעל אויס מיט זיין צוגאַנג די שטימונג פון אַ סך דיסאילוזיאָנירטע מיט אונדזער „פּראָגרעסיוון" יאָרהונדערט — אַ יאָרהונדערט פון מאָנסטעריעזע ברוטאַליטעטן, גולאַגס, יידישן חורבן. נאָך אַזעלכע קאַטאַקליזמען איז עס בפירוש אַ זינד, אַ טעמפּקייט צו פאַרבלייבן ביים אינטעלעקטועלן און מאָראַלישן סטאַטוס־קוואָ.

אין אַזאַ צייט מוז אַ סענסיטיווער, ערלעכער אינטעלעקטואַל מאַכן אַ חשבון־הנפש. אין אַ צייט ווי אונדזערער זוכט דער פאַראיינזאַמטער מענטש אַן אָנהאַלט אין דער קולטורעלער טראַדיציע פון דורות. ער וויל זיך דערפילן ווי אַ רינגעלע אין אַ קייט וואָס ציט זיך פון ווייטן עבר. דורך דעם האָפט ער צו געפינען אַביסל שלווה פאַר זיינע ספקות, אומזיכערקייטן און אַנטוישונגען. אַזעלכע בענקשאַפטן און זוכונגען זיינען נישט אַנטי־הומאַניסטיש. זיי זיינען גיכער אַן אויסדרוק פון מענטשנס לעכצן נאָך פאַרוואָרצלטקייט און אייביקייט.

# יידישער נאַציאָנאַל פאָנד

# אַניוּאיטי פאנד

## איר קענט האָבן

## אַן איינקונפט אין משך פון אייער לעבן

### מיט אַ צוגאָב פון אַ בונד מיט ישראל

עס איז אייער אינטערעס זיך באַלד איינצושאַפן
אַ לעבנסלענגלעכע נאַציאָנאַל-פאָנד אַניואיטי-הכנסה
און העלפן זיך אַליין דורך העלפן מדינת ישראל!

**שניידט אָפּ דעם קופּאָן און שיקט עס דורך פּאָסט**
**פאַר ווייטערדיקער אינפאָרמאַציע:**

סענפאָרד דויטש, קאָונסיל פּרעזידענט • טעלעפאָן: 655-8100

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

# JEWISH NATIONAL FUND

WESTERN REGION, JEWISH NATIONAL FUND

**6420 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90048**

***Yes, I am interested in helping the Land of Israel while obtaining an income for life. Please send me more information about the Jewish National Fund Annuity Trust.***

Name..........................................................................................

Address.......................................................................................

City.............................................................Zip Code..........................

מאיר חרץ / ישראל

# לידער

## און דאַנקען גאָט...

און דאַנקען גאָט, די דאגות וועקן אויף,
און דאַנקען גאָט, מע קען פון זיי אַנטלויפן.
נאָר אָפט מאָל פאַלט מען אום אין מיטן לויף
און דווקא, ווען מע לויפט דורך פרעמדע הויפן.

און בלייבט מען ליגן ביי אַ פרעמדער טיר
און ביי אַ פרעמדן האלב־פאַרמאַכטן טויער,
איז דעמלט, ליבער מאיר, ווי צו דיר,
פאַר פרעמדע אויגן שיט זיך אויס דיין טרויער.

פאַר פרעמדע אויערן גיסט זיך אויס דיין ווי
און כוחות פעלן אויס זיי צוצודעקן
און קינדער לויפן אָן און שפּילן זיך מיט זיי,
צעשפּריצן זיי אין אַלדע ווילדע עקן.

און ווו דו קומסט, דיין טרויער וואַרט אויף דיר,
און ווו דו גייסט, דיין ווי דיר גייט אַקעגן,
און ביטער ווי דאָס ברוינע קריגל ביר
איז דיר דאָס ביסל האָניק, וואָס דו טרעפסט אויף דיינע וועגן.

די ביטערקייט פון ביר איז דווקא גוט,
נאָר האָניק דאַרף דאָך זיס זיין און נישט ביטער
איך טאָר נישט ווי קיין הייוון שפּילן אין דיין בלוט
און זיין געדיכט ווי האָניק און נישט שיטער.

און ליטער זיין ווי האָניק דאַרף דער האָניק זיין
און קילן דיר דעם גומען און נישט צינדן
ווי אָט דער יונגער קאַלאַמיטנער וויין,
וואָס פּרווט דיך צו פאַרבלענדן ווי אַ בלינדן.

און פּרווט דיך אָנציהייצן ווי אַ באָד,
און פּרווט דיך אָנצורייצן ווי אַ טיגער
און לאָזט דיך איבער האַלבע נאַכט אין שטאָט
אַ גוססן ווי אין שלאַכט דעם זיגער.

און דאַנקען גאָט, די דאגות וועקן אויף,
די דאגות קענען אויפרייסן אַ טויטן
און איך, וואָס בין פון זיי אַנטלאָפן, לויף
פון הויף צו הויף און איבער הויכע פלויטן.

ירושלים, 21טער אָקטאָבער, 1981

## אויפן וועג שטייט אַ בוים

אויפן וועג שטייט אַ בוים,
זעט אים יעדער, יעדער,
ווער סע קומט נאָר מיטן וועג
אויף דער אַקס מיט רעדער.

ווער סע קומט נאָר מיטן וועג
אויף אַ פערד צו רייטן,
זעט ער אויפן וועג דעם בוים
נאָענט און פון ווייטן.

נאָר צום בעסטן זעט דעם בוים
ווער צופוס פּאַוואָליע
גייט ער ביי דער זייט פון וועג
איבער בערג און טאָלן.

שטעלט ער אָפּ זיך ביי דעם בוים,
זעצט זיך דאָרט אַנידער
אינעם גראָזביים ראַנד פון וועג,
רוט דאָרט אויס די גלידער.

ווייל דעם בוים וואָס אויפן וועג,
וואָס סע זעט אים יעדער,
ווער סע רייט, צי גייט צופוס,
ווער סע פאָרט אויף רעדער.

ערגעץ וואַקסט אַן אַנדער בוים
אַזאַ גרויסער, שיינער,
אפשר שענער נאָך פון דעם,
נאָר סע זעט אים קיינער.

ירושלים, 3טער מערץ, 1980

(חיים מאַלטינסקי—סוף פון זייט 21)

בערשטיינען, לעוויטינען, מיט די יידישע טיער פון מאָסקווע, דערגינטער מיט די יידישע טיער פון סאָוועטישן אינפּאָרם־בייראָ אין מיט אַנדערע פערזענלעכקייטן פון יידישן אָפּשטאַם. פון איציק פעפערן אַליין, וואָס האָט געמאַכט אַ גרויזאַמען איינדרוק, גלייך ווי ער וואָלט זיינע באַ־ווייזן געגעבן זיצנדיק אויף אַן עלעקט־רישן שטול, האָט מען אין משך פון די צוויי יאָר, וואָס ער איז שוין געזעסן פאַר־שפּאַרט, „אויסגעצאַפּט" הינדערטער „כאַ־ראַקטעריסטיקעס" פון קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער נאַציאָנאַליסטישער טעטיקייט. פעפערס רייד, וואָס מען האָט אַרויסגעריסן מיט גוואַלד, האָבן געדינט ווי מאַטעריאַל פאַר באַשולדיקונגען קעגן סאָוועטישע יידן.

אַ סך פון אַזעלכע פעפערס „כאַראַקטע־ריסטיקעס" זענען געווען אַרייגעפלאָכטן אין די פּראָטאָקאָלן פון אינדזער ביראָ־בידזשאַנער ענין.

## אייסעך - ווייסעך

אייסעך ווייסעך, ווייס איך וואָס,
ס'איז נישט יענץ און ס'איז נישט דאָס,
ס'איז נישט דאָס און ס'איז נישט יענץ
אָן דער מינדסטער אינטערווענץ,
אָן צו מישן זיך פון ווינט
צו דעם באַרג־אַראָפּ, וואָס רינט
פון די שפּיצן ביזן טאָל
און צערינט דאָרט מיט אַ מאָל.
נישט קיין טאָג און נישט קיין נאַכט
נאָר אַ בין־השמשות־שלאַכט
צווישן שאָטנס פאַר דער קרוין,
וואָס מע ווערט פון איר באַלוינט
מיטן אָפּגעשוימטן שוים,
מיט אַן אָפּגעטרוימטן טרוים
פון אַן אָפּגעהאַקטן בוים.

ירושלים, אַפּריל 1979

ד״ר יעקב י. מייטליס / לאָנדאָן

# פאַרצייטיקע יידישקייט אין פראַנקרייך

(בלעטלעך פון אַ נסיעה)

מאַכט זיך אַמאָל, אַז בשעת מען גריבלט
זיך צווישן פאַרלייגטע כתבים, זוכן זיך
אָפּ נאָטיצן און האַלב־פאַרגעסענע באַ־
שרייבונגען פון אַמאָליקע טעג וואָס בעטן
זיך ממש זיי אויפצופרישן און באַאַרבעטן
פון דאָס ניי. אַזוי האָט מיר אויך לעצטנס
צוגעשפּילט מיט אַ צאָל רשימות און אימ־
פּעטיקע פאַרצייכענישן פון אַ נסיעה אין
דעם היסטאָריש־אינטערעסאַנטן דרום־
פראַנקרייך און זיך גענומען זיי צו געבן
אַ באַנייטן ליטעראַרישן תיקון.
געווינטלעך, אַז עס קומען אָן די ליכ־
טיקע זומער־חדשים מיטן וואַקאַציע־
סעזאָן לעכצט דאָס האַרץ פון מענטש צו
אַ באַדערפעניש נאָך אַ קאַפּעטשקע רו און
שלווה, טראַכט מען אַרויסצופאָרן פון דער
היים כדי זיך צוביסלעך דערפרישן, לייכ־
טער אָטעמען אַ ביסל פרישע לופט, און
איינשטעלן דאָס וואַקלדיקע מישקולת פון
מידן גוף און פאַראומערטן נפש. און ביי־
גלייך נהנה צו זיין ווי ווייט עס לאָזט זיך
פון גאָטס שיין וועלטל. ביי אַזאַ געלעגנ־
הייט האָט מיך דער מלאך פון חלומות,
וואָס איז ממונה איבער שיינקייט און מנו־
חה, אָנגערעדט זיך אַריבערצוקלייבן אויף
אַ ווייל אין די שטילע, האַלב־פאַרצייטישע
מקומות אין דרום־פראַנקרייך, מיט זייער
באַטעמטן חן און געמאָסטענעם גלאַנץ,
וואָס צעוועקן אַ שפּאָר ביסל היסטאָרישע
זיכרונות. דער עיקר איז דאָס נוגע אונ־
דזערס אַ ייד, ווען ער קומט אין די דאָר־
טיקע אַלטע יידישע יישובים מיט זייער
אימפּעטיקן סאָציאַל־עקאָנאָמישן דינאַ־
מיזם און צעשיינטן קולטור־אויפגיי אי־
נעם ווייטן מיטלאַלטער. האָט מיך אַהינ־
צו תחילתדיק דער וועג געפירט איבער
דעם ברייט־שטראָמיקן לואַר טייך מיט
זיינע אימפּאָזאַנטע און פראַכטיקע פּאַלאַצן
פון קעניגן און שררות, איינגעהילט מיט
זייער סודותדיקער אַמאָליקייט און ווענט־
באַהאָנגענע ליכטיק־דעקאָראַטיווע גאָבע־
לינען, שלעסער מיט רחבותדיקע גערטע־
נער און פּאַרקן, אַ מאכל פּאַר אַ מידן
אָבער שיינקייט־דאָרשטיקן שטאָטישן
מענטש.
איבערגענעכטיקט אויפן וועג האָט מען
אין צפון־פראַנצויזישן טרואַ, דעם רבנישן
טרוייש, וואָס האָט געשמט אין דעם ווייטן
אַמאָל מיט רש״ין און זיין גרויסער ישיבה
און אַ ריי פון זיינע לומדישע נאָכגייערס,
די בעלי התוספות. אין טרואַ אויך אין
שכנותדיקע קהילות האָט אין יענע
דורות געקוואַליקט אַ שטאַרק יידיש
לעבן, מיט תורה, מיסחר, מלאכה און
תורה־חריפות. פון דאַנען איז מען פאַר־
פאָרן קיין אָרלעאַן (אורליין), וואָס האָט
אויך אַ מאָל פאַרמאָגט אַ שיינעם יישוב
יידן און אַ ריי גדולים, וואָס זייערע נעמען
האָבן ווייט געקלונגען אינעם יידישן
מיטלאַלטער.
גייענדיק איבער די בולוואַרן פון שטאָט
דערמאָנען זיך מיר אגב צוויי נעמען פון
דער גלאַנץ־תקופה אין צפון־פראַנקרייך:
רבי יעקב מאורליין און רבי יוסף בן
יצחק, אַ תלמיד פון דעם באַוווסטן מאור־
הגולה, רבי יעקב בן מאיר, דער רבנו תם,
רש״י׳ס אַן אייניקל. טראָגן דעם וואַנ־
דעריקן טוריסט זיינע מחשבות אַוועק
איבער די פאַרגעלטע בלעטער פון תלמוד
און פאַרבליבענע כראָניקעס צו דעם אַק־
טיוו־דינאַמישן לעבן פון יידן אין יענע
מקומות, מיט זיין תורה און חכמה, פּר־
נסות און שטייגער, וואָס האָט אַמאָל דאָ
געבליט און זיך דערנאָך, מחמת שווערע
רדיפות און גירושים. ווי אָפּט האָבן גורל־
דיקע נסיינות און אימהדיקע פלאַגענישן
איבערגעריסן דעם וויטאַלן פאָדעם פון
אַ רייך און קוואַליק יידיש לעבן אין גאַנג
פון צייטן.
דערפאַר אָבער קען זיך דאָס דאָרשטיק־
נייגעריקע אייג פון אַ יידישלעך־היימישן
באַטראַכטער נישט גענוג אָנזעטיקן מיט
די אימפּאָזאַנטע און צעשיינטע מאָנומענטן
וואָס די אייסגעצייטיקטע אין מייסטער־

דיקע רוימישע קולטור האָט בירושה איבערגעלאָזט אין דרום־פראַנקרייך, רעשטלעך פון גרויספּאַרנעמיקע דענקמעלער און אַרכיטעקטאָניש־אויסגעטאָקטע קונסט־ווערק, וואָס זאָגן עדות אויף דער מאַכט און גרויסקייט פון אַמאָליקן רוים.

נישט געקוקט אויף זיין גרויס באַוווּנדערונג פון די רחבותדיק־צעשיינטע קולטור־איבערבלייבסן פון אַמאָל, וויל דער אין יידישן עבר אריינגעטאָנענער בעל־נסיעה בייגלייך זיך דערוואַרעמען און מתייחד זיין מיט דער פּראָוואָנסאַלער יידישקייט פון אַמאָליקע דורות, איר מסורה און איכות, קדושה און פּנימיות, איר דרך און מחשבה און סוד, פון וואָס שפּעטערדיקע דורות האָבן שפּעדיק געצויגן זייער שאַפערישער יניקה. אַוודאי האָבן אויך דעמאָלט נישט געפעלט אין יידישן לעבן קיין קאַמפן און סתירות, אויפברויז און גייסטיקער געראַנגל, און דערצו ביטערע נסיונות און יסורים, אָבער די באַהויכטע גייסטער און בעלי־אמונה, פאָרשערס און בעלי־יצירות, האָבן, ווי תמיד, כסדר געזוכט איינצוטיפן, אויסקריסטאַליזירן און באַפעסטיקן די נקודה פון ייד־זיין אין אַלע פאַזעס און אַספּעקטן פון טעגלעכן לעבן, און ממשיך געווען דעם חזיון פון גאולה מיט אַ צעשיינטן אויסקוק אויף קיום לדורות.

שפּאַנט מען אַרום מיט אַן אויפמערקיקן ציטער צווישן די אַלטע שטאָטמויערן, אַ שטייגער אין אַוויניאָן, אין די שאָטנס פון די אויסגעלאָשענע הייזער, אין די ענגע, קרומע געסלעך, פילט מען נאָך היינט אין דער פאַרגליווערטער שווייגעניש דעם אַמאָליקן צאַפּל פון יידיש לעבן, פאַרניגונט מיטן קול פון אַ צעפלאַמט תורה־לערנען און האַרציקע תפילות. עס הערט זיך נאָך דער ווייטער טראָט פון דורות יידן, וואָס האָבן אמונהדיק, מיט הייליקער עקשנות און אַ בראַשיתדיקן בטחון אָנגעהאַלטן דעם פלעמלדיקן נר־תמיד פון יידישער נצחיות.

פאַר דער געשיכטע פון כלל־פאָלק זענען אַזוינע קהילות, ווי אַ שטייגער מאַרסיי, לונעל, אדלאנארבאָן, נימש (נים) מאָנפעליע, קארפאַנטראָס און קאָרקעסאָן, מיט זייערע ישיבות און לומדים, מיסטיקערס און אינטעלעקטואַלן, דיכטערס און פילאָסאָפן, פון אַ באַזונדערן באַטייט און וואָג. עס איז געווען אַ תמציתדיק־אָפּגעהיטן יידיש לעבן, אָנגעלאָדן מיט רעליגיעזער מחשבה און נאַציאָנאַלער ענערגיע און פאָלקישן נוסח, וואָס האָט רחבותדיק געפלייצט איבער אַלע פליינען און הייכן פון לאַנדאָק ביז צו דער פּראָוואַנס און ווייטער.

און לאָמיר זיך דערמאָנען, אַז נאָך איידער אפילו די איינגעזעסענע גאַלישע שבטים האָבן אָנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, האָבן שוין אויף דער ערד פון היינטיקן פראַנקרייך יידן געלעבט, געהאָרעוועט, געלערנט תורה און אָפּגעהיטן יידישקייט מענטשלעך־געטלעך. אין דעם מקום מיקלט פון דער פּראָוואַנס זענען מיט דער צייט אויפגעשטאַנען שיינע יישובים מיט איינגעפונדעוועטע קהילות, וואָס האָבן געשמט ווייט און ברייט מיט לומדות און פאָרשונג, מיט צייטישע וויסנשאַפטן און פילאָסאָפישע שיטות. ריין דעמאָגראַפיש און גייסטיק־געשיכטלעך האָבן די יידן, זעט אויס, תחילתדיק אָפּגעשטאַמט פון די יישובים אין ארץ ישראל און שפּעטער צוגעקומען פון דרום איטאַליע. די פּראָוואַנסאַלער יידישקייט איז דערנאָך געוואַקסן און זיך ביאָלאָגיש פרמערט מיטן צושטראָם פון אַשכנזישע יידן אין צפון פראַנקרייך און ספרדים פון דעם שפּאַנישן האַלב־אינדזל. אַזוי אַרום איז אויף דעם גאַליש־פראַנצויזישן באָדן געקומען צו אַ זיווג פון אשכנזים און ספרדים. עס איז באמת געווען אַ געראָטענער זיווג וואָס האָט אין משך פון צייט געשאַפן, זיווג וואָס האָט אין משך פון צייט געשאַפן אויב מען קען אַזוי זאָגן, דעם שיינעם פּראָוואַנסאַלישן טיפּ ייד, אַן אייגנדיק־צעברויזטן, אַריינגעטאָן אין לומדות און חקירה, מהותדיק און תמציתדיק. עס איז געווען אַ באַנייטער אידעישער איינשטעל אין תחום פון יידישער מחשבה און פילמיניקע שאַפערישקייט פון אַן איינגעטיפט איכותדיקער דימענסיע. עס איז געווען אַ רירעוודיק־אינטענסיוו און קוואַליק יידיש לעבן וואָס האָט כוח־גבראדיק געשטראָמט איבער ווייטע יידישע יישובים אין מיטלאַלטער.

לאָמיר נאָך פאַרגעדענקען, אַז אין אַזוינע שטעט ווי מאַרסיי (מרסיליא), נאַרבאָן (נרבונה) און אין אַ ריי אַנדערע פלעצער, האָבן יידן שוין אין 9טן י״ה פאַרנומען אַ בכבודיקע עקאָנאָמישע פּאָזיציע, און געשפּילט אַ באַדייטיקע ראָלע אין אינטערנאַציאָנאַלן עקספּאָרט־אימפּאָרט מיסחר צווישן דעם מערב און מזרח.

דער פּלייסיקער און ענערגישער ייד איז שוין פון תמיד געווען אַ וויכטיק־האַנטיקער פאַקטאָר אין דער פעאָדאַלער ווירטשאַפט. די מאַכט־אָרגאַנען אין שטעט און לענדער האָבן אים געשטיצט אין זיין נוצלעכער און אויפטועריש טעטיקייט. געוווינט האָבן יידן דאָס רוב, דאָ ווי אין אַנדערע קריסטלעכע און מוסולמענישע אין אייגענע קוואַרטאַלן פון וואָס עס האָבן זיך נאָך צוביסלעך אויפגעהיטן רעשטלעך געסלעך מיט קאַלטע, אָפּגעבליאַקעוועטע הייזער און היימען, וואָס אָטעמען שוין היינט מיט פאַרלאָזטקייט און פאַרלוירנקייט. עס זענען האַמעטנע, שטומע „מאָנומענטן" פון אַ יידישלעך־וויטאַלער אַמאָליקייט. אין אָט די פרייע קוואַרטאַלן האָבן זיך יידן פאַרקליבן תחילתדיק, נישט ווי אין אין די שפּעטערדיקע, ענגע און פאַרחושךדיקע געטאָס מחמת פּחד און אימה פון די גויים, נייערט צוליב עטניש־פאָלקישע און רעליגיעזע סיבות. מען האָט געוואָלט לעבן פאַר זיך ווי יידן אין אַן אייגענער סביבה, צוזאַמען מיט קהל, זיינע רעליגיעז־סאָציאַלע אינסטיטוציעס און אָרגאַנען. וויאַ פאָלקישער מיעוט האָט מען געוואָלט פירן אַן אייגנדיק־אָפּגעהיט און באַזונדער לעבן, מיט זיין דורות־איינגעשטעלטן נוסח און שטייגער. איז דאָס געווען אַ מין זעלבסטשטענדיקע יידישע טעריטאָריע, אפשר דער פּראָטאָטיפּ פון שפּעטערדיקן שטעטל אין מיזרח־אייראָפּע וואָס האָט געשיינט מיט אַ באַזונדערן טעם און חן פון פאָלקישער תמימות, פּשטות און אַ זעלטענער היימישער וואַרעמקייט.

ענלעכע פּראָוואַנסאַלישע שטעטלדיקע קוואַרטאַלן האָבן זיך געפונען אין נימש (נים), אָרליש (אָרל), בדרש (בעזיע), נאַרבאָן און אַוויניאָן. ביי דער לאָקאַלער באַפעלקערונג האָט דאָס געהייסן „טעררא יודאַיקאַ", אַ יידישע טעריטאָריע, אָדער „גוואַרדיאַ יודאַיקאַ", אַ באַהיטער אָרט פאַר יידן. ווי ווייט מיר קענען זיך סומך זיין אויף די קנאַפּע פאַרנעפּלטע ידיעות וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען, האָבן שוין אין 5טן י״ה יידן געלעבט אין נאַרבאָן ווו זיי האָבן אַנטוויקלט אַ פאַרצווייגטע עקאָנאָמישע אַקטיוויטעט. אין מאַרסיי, הערן מיר, זענען יידן געווען גלייכבאַרעכטיקטע בירגערס און געשפּילט אַן אָנזעעוודיקע ראָלע אין מיסחר מיטן בערבערישן צפון אַפריקע. אין נאָרבאָן גופא האָט דער יידישער יישוב אין 12טן י״ה פאַרמאָגט אַ קיימאַ־לן פון צוויי טויזנט נפשות, אַ גאָר בכבודיקע צאָל איינוווינער פאַר יענע צייטן. דער יידישער קוואַרטאַל איז געלעגן אין דרום־עק פון שטאָט, אַן אייגנדיק־באַזונדער און אָפּגעטיילט שטעטל, וואָס דער גויישער אַרום האָט אָנגערופן „ווילאַ יודאַיקאַ", אַ יידיש דערפל. ווייסן מיר אַז אַמאָליקע מיטצייטלערס האָבן זיך גאָר שטאַרק געגרייסט מיט דער תורה און חכמה וואָס איז פון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען צו די יישובים איבער גאָר דער וועלט.

ווי היסטאָריקערס לאָזן אונדז הערן, איז די גרויסע חשיבות פון נאָרבאָן באַשטאַנען אין די אויטאָנאָמישע אָרגאַנען פון קהל, וואָס בראש איז געשטאַנען אַ וועד פון פּרנסים און גייסטיקע מנהיגים. לויט אַן אַלטער מסורה האָט די נאַציאָנאַל רעליגיעזע אויטאָנאָמיע פון נאָרבאָן באַקריינט אַ נשיא, אַ פּרעזידענט, וועמען די נישט־יידישע באַפעלקערונג האָט אָנגערופן רואַ זשוויף", דער יידישער קעניג. די אַגדה ווייסט אפילו צו דערציילן, אַז וויבאַלד דער פראַנקישער קעניג „קאַרלייש" (קאַרל דער גרויסער) האָט אינעם 8טן י״ה איינגענומען די שטאָט און זי באַפרייט פון דער מוסולמענישער הערשאַפט, האָט ער פון דאַנקשאַפט צו יידן וואָס האָבן אים געהאָלפן אין נצחון, אַראָפּגעבראַכט פון באַגדאַד אין בבל דעם מפורסמדיקן גדול רבי מכיר, וואָס האָט געשטאַמט פון קעניגלעכן הויז פון דוד המלך, באַשאָנקען דעם געהויבענעם ייד מיט אַ שיינער נחלה און אים געמאַכט פאַר אַן ערן־בירגער פון שטאָט. דער פועל יוצא דערפון איז געווען, לאָזט אונדז

די אגדה הערן, אַז רבי מכיר איז געוואָרן דער ערשטער נשיא פון דעם גערימטן, אויטאָנאָמישן יידישן יישוב אין פאַרצייטיקן נאָרבאָן. אַזוי איז דאָס אַפּנים צוגעגאַנגען אין אָנהייב פון צעשיינטן אויפגיי פון יידישלעכן נאָרבאָן, און אַזוי האָבן יידן ווייטער געצויגן דעם גילדענעם פאָדעם פון תורה און גדולה מיט שפע אויף לאַנגע דורות.

לאָמיר נאָך מוסיף זיין, אַז ווייט מפורסמדיק איז געווען די ישיבה אין נאָרבאָן, וואָס בראש פון איר איז געשטאַנען אין 11טן י״ה דער באַוווּסטער גדול ר׳ משה הדרשן, דער גרויסער בעל־מדרש און תורה־פאַרטייטשער. פון זיינע כתבים האָט זיך ווייניק אויפגעהיטן, אָבער זיינע מדרשים ציטירט דער גאונישער פרשן פון טרוייש, רש״י, אין זיין פשטותדיקן קאָמענטאַר צום חומש, און מיט דער כאַראַקטעריסטישער ענִיוות פון אַ דערהויבענעם תלמיד־חכם איז ער מוסיף: „ומיסודו של רבי משה הדרשן העתקתי״, פון די כתבים פון ר׳ משה הדרשן האָב איך דאָס אַרויסגענומען. הייִנט, וואָס פאַר אַ חידוש אַז נאַרבאָן, אַ שיינער מקום־תורה און אַן עיר ואם בישראל, האָט צוגעצויגן צו זיך לערנערס און בעלי יצירה, מלומדים און באַהויכטע גייסטער, בעלי־סוד און דענקערס, פאָרשערס און איבערזעצערס פון יסודותדיקע פילאָסאָפישע און אַנדערע ווערק פון אַראַביש אויף העברעיש.

יידן פון ספרד האָבן מיט גרויס קענעוודיקייט סטימולירט און באַווירקט די פילאָסאָפישע מחשבה און בייגלייך אַ וואָגיקע שפּראַך־פאָרשונג אין תחום פון העברעיש, און אַזוי אַריבערגעפלאַנצט אַ באַנייטן אויסקוק און באַנעם פון יידישע קולטור־ווערטן אויפן באָדן פון די צעוועקטע יישובים אין לאַנגדאָק און דער פּראָוואַנס.

צווישן די אָנגעקומענע הויך־קולטיווירטע ספרדים איז געווען די משפחה ק מ ח י, וואָס אַנטלויפנדיק פון די רדיפית פון די קנאותדיקע איסלאַמישע אַלמאָהאַדן, האָט זיך באַזעצט אין נאַרבאָן, און די גערימטע משפחה תיבון אין לונעל. בשעת יהודה אבן תיבון האָט איבערזעצט פון אַראַביש סעדיה גאונס פילאָסאָפיש ווערק „אמונות ודעות, בחיי אבן פקודהס „חובות הלבבות״ און דעם „כוזרי״ פון ר׳ יהודה הלוי, האָט זיין זון שמואל איבערגעזעצט אויף העברעיש דעם רמבם׳ס „מורה נבוכים״ וואָס האָט בשעתו געמאַכט אַ רושם און אַרויסגערופן צווישן די גדולי התורה אַ סך חילוקי דעות. פאַרקלונגען די יידישע ישובים האָט אויך דער גרויסער בעל־מדקדק, דער פיינער סטיליסט און בעל־סברה, רבי דוד קמחי, דער רד״ק, אין נאַרבאָן, מיט זיין אויטענטישן, פינקטלעכן און לאָגישן פירוש צום תנ״ך. דעם רד״ק׳ס פירוש, וואָס איז געדרוקט צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע מפורשים, איז געווען תמיד שטאַרק באַליבט ביי יידן, האָט אויך אויסגענומען אין דער קריסטלעכער וועלט, און איז געוואָרן איבערגעזעצט אין לאַטיין.

פון דאַנען וואַנדערט דאָס וואַכיקע און באַקלערטע אויג פון דעם אָנקוקער צו אַנדערע אַמאָליקע און שם־דבר׳דיקע קהילות אין דער פּראָוואַנס. זיינע פאַרדמיונטדיקע רעיונות טראָגן אים ווייטער אַריבער אין דעם באַרגיקן, זון־באַגאָסענעם מאָנפעליע, וואָס ווערט אָנגערופן אין דער רבנישער ליטעראַטור מונפשליר אָדער הר הקודש, און איינער פון זיינע גדולים האָט טאַקע געהייסן ר׳ שלמה בן אברהם „מן ההר״, פונעם באַרג. אגב, איז אָט דער אָנגעזעענער למדן און גרויי־בעל־השפעה שטאַרק מחולק געווע אויפן רמב״ם און זיינע אויפגעקלערטע אָנהענגערס אין מאָנפעליע. לאָמיר דאָ נאָך דערמאָנען, אַז אויפן רמב״ם מיט זיין שיטה אין פילאָסאָפיע און די קאָדעפיקאַציע פון דער הלכה, האָבן קרום געקוקט אַ רייע חכמי פּראָוואַנס און אויך אין שפּאַנישע קהילות. דער גרויסער רב־פלוגתא פון רמב״ם איז אויך געווען איינער פון די גדולים אינעם 12טן י״ה ר׳ אברהם בן דוד, דער ראב״ד, וואָס איז געווען דער ראש־ישיבה פון פוסקיירש (פּאָסקיערס) אין דער פּראָוואַנס, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיינע „השגות״ (קריטישע קאָמענטאַרן) אויפן רמבם׳ס „משנה תורה״ און זיין דרך אין דער פילאָסאָפישער שיטה, אויף וואָס די

פרומע, אָפּגעהיטענע יידישקייט האָט געהאַט אַ בייז אויג.

טראַכט מען פון מאָנפּעליע איז גוט זיך צו דערמאָנען, אַז די שטאָט מיט איר אוניווערסיטעט האָט געהאַט אַ שם פון אַ באַדייטיקן צענטער פאַר בילדונג און קולטור. אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט האָבן אויפגעקלערטע יידן געלערנט רפואה און געווען באַקאַנט ווי גוטע דאָקטוירים, וואָס זענען געשטאַנען אין גרויס אָנזען אין דער וועלט.

וואַנדערט ווייטער דער פאַרבענקט־צוגעטראַכטער דמיון צווישן רעאַלע און אידעאַלע אָביעקטן, אימאַגינאַציע און ווירקלעכקייט פון מאָנפּעליע־הר הקודש, מיט זיינע פאַרצייטישע רעשטלעך פון יידישן יישוב, צו די צעשיינטע פליינען אין דער פּראָוואַנס מיט די שטעט ניס און אַרל. זוכט דאָרט דער דאָרשטיקער זכרונות־ליבהאָבער מיט נייגעריקן אינטערעס אַ פאַרהוילענעם אָפּהילך פון אַמאָליקן יידישן לעבן וואָס איז שוין היינט פאַרלאָשן. שפּרייזט ער מיט פאַרבאָרגענער פרייד און אויפנעם איבער די אַלטע געסלעך און היינטצייטיקע ברייטע גאַסן, וואָס דרימלען אין דער זוניקער פאַרשלאָפנקייט, שפּורן פון די אַמאָליקע יידישע גייסט־ און קולטור־צענטערן אין שיינעם ניס און אַרל. בדיעבר שטויסט ער זיך אָן אין לויטער־שייאיקע און שטאַלטענע דענקמאָלן פון דער רחבות־דיקער רוימישער תקופה און שפּעטער־דיקן מיטלאַלטער, וואָס כישופן דאָס אויג מיט זייער סודותדיקן חן און גלאַנץ. דערגייט ער צו דער ריזיקער און פּראַכטיקער אַרענע פון די רוימער, ווו עס זענען פאָרגעקומען אין יענע צייטן קאַמף־פאַרמעסטן פון מלחמה־געפאַנגענע מיט ווילדע חיות. קומט דעם היסטאָריש באַקלערטן אָנקוקער אויפן רעיון אַ מוראדיק־פאַרצווייפלט בילד פון אַזוינע ביטולדיקע פאַרמעסטן פון די ציון־געפאַנגענע נאָכן חורבן ירושלים צווישן די גיגאַנטישע מויערן פון רוימישן קאָלאָסעאום.

אין זיין צעפלאַמטן דמיון זעט ער די העלדישע פאַרטיידיקערס פון דער באַלאַגערטער שטאָט, מיט שמעון בר גיורא בראש. אַ מוטיקער און שטאָלצער קעמפער שטייט ער אין דער אַרענע פאַר דעם פריילעכן און צעיושעטן המון, מיט אַ טויט־מבטלדיקן בליק אין זיינע אויגן גרייט צו דעם מסוכנדיקן חיהשן אַרויספאָדער. פאַרזונקען אין זיינע נאָגנדיקע מחשבות, גייט דער בנימוסדיקער גאַסט אַ פאַרחלומטער ווייטער און קומט צו צו דעם גראַנדיאָזן איבערבלייב פון רוימישן פאָרום, און פון דאָרטן צו דער אויפגעהיטענער טעמפּל־חורבה פון דער געטין דיאַנאַ, די געטין פון פרוכפּערקייט און צניעות אין אַמאָליקן רוים.

אָבער אין די ענגע געסלעך פון מיטלאַלטערלעכן ניס פילט מען נאָך בחוש דעם שוואַכן אָפּקלאַנג פון אַ דינאַמיש יידיש לעבן אין די ווייטע צייטן, וואָס איז געבליבן פאַרשטאַרט און העגנט אין דער לופט פון דעם שאָטנדיקן געמויער אין פאַרצייטישן שטעטל. פאַרצייטנס איז דאָס יידישלעכע נימש געווען אַ מקום תורה און אַ שיינער עמך־יידישקייט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן גירוש אינעם 14טן י״ה. ערשט אין משך פון 16טן און 17טן י״ה האָבן זיך יידן אי קליינע הייפלעך ווידער באַזעצט אין ניס, געבויט און באַנייט אַ יידיש לעבן, וואָס האָט מיט זיין גלאַנץ אָנגעהאַלטן לאַנגע דורות.

אַוודאי האָבן אויך אין דער רעלאַטיוו־טאָלעראַנטער פּראָוואַנס לחלוטין נישט געפעלט קיין נגישות און רדיפות, אָבער בדרך כלל האָבן זיך יידן ווי עס איז אַן עצה געגעבן, מען האָט דעם בטחון און דאָס האַרץ נישט פאַרלוירן. אַלטע יישובים זענען געוואָרן פון דאָס ניי באַוווינט און נייע קהילות זיינען אויפגעקומען, געוואַקסן און זיך צעבליט סיי אין תחום פון גייסטיקער שאַפערישקייט און סיי אין מוצלחדיקן משא־ומתן. מיט עקשנות און אַ האָפּערדיקער פרייד האָבן יידן געזאָרגט אָנצוהאַלטן די אמתע יידישע נקודה, מיט מיט מהות און תמצית, כדי צו האָבן אין איר אַן אָנלען און חיזוק פאַר זייער ווייטערדיקן קיום. אין דעם פּרט איז אינטערעסאַנט צו דערמאָנען דעם פאַקט, אַז אינעם ליבעראַליזירטן 19טן י״ה איז פון דעם פאַרצייטישן יידישלעכן יישוב אין נימש (ניס) אַרויסגעקומען דער פּראָמינענטער פראַנצייזישער ־ יידישער פּאָלי־

טיקער אַדאָלף קרעמיע, וועלכער האָט ווי אַ יוסטיץ־מיניסטער אין דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג אין יאָר 1848 אָפּגעשאַפט די שקלאַפעריי אין די פראַנצויזישע קאָלאָניעס און טויטשטראָף פאַר פּאָליטישע חטאים. אַזוי האָט געפירט דער וועג פון דעם אַמאָליקן יישוב אין ניס מיט זיין אימאַנענטער יידישער קולטור־ירושה צו דעם אימפּאָזאַנטן אַרויסקום פון אַ באַדייטיקן מלוכה־מאַן אין פראַנקרייך אין דער נייעסטער צייט.

א פּערל אין דער קרוין פון די אימפּאָזאַנטע שטעט אין דרום־פראַנקרייך, וואָס כישופן נאָך עד היום מיט זייער שטאַלטיקן סטיל און גלאַנץ, איז בעצם דאָס שיינע אַרל (אַרליש ביי יידן), וואָס זיין צעבליטער יידישער עבר לאָזט אויך אונדז עפּעס הערן. די בחנטע שטאָט שיינט ווי אַן אבן־טוב מיט רעשטלעך פון דער אַמאָליקער עשירותדיקער רוימישער קולטור און דערצו מיט סודותדיק־סובלימע מאָנומענטן פון קריסטלעכן מיטלאַלטער. דאָס יידישע אַ ר ל האָט זיך געייחוסט ווי אַ מקום־תורה אין אַן איינגעפונדעוועטן יישוב יידן. געלעבט האָבן שוין דאָרט יידן פון פריעסטע תקופות און געשפּילט אַ ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון מיסחר, מלאכה און אינדוסטריעלע אויפטוען. קיין מאַטעריעלע קולטור־איבערבלייבסן זענען אויך דאָ נישט מער בנימצא. יידישע שאַפונגען זענען קיינמאָל נישט געווען אויסגעהאַקט אין שטיינערנע מאָנומענטן, נייערט זיי זענען פאַרשריבן אויף פּאַרמעט־מגילות און פאַרגעלטע כתבים פון דערהיבענע גייסטער, וואָס זענען אונדז פאַרבליבן פּינאַ דורותדיק־קוואַליקן יידישן לעבן.

פאַר אַ יידישן גאַסט אויף אַ ווייל מיט שרשים אין עבר, איז אַוויניאָן די שטאָט וואָס ליגט איפן רחבותדיקן טייך ראָן, פון אַ באַזונדערן היסטאָרישן באַטייט און גרויס אינטערעס. געלעבט האָבן יידן שוין דאָרט פון קדמונים, און די שטאָט גופא מאַכט אַ רושם מיט איר מיטלאַלטערלעכן סטיל, מאָלערישקייט און שטאַלטיקער אַרכיטעקטור. אירע אימפּאָזאַנטע און גראַציעזע תיפלות איינגעהילט אין אַ סודותדיקער פאַרחלומטקייט, היינט ערשט דער גראַנדיזער פּאַלאַץ פון די פּויפּסטן מיט זיינע אוצרות פון קונסטווערק, געמעלן און סקולפּטורן, זאָגן בולט עדות אויף אַ רייכער קולטור־ירושה פון די באַוווינערס. אָנגעהויבן פון 14טן י״ה איז אַוויניאָן געווען דער זיץ פון די גלות־פּויפּסטן, וואָס האָבן צוליב מחלוקות און מאַכט־קאָנפליקטן אין דער קירך פאַרלאָזן רוים, גיין אין גלות קיין אַוויניאָן און פון דאָרט אָנפירן מיט די רעליגיעז־פּאָליטישע ענינים פון דער קריסטלעכקייט אין דער גאָרער וועלט.

די פּויפּסטן האָבן ווי עס איז גוטה חסד געווען צו יידן אין יענע ביטערע צייטן פון שווערע רדיפות און אימהדיקע סכנות אין מלכות פראַנקרייך, בפרט נאָך דעם טראַגישן גירוש אין יאָר 1394, הונדערט יאָר פאַרן אַכזריותדיקן גירוש שפּאַניע. האָבן געררודפטע און אַנטרונענע יידן פון די גזירות פראַנקלאַנד איצט געפונען שוץ און באַשיירעמונג אין דער פּויפּסטלעכער טעריטאָריע פון אַוויניאָן און קאַרפּאַנטראַס. יידן זענען שוין פון תמיד געווען אַ נוצלעכער פאַקטאָר מיט זייערע ענערגיע און אויפטועריזשקייט. און אַזוי איז דאָ אויך געווען אונטער דער ניי־איינגעשטעלטער ממשלה פון די פּויפּסטן.

די ניצול־געוואָרענע יידן זענען גאָר שטאַרק צו נוץ געקומען די אָרטיקע מושלים, וואָס האָבן זיי אין דעם נייעם מקום־מיקלט באַהאַנדלט מיט איינזעעניש און ווי פאַרן קנאותדיקן מיטלאַלטער — מיט אַ געוויסער טאָלעראַנץ. לערך פון 16טן י״ה הערן מיר פון די דאָקומענטן, איז די קהילה פון אַוויניאָן, איינע פון די פיר קהילות (אַרבע קהילות) אין דער פּראָוואַנס, געווען אַ מין קליינע יידישע רעפּובליק מיט אירע אויטאָנאָמע אָרגאַנען, וואָס בראש פון זיין איז געשאַנען אַ לעגיסלאַטיווער וועד פון פרנסים און אַ ראש הקהל, אַן אייגענעם געריכט און געשאַפענע רעליגיעזע, געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס. אַוויניאָן איז דעמאָלט געווען מיט זיין שיינעם יישוב אַ גוט־איינגעפונדעוועטע יידישע פּאָזיציע אין דעם אַרומיקן ים פון קריסטלעכער שינאה און רישעות.

ס׳איז אויך כדאי דאָ צו פאַרנאָטירן, אַז

דווקא די ראָשים פון דער קאַטוילישער קירך, די געטרייע היטערס פון דער אמונה אין ישו, האָבן אין די געביטן אין זייער עקלעזיאַסטישן רשות, אַרויסגעוויזן אָפּט מער טאָלעראַנץ לגבי יידן ווי די וועלטלעכע הערשערס מיט זייער קנאות־דיקער פרומקייט און מאַכט־תאוות אין די פאַרשיידענע לענדער. אַזוי איז דאָס וגעגאַנגען אין די צייטן ווען די פויפּסטן זענען געזעסן אין זייער גלות־אַוויניאָן און אויך שפּעטער. כל זמן די טעריטאָריע איז געשטאַנען אונטער זייער אויטאָריטעט, ביז צו דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ווען דאָס געביט איז אַריבער אין רשות פון דער פראַנצויזישער מדינה. בדרך כלל האָבן די פויפּסטן אין אַוויניאָן צוגעצויגן צו זייער הויף יידישע פינאַנץ־אַגענטן, אָנגעזעענע מיסחר־לייט און דאָקטוירים מיט אַ גוטן נאָמען. אין אַוויניאָן, מיט זיין שיינעם יידישן יישוב, האָבן יידן געקענט פרייער אָפּאָטעמען, זייער מצב איז געווען אַ רעלאַטיוו גוטער און צופרידענער, בשעת אין פראַנקרייך גופא און אין אַנדערע לענדער האָבן בייזע ווינטן געבושעוועט, די סכנות און אימת־המוות־געפילן זענען געווען אין לשער.

אין פאָדערגרונט פון מיטלאַלטערלעכן אַוויניאָן, אויף דעם באַרגיקן שיפּוע פון שטאָט, שטייט דער גראַנדיאָזער, רחבות־דיקער פּאַלאַץ פון די פויפּסטן, וואָס באַהערשט אין זייער קאַפּיטאַלער גרייס און מאָנומענטאַלישקייט דעם גאַנצן אַרום, ווי אַ וואָרצייכן פון מאַכט און אויטאָריטעט אין דער קריסטלעכער וועלט, האָט דער דאָזיקער שררהדישער פּאַלאַץ נישט איין מאָל אָנגעוואָרפן אַן אימה און אַ פחד אויף דעם ביסל יידן אין די ענגע, שטומפּיקע געסלעך און די פאַרקרומטע, פאַרהויקערטע הייזער אינעם יידישן „שטעטל", וואָס איז געלעגן אין דער נידער, צופיסנס פון דעם געביי־קאָלאָס. אפילו אין די „גוטע" יאָרן האָבן יידן בחוש געשפּירט דעם ביטערן טעם פון בייזוויליקייט און רישעות מצד די לאָקאַלע האַרן און מושלים. נישט געקוקט אויף די אַלע גוטע כוונות און טאָלעראַנטע צוזאַגן, האָבן די שטאָטישע קערפּערשאַפטן בשום אופן נישט דערלויבט אויסצוברייטערן די גרויסע ענגשאַפט אין יידישן קוואַרטאַל, אַז יידן זאָלן קענען לעבן ווי מענטשן. האָט מען נישט געהאַט אַנדער ברירה ווי אויפשטעלן האָריזאָנטאַל אויף די פאַראַנענע הייזער אַלץ נייע און העכערע שטאָקן כדי צו שאַפן המצאהדיקע וווין־מעגלעכקייטן פאַר דער פאַרגרעסערטער יידישער באַפעלקערונג. האָבן טאַקע די מאָדנע געבייען אויסגעזען ווי גאָרנדיקע פאַרזעענישן ווו עס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט לעבעדיקע נפשות, קינד־און־קייט.

ווי תמיד האָבן יידן מקבל באהבה געווען דעם שווערן מצב, אַבי מען לאָזט זיי לעבן, אפילו אין אַ שטיקיקער ענגשאַפט. הלוואי נישט ערגער, און אַ סך ערגער האָט עס אויסגעזען אין אַנדערע געגנטן און מדינות. האָט אַוויניאָן און קאַרפּאַנטראָס, אונטערן שוץ פון די פויפּסטן, געשמט מיט זייער וואָגיקער יידישקייט, מיט תורה און מעשים טובים, און דערצו אַ שיינער משא־ומתן, אַרבעט און פרנסה. אינעם 14טן י"ה האָט אין אַוויניאָן געלעבט דער ווייט־באַקאַנטער גדול און פילאָסאָף רבי לוי בן גרשם, דער רלב"ג, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיין קלאָרן און בקיאותדיקן פירוש אויפן תנ"ך, און דער עיקר מיט זיין רעליגיעז־פילאָסאָפישן ספר „מלחמת אדוני" וואָס האָט אַרויסגערופן אין יענע צייטן אַ שאַרפע קריטיק אין די קרייזן פון די פרומע בעלי־תורה. אין אַוויניאָן איז אויך אַ צייט לאַנג געזעסן יוסף הכהן, דער באַקאַנטער כראָניקער און היסטאָריקער, דער מחבר פון אַ היסטאָריש ווערק: „דברי הימים למלכי צרפת ומלכי בית עותמן" (די געשיכטע פון די פראַנצויזישע און אָטאָמאַנישע מלכים). אַ טיפן רושם האָט אָבער איבערגעלאָזט זיין בוך „עמק הבכא" (אַ טאָל פון טרערן), ווו ער באַשרייבט מיט צער און ווייטאָג דעם גרויל און אַכזריותן, גזירות גירושים לגבי יידן אין דעם פינצטערן מיטלאַלטער, יסורים וואָס ציטערן אויף דאָס האַרץ פון אַ ייד. אין מאַנכע קהילות האָט מען יוסף הכהנס „עמק הבכא" געלייענט תשעה באב צוזאַמען מיט די איכהדיקע קינות פון די ווייטע דורות.

די פיר פּראָוואַנסאַלע קהילות האָבן

געהאַט אויפצעוויזן אַ ריי אייגנדיקע מינהגים און תפילות, וואָס זענען געווען אַ מין סינטעז פון מינהג ספרד און אַשכנז, און אָנגעהאַלטן ביזן סוף פון 18טן י״ה.

אין שייכות דערמיט איז דווקא אינטערעסאַנט צו דערמאָנען אַ מחזור צו ראש השנה, געדרוקט אין אַמסטערדאַם אין 1765 פאַר די פיר קהילות אין דער פראָוואַנס. אויפן שער־בלאַט הייסט עס: „כמנהג קהל קודש אויגניון יגן ה׳ בעדם אָמן״. (לויטן מנהג פון הייליקן קהל אין אַוויניאָן, זאָל זיי גאָט באַהיטן, אָמן). באַוואָרנט זיך שוין תחילתדיק דער אַרויסגעבער אברהם מונטיל קעגן קאָנקורענטן, און ווי דער שטייגער איז געווען, דרוקט ער עטלעכע הסכמות פון רבנים און דיינים אין קאַרפאַנטראָס (אין רבינשן אויסלייג: קארפינטראץ). די דאַטע אויף דער הסכמה לייענט זיך: „כ״ח לחודש תשרי התקי״ב (1752). זעט אויס, אַז ביז די מחזורים זענען אַרויס פון דרוק האָט דאָס אַפנים גענומען אַ קיימא־לן פון דרייצן יאָר.

אונטער די הסכמות קומען די חתימות פון ספרדישע רבנים: ישראל כרמי ס״ט (סימן טוב), יעקב חיים די וידאש ס״ט, יאודה (יהודה) דוד כרמי ס״ט, און דערנאָך יוסף דמילייאב ס״ט (מסתמא אַן אַשכנזישער און אפשר גאָר אַ פוילישער רב. צום סוף גייט נאָך אַן הסכמה פון ירושלימער משולח, דער דיין אליהו ישראל, וואָס האָט זיך אין יענע טעג אויפגעהאַלטן אין קארפאנטראס צו קלייבן נדבות פאַר דעם נויטבאַדערפטיקן יישוב אין ארץ ישראל. האָבן מיר אויף אַזאַ אופן אַ לעבעדיקן גרוס פון די פאַרצייטישע, שיינע קהילות אין דרום פראַנקרייך, פון זייער געטריישאַפט און ברודערשאַפט, נדבנות און מעשים טובים.

אַ פאַרטראַכטער, פול מיט איינגעטיפטע היסטאָרישע מחשבות און אַ נאָגעניש אין געמיט גייט דער וואַנדערנדיקער און פאַרחלומטער גאַסט אַרום איבער די שמאָלע, ענגע געסלעך און פאַרלאָשענע הייזער אין געטאָ פון אַוויניאָן און זוכט קענטיקע שפירן פון דורות יידן. מיט זיין אויפנעמיק אויער וויל ער אויפכאַפן דעם ריטם און קלאַנג פון דער יידישער פאַרצייטישקייט, פלאַגענישן און שמחות, וואָס הענגען אָבער איצט סודותדיק־פאַרגליווערט אין דעם אויסגעליידיקטן אַרום. דערפאַר אָבער אויבן, אין צענטער פון שטאָט, שטייט גדלותדיק־וואַכיק די אימפאָזאַנטע רעזידענטץ פון די אַמאָליקע פויפסטן, ווי אַ באַוואָרנטער עדות פון דער קאַטוילישער מאַכט און גרויסקייט. דאָ איז דער גערודער גרויס און פלייצט מיט לעבן. אַהערצו שטראָמען כסדר טוריסטן פון אַלע עקן וועלט, וואָס באַוואונדערן מיט התלהבודיקע בליקן די פראַכט און גלאַנץ פון דער עשירותדיקער און קדמונדיקער קולטור און שיינעוודיקע קונסט־ווערק פון מיטלאַלטער. אונטן אָבער, אין די שטילע, פאַרלאָזטע און האַלב־פאַרשלאָפענע געסלעך איז שוין נישטאָ קיין שום אָנצייכעניש פון אַמאָליקן פולסירנדיקן און שאַפערישן יידישן לעבן. אַלץ איז פאַרבלאַסט, איינגעהילט אין אַ סודותדיקן שאָטן פון פאַרצייטיקן אַמאָל. הגם נישט אויבנאויפיק און ניכרדיק איז די יידישע קולטור־ירושה נישט אויסגעהאַקט און בילדעריש אויסגעקריצט אין שטיינערנע מאָנומענטן, דערפאַר אָבער ניסתרדיק אָפגעהיטן און פאַרשריבן אין אַלטע פאַרמעטן און ספרים וואָס שטראָמען המשכדיק־האַפטיק און קיומדיק אין די גייסטיקע שאַפונגען פון יידישע דורות ביז היינטיקן טאָג.

פון אַוויניאָן האָט זיך דער דאָרשטיק־זוכערישער בעל־נסיעה פאַרקליבן קיין קאַרפענטראָס, וואָס האָט אַ מאָל געהאַט אַ שיינעם, מיט תוכיקער יידישקייט אָנגעלאָדענעם יישוב. אין אָט דער שם־דברדיקער קהילה און אַן עיר ואם בישראל, האָבן געלעבט און געווירקט אַ צאָל יידישע גדולים, וואָס האָבן מיט זייער תורה און חכמה משפיע געווען אויפן כלל יידן. אין דעם היינטיקן קארפאנטראס האָט דער אַריינגעטאָענער אורח לשעה פאַרבראַכט אַ באמת אַטראַקטיוון און עונג שבתדיקן נאָכמיטאָג. עס איז פאַר אים געווען אַ תענוג מיט אַ שפאָר ביסל עסטעטישער הנאה אַרומצושפאַצירן איבער דער שיינער אַלטשטאָט מיט איר שטאַלטיקן געמויער, פלעצער און געביידעס, און דאָס צירלעך־אויסגעטאָקטע שטאָטישע טויער. ווי אין די אַנדערע שטעט גע־

פינען מיר אויך דאָ מאָנומענטאַלע רעשטלעך פון דער אַלט־רוימישער צייט, און דערנעבן שורות בכבודיק־געבויטע און באַטעמטע געביידעס און אַרכיטעקטאָניש־רחבותדיקע רענעסאַנס־פּאַלאַצן פון אַמאָליקע שטאָט־האַרן און פּאַטריציערס, וואָס באַשיינען מיט זייער עלעגאַנץ די אַרומיקע פּלעצער און גאַסן. עס איז אַ מחיהדיקער אָנבליק, וואָס פּילט אָן מיט זיין יום־טובדיק־גראַציעזן סטיל דאָס האַרץ פון שבתדיקן ייד מיט אַ שטילן ברכי נפשי געזאַנג.

פון דעסטוועגן ציט אים מיט כוח דווקא דער יידישער עבר, צו געפינען אַ פאַרבליבן אָנצייכעניש פון דער פאַרצייטיש־שפּרודלדיקער יידישקייט, וואָס איז אויך דאָ שוין כמעט נישט בנימצא. געהערט האָט ער אָבער פון אַ היסטאָרישן יקר־המציאות וואָס געפינט זיך אין שטאָט, און דאָס צו באַקוקן איילט זיך דער גאַסט איידער עס קומט די שקיעה פון דעם ליכטיקן זומער־פאַרנאַכט. מיט גרויס נייגער און אַ פאַרכאַפּטן אָטעם דערנענטערט ער זיך צו דער אַלטער שול, וואָס די שטאָט האָט אויפגעהיטן מיט גרויס פּיעטעט און זאָרגעוודיקער ליבשאַפט ווי אַ מוזייאישן חפץ, און איז אַ שם־דבר אין דער גאַנצער געגנט. די אַלטע שול, ווי אַ רעשטל פון יידישער פאַרצייטישקייט געפינט זיך אין דער אַלט־שטאָט, איינגעקעסטלט אין אַ שורה פון היינטיקע וווינהייזער, און איז קוים אָנזעעוודיק ווי אַ מקום תפילה. קומט מען אַריין אין דער טונקעלער שטילקייט פון דער שול, איז זי אַן אמתע התגלות פאַר דעם לעכצנדיקן אויג.

די שול, ווי ווייט זי איז געוואָרן אָנגעהאַלטן אין איר באַשטאַנד, איז איינע פון די זעלטענע אַנטיקן אין די דרום־פראַנצויזישע קאַנטן. קונסט־מבינים און היסטאָרישע זאַכקענערס האַלטן, אַז די שול אין איר איצטיקער געשטאַלט, מיט דער מקווה און די קהלשע שטיבלעך, שטאַמט נאָך פון 15טן י״ה, אויב שוין נישט פון אַ יאָרהונדערט פריער. די שול גופא, אַ רעסטאַווירטע, ווי זי באַשטייט היינט, מיט איר שטיינערנער דיל, הילצערנע בענק ביי די ווענט, צום טייל אפילו מיט שטרוי־געזעסן, זאָגט עדות אויף איר פאַרצייטישן כאַראַקטער און שטייגער, דערוועקט אַ טיפן יראת־הכבוד און אַ פאַטעטישן סענטימענט. אַ באַזונדערן רושם מאַכן די ווונדערלעכע תשמישי קדושה מיט זייער אַלט־זילבער גלאַנץ און פאַרצירטער אָרנאַמענטיק, וואָס מיט זייער שבת־יום־טובדיקייט דערציילן זיי, אפשר מער ווי די פון מירמלשטיין אויסגעהאַקטע רוימישע מאָנומענטן, פון אַ צעשיינטן און תוכיקן יידישן לעבן אין דעם ווייטן אַמאָל.

אין יענער שבתדיקער מינחה־צייט איז דער אַלטער מקום־תפילה געווען איינגעהילט אין אַ סודותדיקן דרימלדיקער שווייגעניש, וואָס האָט אין זיין טונקלקייט דערמאָנט דאָס שיינע מעשהלע פון דער פאַרכישופטער פּרינצעסין וואָס וואַרט אין איר שלאָף אויף איר ליבהאָבער, וואָס וועט אָפּטאָן פון איר דעם כישוף און זי דערוועקן צו אַ נײַ לעבן. אויפן געמיט פון דעם אַריינדרינגער־גאַסט האָט בעצם געדריקט די אומבאַוועגלעכע שטילקייט און פאַרלאָזטקייט פון דעם פאַר׳יתומטן מקום קדוש און געוועקט און געמאָנט שטילערהייט אַ שבתדיקן תפילה־אָפּהילך און אַ תיקון פאַר דעם צערודערטן נפש. אַ ציטערדיקע אומרו און בענקעניש האָט מיט אַ מאָל אַרומגענומען דעם פרעמדן אורח, בשעת ער איז געזעסן אַ פאַרטראַכטער אין זיינע מחשבות אויף איינער פון די ליידיקע בענק, און געפּרוווט זיך איינצוהערן אין שבתדיקן בין־השמשות צו דעם קול פון די אין דערלופט פאַרגלייווערטע תפילות און ניגונים פון פאַרצייטישן ציבור־יידן אין קאָמפּאַטראַס. עס האָט דערמאָנט די פאַרציטערטע שטימונג פון דעם רעווא דרעווא געפיל אין קרייז פון חסידים ביי אַן אָרעמלעכן שלוש־סעודות מיט זייער פאַרניגונטער התלהבות און דבקות אינעם פאַרגיי פון אַ ליכטיקן שבת. שטילערהייט האָבן דעם גאַסטס ליפּן געבאַמקעט דעם בני היכלא דכסיפין מיטן צעוויטאָגטן מזמור לדוד. מיט אַ מאָל האָבן זיינע ליפּן געשעפּטשעט אַ שטילן ברכו און קדיש־תפילה צום אָנדענק פון יענע דורות יידן, גערודפטע און אָפּט דערהויבן־דערפרייטע האָבן מיט אַ

לייב וואַסערמאַן / ניו־יאָרק

# לידער

## 1. איך באַהאַלט

איך באַהאַלט אַ ווינקל
נאָך אַ ווינקל,
ווייל דאָרט
איז דאָס וואָרט,
דער טויער,
וואָס איז בסתר.
דער מקדש,
ווו כ׳וועל שטאַרבן.

## 2. די אויגן

די אויגן
ציען זיך צום ווינט,
און דער ווינט
צו די סופן.

צווישן איין אָטעם
אין דעם אַנדערן,
הימלען נסיינות.
מען דאַרף האָבן פּאָרכט
אין טירחה,
אין מען קאָן ווערן
אַ געשטאַלט.

## 3. איך עפן אַ טיר

איך עפן אַ טיר,
און ס׳איז גאָר ניט
קיין שטוב,
נאָר אַ פעלד.
נאָר דאָס פעלד
ציט זיך צונויף
ווי אַ חדר.

---

ציטער אין האַרץ און אַ שבח אויף די ליפן, אויסגעגאָסן זייערע תחנונימדיקע תפילות און בקשות פאַרן בורא עולם.

אַרויסגייענדיק פון דער פאַרשוויגענער שול אין דער זוניקער שקיעה פון שבת־דיקן נאָכמיטאָג, האָט זיך דער אויפגע־רודערטער באַזוכער דערפילט עניוותדיק דערהויבן און פאַרטענוגט אַ זעלטן אי־בערלעבעניש צווישן די שטיל־פאַרבלי־בענע קולטור־רעשטלעך פון דער פאַר־צייטיקער יידישקייט אין קאַרפּאַנטראַס. עס איז געווען אַ מין עולה־רגל זיין צו אַ פאַרהייליקטן מקום־תפילה, אַ געפיל פון ייחוד און באַהעפטונג מיט אַמאָליקע דורות־יידן וואָס האָבן אין אַ מצב פון שווערע קלעמענישן און אַ ביסל יום־טוב־דיקייט, מאַטערנישן און אַ צעברויזטער שאַפערישקייט, ממשיך געווען מיט גרויס בטחון און אָפּגעהיטענער אמונה, ממשיך געווען דעם אייביקן חלום פון גאולה און איפריכטעניש פון מענטש און ייד, אויס־געגליט אין פייער פון אימהדיקע נסיונות און ביטערע יסורים. ווייל מען, איז דאָס געווען און פאַרבליבן יידיש־מענטשלעכע גורלדיקייט אין פאַרלויף פון צייטן.

פאַר דעם שרייבער פון די שורות איז די נסיעה אין די פאַרצייטישע דרום־פראַנצויזישע יישובים געווען שטאַרק מזל־ברכהדיק, און בייגלייך אַ געראָטע־נער מוסר־השכל פון אַ ליכטיקן יידישן עבר, פון וואָס אונדזער דור ציט נאָך עד היום זיין שאַפעריש־קוואַליקע יניקה. פון דער יידישער געשיכטע אין אַלע אירע גילגולים און התגלותן קענען מיר אָפּ־לערנער גאָר אַ סך.

לאָנדאָן, האַרבסט 1981.

וואָס איז פונקט פאַר מיר.
איך קוק זיך אַרום,
און זע אַ בענקל,
אַ טיש
און אַ צאַפּלדיקע שעה.

## 4. אין אַ לעגענדע

איך פאַל
אַלע מאָל אַריין
אין אַ לעגענדע.
די אַנוועזנהייט
איז אַזוי,
אַז זי האָט נ'ט
קיין אַנדער אָפּדאַכט.
די לעגענדע
און מיין קראַפט
פלאַטערן
פון איין פאַרב.
דער געוועלב אייבן,
און דער געוועלב אין מיר,
זיינען פּין אין אויפפיר.

## 5. די שטערן

די שטערן
צינדן אויף מיר
גאָלד אין עלטער.
די לבנה
האַלט אין איין אַרויסענדיקן
מיין נאָמען.
אָט וועל איך באַלד ווערן
ווי אַ באַרג,
וואָס איז שוין ניטאָ.

## 6. דער חידוש

דער חידוש
איז אַזוי שאַרף,
אַז ער וועט באַלד איינשלינגען
מיין געשטאַלט.
אָבער דערווייל
שאַל איך דין
און אַן
די שלימות.

## 7. טרוים און ריטם

איך געב צו
צם טרוים אַ ריטם,
און דער אָפּשייד
שמייכלט.
ס'ווערט אַלץ האַפּטיק
און לבנהדיק.
שטום
און איכותדיק,
ווי צו ג־ט.

---


### צו אונדזערע לייענערס:

מיר בעטן אייך איינצוצאָלן דעם חוב פאַר אייער יערלעכן
אַבאָנימענט פאַרן „חשבון". אונדזער זשורנאַל שטיצט זיך
דורכויס אויף אונדזערע לייענערס. אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר.

די פאַרוואַלטונג

חיים לייב פוקס / מאָנטרעאַל

# ר׳ רפאל...

(פון ציקל „מיינע זיידעס״)

... ער האָט נישט געוואָלט זיין קיין רבי, קיין רב און קיין דרשן,
כאָטש ער האָט פון זיין פאָטער „דער טשעכאַנאָווער״ מידות טובות גע׳ירשנט...

„מיין תם וישר״ האָט אים מיט ליבשאַפט זיין טאַטע, דער צדיק, גערופן
אין אַ פורים־טאָג, ווען עס איז אַ מצוה ביי יידן צו זיין בגילופין...

פון דעמאָלט איז דער „איש תם וישר״ געבליבן אַ טייל פון זיין נאָמען
וואָס האָט זיין נפש געצערטלט און זיין עניוות אַרומגענומען...

אַזוי שטייט ער פאַר די אויגן און איך פאַרנעם זיין האַרציקע פירונג
צו זיין „פשוט אַ ייד״ וואָס ער טראָגט אין זיין נשמה, ווי אַ טייערע צירונג...

איך זע אים ווי אין אַ חלום באַגינען און איך וויל זיין דרך פאַרשטיין,
ווי מיין טאַטנס אַן אָפּזאָג, נישט צו זיין מער אין לאָדזשער קהילה קיין דיין.

און געווען איז עס דעמלט, ווען אין דער שטוב זענען געווען פיר קינדער,
איינס קלענער פאַרן צווייטן. איך זע מיך אַליין אין יענער שעה ווי אַצינדערט...

עס האָט די מאַמע געוויינט און גאָרנישט געזאָגט צו דעם טאַטנס באַשלוסן
נאָר צו דער באָבע אסתר חיה אַוועק, עס זאָל זיך נישט קיינער דערוויסן...

ער שטייט פאַר מיינע אויגן און איך זע אים ווי אַ זעלטענעם וווּנדער
וואָס איך זע נישט עד היום קיין משל ביים קיינעם פון די רבישע קינדער...

און איצט בעת איך שרייב מיינע פרימאָרגנדיקע לידער און שורות
פרייט זיך מיין נפש פון מיינע זיידעס און פון מיין טאַטנס גבורות.

און איך בעט ביי די הימלען איך זאָל זוכה זיין צו גיין אין זייערע דרכים,
ווי איך באַמי זיך אין מיין לעבן צו זינגען וועגן זייערע לויבן און שבחים...

נ. שמן / טאָראָנטאָ

# אהבת הגר — באַציונג צום פרעמדן

(לויט דער הלכה)

די טעמע: באַציונג צום פרעמדן, אָדער ווי ווי מען רופט עס אין עברית, „היחס לגר,” איז אַן אומאויסשעפּלעכע, שוין אַזוי פיל געשריבן און ס'האַלט אַלץ ביי התחלה, ביים אָנהייב, ווי אין דער צייט פון אונדזער אויפשפּראָץ ווי אַ פאָלק.

באַלד ביים אויפשטייג פון אונדזער אור־פאָטער אברהם אָבינו, איז דער ענין גר געווען אַקטועל און נאָך אַלע געשיכט־לעכע גילגולים, איז דאָס נאָך ניט אַראָפּ פונעם סדר היום. כדאי אויך צו דער־מאָנען, אַז זינט די ביבלישע עפּאָכע, נאָך אין צייט פון די אָבות, איז עס געלעגן אויפן וואָגשאָל: פון איין זייט צוקום — אַברהם און שרה ברענגען פרעמדע „תחת כנפי השכינה” און פון דער צווייטער זייט, דער אַוועקפאַל, ישמעאל, עשו, די בני הפילגשים; אַ כסדרדיקער גאַנג סיי אויף די וועגן פון אונדזער וואַנ־דער און סיי אין אונדזער באַזעסנקייט. נישט איין מאָל האָט זיך געדאַכט, אַז איןביידע פאַלן שטעלט עס אין אַ סכנה דעם יידישן קיום, ווי אַ גערייניקט־געאייניקט פאָלק אָן פרעמדע איינפלוסן.

ס'ווילט זיך מאַכן אַ געשיכטלעך־תנכישן שפּאַציר, אָנהייבנדיק פון אונ־דזער באַגין, פון די שטערן וואָס לייכטן איבער אונדזערע האָריזאָנטן טויזנטער יאָרן. אונדזער פּאַטריאַרך און מאַטרי־אַרך, אַברהם ושרה — ביידע האָבן זיך פאַרנומען מיט דערנענטערן מענער און פרויען צו יידישער אמונה, צו דער אמונה אין אַחדות אלקות — צום מאָנאָטעאיזם. אין מדרש און אגדה־ליטעראַטור האָבן מיר אומצייליקע שילדערנגען און דער־ציילנגען וועגן די מעשים פון אַברהם און שרה, אַריינציברענגען צווישן די מענטשן אין זייער פאַרקער, דאָס אנער־קענען גאָטהייט, צו בענטשן און לויבן גאָט אין היכל „שאָמר והי' העולם.”

צווישן די גרים זענען געווען אַזעלכע לאָיאַלע, איבערגעגעבענע ווי אליעזר עבד אַברהם, וועלכע האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן, מלחמה האַלטן מיט די וועלכע אברהם האָט פאַרפירט מלחמה צו העלפן זיין פלימעניק לוט — זיי אַליין זענען ניט אַטאַקירט געוואָרן, אַברהם איז ניט געווען אין געפאַר; אָבער ווען ער איז אַרויס אַטאַקירן, פירן מלחמה מיט די וועלכע האָבן געגומען געפאַנגען זיין קרוב, האָבן זיי זיך איינגעשטעלט: „וירק את חניכיו... ויחלק עליהם לילה הוא ועבדיו ויכם...” (בראשית י"ד, 14־15).

* * * * *

מיר זעען אויך ווי שויך ביי די אָבות זענען קינדער אַוועק אויף פרעמדע וועגן, אַוועק פון יידנטום. דאָס האָט זיך שפּעטער אַנט־וויקלט אין פעלקערטום. ישמעאל ווערט אויסגעמישט מיט די אַרומיקע פעלקער; ער ווערט נעלם ווי אַן עברי, ער פאַלט אַוועק „מזרע אברהם” — ער ווערט דער „פרא אדם”....

אויסמישונג איז פאָרגעקומען אין די אור־אַלטע צייטן און האַלט אָן עד היום. אַמאָל איז די געמישטקייט אַ טראַגעדיע, ווייל עס שלעפּט אַוועק יידן צו פרעמדע אמנות און קולטן און אַמאָל איז עס אַ פאָזיטיווע דערשיינונג, ווען די וועלכע דערנענטערן זיך צום יידיש ןפאָלק, ווערן איבערצייגט אין דער יידישער אמונה.

אין אַלטערטום זעט מען, ווי עשו נעמט די בנות חת, זענען זיי „למורת רוח ליצחק ולרבקה”. ביי יהודה איז דאָס גאָר געווען אַ דערשיינונג וואָס האָט געבראַכט מלכות; און אַזוי ביי יוסף אין מצרים — אפרים מנשה זענען געוואָרן פאַררעכנט ווי ראובן ושמעון.

אמת, דאָס איז פאָרגעקומען פאַר מתן תורה. דער פאַקט איז אָבער דאָך קלאָר, אַז ביים הערלעכן אורשפּרונג פון אונדזער פאָלק האָט שוין געהערשט דער סאָרט געמישטקייט.

אין אַ שפּעטערדיקער תקופה, „בימי שפוט השופטים” קומט פאָר אַ מאָדנער

פראָצעס פון געמישטקייט: אלימלך, זיינע זין מחלון וכליון (נעמען וואָס זענען מרמז אויף מחלה — קראַנקהאַפטיקייט און פאַרלענדונג) געפינען זייער אָרט אויף די פעלדער פון מואָב און זיי מישן זיך אויס — נעמען זיך ווייבער מואביות — מואָבטעס, און דאָרט אָפּגעווינט צען יאָר. ווען אלימלך, מחלון און כליון שטאַרבן, איבערלאָזנדיק דריי אַלמנות, ווילן זיך ביידע שנירן מגייר זיין, זוכן רו אין יהודה. ביי איינער פועלט די שוויגער נעמי, זי זאָל בלייבן אין מואָב — אָבער ביי דער צווייטער קען זי דאָס ניט פועלן. זי פאַרלאָזט איר רייכע היים, איר סביבה, איר טראַדיציע. רות ווערט אַזוי איבערגעגעבן צו דער יידישער אמונה, צום יידישן פאָלק, אַז זי איז גרייט צו ליידן הונגער, זיך וואַלגערן אויף די יהודה־פעלדער און נעמט פאַר ליב חתונה צו האָבן מיטן אַלטן שופט.

רות ווערט פאַרוואָרצלט אין יידישן לעבן. זי האָט די זכיה צו ווערן די באָבע פון מלכות בית דוד.

ווער זענען געווען די דאָזיקע שנורן?

זיי זענען געווען פון גרויס יחוס. דער מדרש דערצלט אונדז, אַז זיי זענען געווען די טעכטער פון עגלון מלך מואָב — פרינצעסינס — געהאַט כל טוב, און דאָך געוואָלט איבערגיין צום יידנטום און די וועלכע האָט זיך איינגעשפּאַרט איז געבליבן פאַרהייליקט, אַ מוסטער פאַר גרים און גרטעס אין אַלע צייטן. זי ווערט געשילדערט מיט ליבשאַפט; זי איז אַריינגענומען געוואָרן אין כלל ישראל מיט גרויס כבוד, מיט אָפענע אָרעמס. זי האָט זוכה געווען צו אייביקער מלכות: דער גואל, מלך המשיח, איז אַן אָפּשטאַמיקער פון דער דאָזיקער גרטע.

פון די גרויסע און וויכטיקע גרים איז געווען יתרו, דער שווער פון משה רבנו. יתרו, דער כהן מדין, דער וואָס האָט געדינט אַלע עבודה זרות, האָט זיך באַקערט צום יידנטום אויס איבערצייגונג — און וואָס פאַר כבוד מ׳האָט אים צוגעטיילט.

דער דאָזיקער מערקווירדיקער גר האָט געלערנט משה רבינו ווי אַזוי איינצופירן אַ ווירקזאַמער און עפעקטיווער אַדמיניסטראַציע, ווי אַזוי צו דעלעגירן אויטאָריטעטן, ווי אַזוי צו פאַרטיילן יוריסדיקציעס. זיין סיסטעם איז אָנגענומען געוואָרן. ער האָט געמערט אַ פרשה אין דער תורה.

ווי אַזוי אַברהם אָבינו האָט מקבל און מקרב געווען גרים, האָבן מיר אומצייליקע מדרשים. ער פלעגט זיי געבן עסן און טרינקען און אַרויסווייזן ליבשאַפט און אַזוי אַרום האָט ער זיי אַריינגעבראַכט אונטער די „פליגלען פון דער שכינה‟.

צוליב וואָס דערציילט אונדז דער מדרש די איינצלהייטן פון אַברהם אָבינוס התקרבות? אונדז צו לערנען, אַז „איטלעכער וואָס ברענגט אַריין איין מענטש אונטער די פליגלען פון דער שכינה, פאַררעכנט מען אים, ווי ער וואָלט אים באַשאַפן און געפורעמט און אויסגעוועבט.‟

„אַברהם אָבינו היה תחילה לגרים‟ — ער איז געווען דער ערשטער זיך צו פאַראינטערעסירן און דערנענטערן גאָטס נאָמען אינעם מויל פון אַלע מענטשן און אַזוי האָט ער מקרב געווען רחוקים, ווייטע און נאָענטע פון אַלע לענדער. אויפן דאָזיקן סמך און מקור, פסקנט דער רמב״ם אַז אַ גר קאָן ברענגען ביכורים און זאָגן די פרשה מיטן וואָרט „לאבותינו‟, ווייל אַברהם אָבינו איז דער פאָטער פון אַלע גרים, ער איז דער „אב המון גויים‟.

אויף אַן אַנדער אָרט, שרייבט דער רמב״ם, אַז גרים וועלכע זענען נאָך נישט באַקאַנט מיטן יידישן לעבן־שטייגער, זענען מחוייב עולי־רגל זיין, זיך צו הערן און באַנעמען דאָס לייענען די פרשה בהקהל און במילא וועלן זיי קריגן דעם געהעריקן ציטער און יראת שמים, ווי אינעם טאָג ווען די תורה איז געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני — אַברהם אָבינוס באַציונג צו גרים איז נאָכגעפאָלגט געוואָרן אין יהדות דורך אַלע דורות.

„חביבין הגרים‟ — האָט מען אונדז געלערנט. מ׳דאַרף ליב האָבן גרים, ווייל אַלע נביאים האָבן זיך גערופן גרים. אויך יעקב אָבינו, זאָגן מדרשים, האָט זיך גערופן גר: „לגור בארץ באנו‟.

דער משפחה־עלעמענט איז שטאַרק געהיט געוואָרן און פאַרנעמט אַ גרויס אָרט אין דער יידישער געשיכטע. אפילו

נאָך דעם ווי די מלוכה איז צעטיילט געוואָרן איז צוויי טיילן: מלכות יהודה און מלכות אפרים, איז עס געווען דער ווונטש און די האָפענונג, ס׳זאָלן קומען די טעג ווען די צוויי טיילן וועלן צוריק פאַראייניקט ווערן. עס איז געווען די נבואה, אַז ס׳וועט קומען דער טאָג פון „עץ אחד״ — אַ בוים מיט אַ סך צווייגן.

כאַראַקטעריסטיש איז דער מאמר, אַז ווען שאול האָט געזען ווי דוד האָט באַזיגט גליתן, האָט ער אים געהייסן זיך שטעלן פאַר אים און זיך נאָכגעפרעגט אויף זיין יחוס: איז ער פון פרץ, דאַרף ער זיין מלך; איז ער פון זרח — דאַרף ער באַשטימט ווערן אַלס שופט. איז דאָרט געווען דואג האדומי (דער שטענדיקער שונא פון דוד) און דערקלערט, אַז אפילו ער איז פון פרץ איז ער אַלץ פסול צו זיין מלך, ער איז אַ פסול אין דער יידישער משפחה. ... ער איז פון רות המואביה און פון מואָב, טאָר מען נישט נעמען קיין גרים: — „לא יבוא עמוני ומואָבי בקהל ה׳.״

אין יענעם מאָמענט האָט זיך אַבנר אַריינגעמישט און דערקלערט, אַז אין בית־דין פון שמואל הנביא איז באַשלאָסן געוואָרן די הלכה: „עמני ולא עמונית...״ מענער נעמט מען נישט אַריין, אָבער פרויען האָט מען רעכט צו נעמען אַלס גרטעס און אַלע האָבן מסכים געווען, אַז מ׳האָט געהאַט רעכט מקבל צו זיין רותן און אַז זי איז אַ יידישע, דוד המלך איז ניט אַן אָפּשטאַמיקער פון אַ פסולער משפחה.

מיר האָבן שוין מער ווי אַ טוצן מאמרים אָנגעשריבן וועגן נעכ׳י און רות, די גרויסקט און דערהויבנקט פון די צוויי פרויען העלדינס . באַזונדערס, די גרויסקייט פון רות, די טאָכטער פון מואָב, אַ פאָלק וואָס האָט תמיד אַרויסגעוויזן שינאה צו יידן און מ׳טאָר זיך מיט זיי קיינמאָל נישט משדך זיין, זי ווערט גאָר אַזוי איבערגעגעבן צו יידן. צוליב איר איידעלער נשמה ווערט זי דערהויבן צו די העכסטע הייכן אין דער יידישער געשיכטע.

נישט אומזיסט האָט בועז, דער שופט און איר גואל, געזאָגט צו איר:

מ׳האָט מיר דערציילט, אַז דו האָסט פאַרלאָזן דיין פאָטער און דיין מוטער און דאָס לאַנד פון דיין געבוירנשאַפט... זאָל גאָט באַצאָלן דיין טואונג... וואָס דו ביסט געקומען אונטער זיינע פליגלען...״

איר שכר איז געקומען... זי איז געוואָרן פאַראייניקט מיטן מאַן פון גרויס־יידישן יחוס. זי איז געוואָרן די באָבע פון דוד מלך ישראל.

ווען רות איז געקומען אין יהודה, איז זי שוין אַלט געווען אַריבער די פערציק. דאָך האָט זי באַוויזן צו געווינען דאָס האַרץ פון בועז און אים געגעבן אַ זון, עובד, פאָטער פון ישי, פאָטער פון דוד מלך ישראל חי וקים!

ווי געזאָגט, האָבן מיר שוין געשריבן נישט איין מאָל וועגן רות און וועגן מגילת רות — די מגילה וואָס לערנט, אַז די תורה באַקומט מען נאָר דורך יסורים, דורך ליידן און אַז ס׳איז דאָ אַ שכר פאַר גוטסטאָן, פאַר חסד — צוליב איר גוטסקייט איז איר דערלויבט געוואָרן אַריינצוקומען אין קהל ישראל און ס׳איז באַנייט געוואָרן דער דין פון „עמוני ולא עמונית, מואָבי ולא מואָבית״ — זי איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַן אייגענע.

מיר האָבן אין תלמוד אַ צאָל שאַרפע אויסדריקן וועגן גרים, ווי: „אין מקבלין גרים לימות המשיח״; „אין השכינה שורה אלא על המשפחות המיוחסות בישראל.״ דאָס האָט אָבער גאָרנישט קיין שייכות צום מקבל זיין איבערצייגטע גרים, גרי צדק. דער נעגאַטיווער צוגאַנג האָט געהאַט דעם מאָטיוו, גרים זאָלן נישט מאַיאָריזירן און אַריינברענגען אין יידנטום זייער לעבנסשטייגער, זייער קולטור. די מורא איז געווען, אַז זיי טוען דאָס צוליב באַקוועמלעכקייט, צוליב פאַרשיידענע סיבות און נישט צוליב איבערצייגונג, ווי עס האָט געוויזן פאַר דורות די מוסטער האָפטע גרטע פון מואָב.

ווען די מורא פון אויבערפלעכלעכקייט איז נישטאָ, נעמט מען אַריין גרים מיט אָפענע אָרעמס. דער נביא זעט פאָרויס, אַז לעתיד וועלן צוקומען אַ סך גרים: „ונלוו גויים רבים אל ה׳ ביום ההוא והיו לי לעם.״

דאָס איז אַ נביאות, אַז די גרים וועלן אינטעגרירט ווערן אין יידנטום, ווי קינדער פון אלקי אברהם: „ואַל יאמר בן

הנכר... הבדל יבדילנו ה׳ בעל עמו.״

דעריבער אַזאַ שטרענגקייט מקבל צו זיין גרים.

ס׳זענען אָבער דאָך געווען צייטן, ווען מ׳האָט מקבל געווען גרים מאַסנווייז. נישט געקוקט אויפן אָנווייז אַז אין צייט פון קעניג דוד און שלמה המלך האָט מען נישט גערן אַריינגענומען גרים, ווייל מ׳האָט געהאַט אַ חשד, אַז זיי טוען עס צוליב באַקוועמלעכקייט, ווייזן אָן פאָרשערס אַז אַרום הונדערט און פופציק טויזנט גרים זענען אין צייט פון דוד המלך איבערגעגאַנגען צו יידישקייט. אין דער צייט פון מרדכי ואסתר איז געווען אַ גרויסער צופלוס פון גרים, ניט געקוקט וואָס זיי האָבן עס געטאָן מחמת פחד (ווי אַמאָל די „גרי אריות״), ווי דער פסוק זאָגט: „ורבים מעמי הארץ מתיהדים, כי נפל פחד היהודים עליהם.״

ס׳ווערט נישט אָנגעגעבן, צי דער בית־דין הגדול האָט זיך מיט זיי מטפל געווען, אפשר איז זייער גרות נישט דורכגעפירט געוואָרן אָפיציעל, זענען זיי געווען, ווי חז״ל דריקן זיך אויס: „גרים גרורים״ און זיי זענען אנערקענט געוואָרן ווי אַ געשעענער פאַקט, נישט רעכנדיק זיך מיט זייער קאַטעגאָרישקייט ווי „נאָכשלעפּנדיקע גרים.

דער פוסק פאַר אַלע דורות, דער רמב״ם, האָט געהאַט אַ וואַרעמע באַציונג צו גרים. מיר האָבן שוין נישט איין מאָל דערמאָנט וועגן רמב״מס פּאָזיטיווע באַציונג צו גרים און זיך באַנוצט מיט זיין היסטאָרישן בריוו צום גר מיטן נאָמען עובדיה, אין וועלכן ער שרייבט אים, אַז אַ גר האָט רעכט זיך צו באַנוצן אין דער ברכה ביים ברענגען ביכורים און זאָגן: „אלקינו ואלקי אבותינו״, ווייל ער איז דער זון פון אברהם אבינו.

## אַ צאָל באַוווסטע גרים

צו מאַכן אַ רשימה פון גרים וואָלט די רשימה געווען אַזאַ לאַנגע, אַז ס׳וואָלט זיך געפאָדערט אַן ענציקלאָפּעדיע פון כמה וכמה בענד. גענוג צו דערמאָנען אייניקע: דער ערב־רב פון מצריים; בתיה, פרעהס טאָכטער; די גרטע רות, וועגן וועלכער מיר האָבן שוין אַזוי פיל מאָל אָנגעוויזן, אַז זי איז אַ מוסטער פאַר אַלע גרים און גרטעס, און פאַרוואָס נישט דערמאָנען רחב, וועלכע איז, לויט דער אגדה, געוואָרן אַ גרטע און חתונה געהאַט מיט יהושע בן־נון.

לאָמיר אַ בליק טאָן אין דער תקופה פון בית שני, אין צייט פון די „זוגות״. די צוויי תנאים, אָדער אַנשי כנסת הגדולה, שמעיה ואבטליון זענען געווען גרים־אָפּשטאַמיקע, איינער איז געווען נשיא און דער צווייטער אב־בית־דין פון סנהדרין, און זייער תלמיד — הלל הנשיא, אַן אָפּשטאַמיקער פון מלכות בית דוד, וועמעס נשיאות איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור, פאַר הונדערטער יאָרן.

ס׳ווערט דערציילט: „נעמן, גר תושב היה; נבוזראדן גר צדק היה; מבני בניו של המן, למדו תורה בבני ברק; מבני בניו של סיסרא, למדו תורה בירושלים— ומאן נינהו? שמעיה ואבטליון״... אויף אַן אַנדער אָרט ווערט איבערגעגעבן וועגן אַ פאַל וואָס האָט אַרויסגערופן פאַרדרוס ביי די צוויי גדולי התנאים, ווען דער כהן גדול האָט זיך מתקנא געווען אין זיי צוליבן כבוד וואָס דאָס פאָלק האָט זיי צוגעטלט מוצאי יום כיפור, ווען יידן האָבן די צוויי ברידער באַגלייט מיט ברכות און דאַנקבאַרקייט, האָט ער אין פאַרדרוס זיי אָנגערופן „בני עממים״, זענען זיי אים ניט שולדיק געבליבן קיין ענטפער און אים געזאָגט: „ייתי בני עממים לשלם, דעבדין עובדא דאהרן...״ אַז וויכטיקער איז אויב מ׳טוט דעם פאַרלאַנג און מען פירט זיך אויף לויט אהרן הכהנס מידות פון שלום ביי יידן.

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט האָב איך שוין דערמאָנט דעם מאמר חז״ל, אַז דער נביא עובדיה איז געווען אַ גר.

צו די באַרימטע גרים געהערט אונקלס הגר (געווען צוויי רוימער מיטן זעלביקן נאָמען און אין רוימיש — ביידע עקילס און ביידע גרים) — מיר וועלן בלויז אָנווייזן אויף דעם גר, וועמעס תרגום איז געוואָרן אַ טייל פון תורה שבכתב: „שנים מקרא ואחד תרגום״.

אונקלס הגר איז געווען דער תלמיד פון רבן גמליאל הזקן. זיין תרגום גייט צוזאַמען מיט דער חומש־פרשה, אַזוי פאַרהייליקט איז געוואָרן זיין תרגום.

ס'זענען געווען אין אַלטערטום אַ צאָל תרגומים, מיט וועלכע מען באַנוצט זיך נאָך היינט, אָבער בלויז פאַר פאָרשונג, פאַר אַקאַדעמיקערס.

ס'ווערט דערציילט, אַז אונקלס דער גר איז געווען אַ שוועסטערקינד פון קעניג אַדריאַנוס און זיך געוואָלט מגייר זיין. ער האָט אָבער מורא געהאַט פאַר דעם פעטער דעם קעניג־רשע, וועלכער ווערט תמיד דערמאָנט מיט צוגאָב „שחיק טמיא", האָט ער אים איינגערעדט, אַז ער וויל פאָרן קיין אויסלאַנד צוליב מסחר.

פרעגט אים דער קיסר: און דאָ פעלט דיר עפּעס האָסט דאָך אוצרות!

אונקלוס האָט דעם פעטער אַזוי פיל געמאַטערט, ביז ער האָט אים באַוויליקט אַן אַרויספאָר. ביים פאַרלאָזן דעם קיסר האָט ער אים געפרעגט אַן עצה, וואָס פאַר אַ סחורה ער זאָל איינהאַנדלען. ענטפערט אים האַדריאַן, ער זאָל איינקויפן סחורה וואָס שטייט אויף דער נידעריקסטער מדרגה, וועט ער זיין זיכער צו מאַכן גוטע געשעפטן...

אונקלוס איז געקומען קיין ארץ ישראל, דאָן יהודה, פאַרלאַנגט פון די חכמים זיי זאָלן לערנען מיט אים תורה, האָבן זיי אים דערקלערט אַז תורה האַלט זיך נאָר ביי די וועלכע האָבן דורכגעמאַכט דעם „ברית אברהם". האָט ער איינגעשטימט און דורכגעמאַכט דעם מילה־אַקט זיך גענומען לערנען בהתמדה און זייך פנים האָט געקראָגן אַ נייע צורה.

ווען ער איז צוריקגעקומען קיין רוים און אַדריאַנוס קיסר האָט אים דערזען, האָט ער אים באַלד געפרעגט, פאַרוואָס איז דיין פנים געענדערט געוואָרן ?...

„כ'האָב געלערנט תורה און זיך גע'מל'ט בין איך געוואָרן אַן אַנדער מענטש, געקראָגן אַ ניי פנים."

— ווער האָט דיר געעצהט צו באַגיין אַזאַ זאַך?

— דו, פעטער, האָסט מיר געזאָגט, כ'זאָל זיך איינקויפן די ביליקסטע סחורה, איז ניטאָ קיין פאָלק וואָס געפינט זיך איצט אין אַזאַ שפל מצב צוליב דיינע גזירות... זיי וועלן זיכער ווערן דערהויבן.

דער פעטער איז אין כעס געוואָרן, אים אויסגעפאַטשט — אָבער דער פלימעניק האָט אים ניט געשוויגן. ס'איז געווען אַ שאַרפער אַרגומענט, דיסקוסירנדיק דעם ווערט פון דער יידישער תורה, און אונקלוס האָט אים געזאָגט, אַז איצט פאַרשטייט ער די ווערטער: „לא עשה כן לכל גוי ומשפטים בל ידועים", פאַרוואָס ניט־יידן קאָנען נישט פאַרשטיין, קאָנען נישט באַנעמען די תורה־געזעצן — זיי קאָנען ניט פאַרשטיין די תורה וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ „ב" און ענדיקט זיך מיט אַ „ל" — לעיני כל ישראל.

אונקלוס הגר איז געוואָרן דער גרויסער תורה־קענער, געקראָגן — לויט איניקע אגדות — רוח הקודש און זיין תרגום איז פאַרהייליקט געוואָרן.

שמואל דוד לוצאַטו (אין זיין ספר „אוהב גר") רעדט וועגן דער גרויסקייט פונעם דאָזיקן גר צדק און וועגן דער וויכטיקייט פון זיין תרגום. די כוונה, האַלט ער, איז געווען צו פאַרלייכטערן דאָס לערנען תורה פאַר און מיט גרים. דער תרגום איז אָבער גלייכצייטיק געוואָרן אַ הויפּט־פירוש צו תורה. שד"ל ווידמעט אַ שיר אין ארמית לכבוד אונקלס, אים אָנרופנדיק „גיורא יקירא"...

ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין אגדות חז"ל און אויך ביי פאָרשערס, זענען געווען אין יענער תקופה צוויי גרים מיטן דאָזיקן נאָמען — אין רוימיש, עקילס, און דער אַנדערער איז געווען דער וואָס האָט געפרעגט ביי אַנדריאַנוס אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן פון לאַנד; יענער האָט דאָס פאַרטיידיקט די יידישע אמונה און ער איז דאָס געווען דער גר וואָס האָט געוואָלט מ'זאָל אים לערנען די תורה „אויף איין פוס" און אַ דאַנק היללס סבלנות איז ער געוואָרן אַ גר צדק.

הלל הזקן האָט געשטאַמט פון בית־דוד דינאַסטיע און איז געווען אַ תלמיד פון די גרים־ברידער שמעיה ואבטליון. ער ווערט אויך אָנגערופן הלל הבבלי, ווייל ער האָט אַ צייט געוווינט אין בבל. ער אייז געוואָרן דער באַרימטער אָנפירער פון סנהדרין, אָנערקענט אַלס אויטאָריטעט וואָס האָט באַשיינט די לערע פון די פרושים מיט אַן אָרעאָל פון מאָראַלישער דערהויבנקייט. ער האָט אַריינגעבראַכט אַ נייע ריכטונג אין דער געזעצגעבונג מיט אַ צאָל תקנות, וואָס האָבן געהאַט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג אויפן יידישן סאָציאַלן

און עקאָנאָמישן לעבן, ווי דער „פּרוזבול" וואָס שייך שמיטה און ענלעכע תקנות אין שייכות פון „מצוות בין אָדם לחברו" פליכטן — און ער איז געווען דער וואָס האָט מקרב געווען דעם גר וואָס האָט געוואַגט צו פאַרלאַנגען מ'זאָל אים אויסלערנען די תורה אין אַזאַ קורצן צייטאָפּשניט.

וואָס האָט ער אים געלערנט?

„מה דעלך סני לחברך לא תעביד" — דאָס וואָס דו וואָלסט ניט וועלן מ'זאָל דיר טאָן, זאָלסטו ניט טאָן צו דיין חבר. ער האָט עס געמאַכט לייכטער פאַר דעם גר די מצוה „ואהבת לרעך כמוך", אויף דעם נעגאַטיוון אופן, וואָס פירט צו דעם פּאָזיטיוון... אַ דאַנק זיין סבלנות, מילדקייט, גוטסקייט האָט ער מקרב געווען מענטשן צו תורה און יידישקייט. ער האָט געלערנט: „האָב ליב מענטשן און דערנענטער זיי צו תורה", האָב ליב שלום — יאָג נאָך דעם שלום" און „אויב איך וועל אַליין נישט טאָן פאַר זיך, טאָ ווער וועט טאָן פאַר מיר"...

• • • • •

צו די באַרימטע גרים־אָפּשטאַמיקע אין דער תנאים־עפּאָכע געהערט רבי עקיבא, דער גרויסער תנא און קעמפער קעגן דער רוימישער הערשאַפט, וואָס האָט מיט פייער און שווערד, בלוטיק און גרויזאַם צעשטערט די יידישע זעלבסטשטענדיקייט און אונטערדריקט יידן אויף די ערגסטע אופנים — און וואָס האָט באַשטימט הורדוסן אַלס מושל איבער יהודה.

הורדוס האָט געדינט געטריי זיינע האַרן, אויסקוילענדיק די לעצטע רעשטלעך פון דער חשמונאים דינאַסטיע, אַריינגערעכנט זיין אייגענע פרוי, די שיינע חשמונאים־פּרינצעסין מרים און זיינע אייגענע זין פון דער פּרינצעסין. די פּרושים האָבן אָנגעפירט אַ פּאַסיוון קאַמף קעגן דעם דעספּאָטישן רעזשיים און זיך פאַרנומען מיט אויסטייטשן תורה שבכתב, געשאַפן תורה שבעל־פה, די מינדלעכע תורה.

רבי עקיבא איז געווען דער איינציקער פון די תנאים וועלכער האָט געהאָלפן בר־כוכבאן אין קאַמף קעגן די רוימער. ער איז געווען קעמפער און טרייסטער, האָט געשטאַרקט זיינע חברים און זיי האָבן צוגעגעבן: „עקיבא, נחמתנו, עקיבא — דו האָסט אונדז געטרייסט.

מיר האָבן אַ גאָר רייכע ליטעראַטור וועגן דער ראָל פון רבי עקיבא אַלס גדול התנאים. אויב הלל הזקן, יוחנן בן זכאי און די אַנדערע פון תקופת בית שני, האָבן זיך פאַראייביקט אין אונדזער געשיכטע ווי די שעפער פון תורה שבעל פה און אָנפירער פון סנהדרין, האָט רבי עקיבא דערגרייכט זיין גרויסקייט ווי דער גדול התנאים, דער קעמפער קעגן די רוימישע גזירות, ווי דער וואָס האָט מקריב געווען זיין לעבן אויף קידוש השם.

רבי עקיבא, ווי די אגדה דערציילט אונדז, האָט דורכגעמאַכט אַ זייער שווערן לעבן. אַ דאַנק זיין פרוי רחל, האָט ער באַוויזן דורכצוקומען און דורכצוברעכן אַלע שוועריקייטן, געוואָרן דער אָנגעזעענסטער תלמיד ביי רבי אלעזר בן הורקנוס און רבי יהושע בן חנניה און נאָך דעם געוואָרן דער רבי פון טויזנטער תלמידים די אַגדה שטעלט אים איך איין ריי מיט משה רבינו, מיט הלל הזקן, דער ערשטער וואָס האָט געבראַכט תורה שבכתב און דער צווייטער — תורה שבעל פה — מינדלעכע לערע. ער איז געווען פון די ערשטע צרואַמענצושטעלן קאָדעקסן, ווי „משנה רבי עקיבא" און אַנדערע ספרים פון יענער צייט, גענוג צו דערמאָנען ספרי, ספרא אא"וו — „וכולם אליבא דרבי עקיבא".

מיר וועלן דאָ נישט אַריינגיין אין די פּרטים וועגן זיין ראָל אין דעם בר־כוכבא אויפשטאַנד, זיין קאַמף קעגן די גזירות פון וועספּאַסיאַנוס און דאָמיציאַנוס, וועלכע האָבן מיט גרויזאַמקייט געוואָלט אויסוואָרצלען ניט בלויז יידן, נאָר יידישקייט. רוימער וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן די מינדעסטע סימפּאַטיע צו יידן, זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. די אייגענע דאָמיצילאַ, פרוי פון סענאַטאָר פלאַוויוס קלעמענס, איז פאַר אַרויסווייזן סימפּאַטיע צו יידן, פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און זיך קוים געראַטעוועט דורך אַנטלויפן פון לאַנד. (זי האָט זיך שפּעטער מגייר געווען).

ווען ס'איז אָנגעקומען די טרויעריקע נייעס צו רבי יהודה בן בבא און צו רבי חנניה בן תרדיון, אַז דער רוימישער לע־

גיאָן אין קסריה האָט מיט אַכזריותדיקייט אומגעבראַכט רבי עקיבאן — ווערט דערציילט אין מסכת שמחות — האָבן זיי אין גרויס טרויער זיך אָנגעגאַרט מיט זעק, און געלאָזט וויסן, „אחינו, שמעוני, לא נהרג רבי עקיבא על הגזל ולא על שלא עמל בתורה, לא נהרג רבי עקיבא אלא למופת" — ער איז געבליבן למופת דער וואונדער־מענטש פאַר אַלע דורות.

רבי עקיבא איז געווען דער איינציקער וואָס איז אַריין אין פרדס און אַרויס בשלום. נישט געקוקט אויף זיינע ליידן האָט ער מצדיק געווען זיינע ליידן און נישט געפרעגט: „זו תורה וזו שכרה"? ער האָט געלערנט: „חייך קודמין", ווען בלויז איינער קאָן געראַטעוועט ווערן און צו דער זעלביקער צייט געלערנט: „חביב אדם שנברא בצלם", אַז געליבט איז דער מענטש, יעדער מענטש און גאָר באַזונדערס, דער יידישער מענטש, וואָס איז באַשאָנקען מיט תורה — און אַז עס איז די אויפגאַבע פון יידן צו פאַרשפרייטן די געטלעכע לערע צו אַלע מענטשן, צו אַלע פעלקער.

רבי עקיבא איז גרויס געווען אין נגלה, אין הלכה, אין פילפול און ניט ווייניקער אין אגדה, אין קבלה־מיסטיציזם. ער האָט געדרשנט אויף יעדן אות אין דער תורה תלי־תלים הלכות און פון אים האָבן געלערנט רבי שמעון בן יוחאי, רבי מאיר און זיין תלמיד, רבי יהודה הנשיא, דער מסדר פון דער משנה.

רבי עקיבא, ווי דער רמב"ם ווייזט אָן, איז געווען אַן אָפּשטאַמיקער פון גרים: „ורבי עקיבא בן יוסף קבל מרבי אליעזר אליעזר הגדול, ויוסף אביו גר צדק היה."

* * * * *

אויב ס'איז געווען אַ נעגאַטיווע באַציאונג צו גרים, אין אַלטערטום אָדער אין מיטלאַלטער, איז עס געווען:

1. צו ליב דער מורא, אַז זיי טוען דאָס צוליב עפּעס אַ באַקוועמלעכקייט, צוליב „אריות־עריות" — ביי אַזעלכע האָט מען געמוזט זיך באַנעמען מיט פאָרזיכטיקייט, געדענקען חלבו'ס מיינונג פון „קשים גרים לישראל כספחת" — אינעם פשוטן טייטש.

2. די מורא אַז דער צופּלוס קען ברענגען אַן אָפּפלוס — ס'זאָל זיך נישט צופיל יידיש בלוט שטראָמען אינעם לייב פון אַנדערע פעלקער מיט וועלכע יידן זענען געקומען אין קאָנטאַקט — די מורא פאַר שמד און אַסימילאַציע, די פלאָגן פון אַלע צייטן. נישטאָ קיין וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונג וועגן די פאַרלוירענע צווייגן — עס איז אָבער באַוווסט, אַז אויף אונדזער וואַנדער האָבן מיר אַ סך פאַרלוירן און מיר האָבן געמוזט זיך פאַרנעמען מיט שאַפן די געהעריקע תקנות אָפּצוראַטעווען און אָפּצוהאַלטן ווי ווייט מעגלעך לייכטע גרות.

ווען די געפאַרן זענען נישט געווען, איז די באַציונג צום גר, אַריינגערעכנט דעם גר תושב, וואָס איז מקיים די שבע מצוות, וואָס דינט ניט עבודה זרה — האָט מען אים מקרב געווען.

וועגן אַלע רעדאַקציע ענינים פון „חשבון"

זיך ווענדן צו:

**SOL SCHLOSSER**

1108 South Clark Drive — Los Angeles, Calif. 90035

בלומע לעמפעל / ניו־יאָרק

ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן / ניו־יאָרק

# לידער

## די סטאַטוע

צום צפון פון מיין פענצטער
אויפן סאַמע שפּיץ באַרג
שטייט אַ שטיינערנע סטאַטוע.
זי וואַרט פונקט ווי איך,
טאָג איין טאָג אויס,
זי ווערט יעדן טאָג מער מענטשלעכער
איך — מער פאַרשטיינערט.

דאָס וואָס זי ווייסט
לאָזט זי מיך ניט וויסן,
דאָס וואָס איך ווייס
האָט זי שוין פון לאַנג פאַרגעסן.
דער פינגער פון איר רעכטער האַנט
ווייזט די מזלות פון שטערן,
וואָס געווען און וואָס וועט ווערן
איז ביי איר אַ דרך־אגב.
מיר קוקן זיך אָן מיט פאַרמאַכטע אויגן,
זי, אַלץ מער מענטשלעכע,
איך, אַלץ מער שטיין...

## כי טוב

טייל מאָל, גאַנץ אומגעריכט
גיט דאָס האַרץ אַ ציטער,
ווי איך וואָלט פון איין ספערע
אין אַן אַנדערער אַריין.
אַלע הימלען זענען אָפן,
בראשיתדיקער יום־טוב אין געמיט,
איין וואָרט גענוגט דאָס אוממעגלעכע
מעגלעך צו מאַכן,
אַלע בקשות צו דערפילן,
נאָר וואָס קאָן איך וועלן
אין סאַמע צענטער פון כי־טוב,
פון אַלץ און פון גאָרניט?
די שלאַנג אין טיפן גראָז
שווייגט —
די חושים רוען
אין צענטער פון כי־טוב
איז איין מינוט אַן אייביקייט...

## הייזער אין די בראָנקס

קאָפּ אויף קאָפּ זיך אָנגעלייגט
ווי קעסטלעך אויפן מיסט,
אויסגעהוילטע,
פענצטער בלינד פאַרקוילטע
קוקן מער נישט אַרויס
אויף —
מקוים ווערט דאָ נאָר דער סוף.
נישט קיין ציכטיקע טראָטואַרן,
נישט קיין גאַנצע ווענט,
קיין טרעפּ,
טיר און טויער —
אָפּגעהאַקטע קעפּ.

וווּהין פליט איר, ווילדע באַנען?
איר קענט נישט אַוועק פון דאַנען!
שטומע הייזער־רייען
לויפן אייך נאָך, קריכן פאַרויס,
איר קענט נישט אַרויס פון דער מגפה!
אויך איר זענט געחתמעט
מיט רויטע מלחמה־צייכנס
פונקט ווי די הייזער,
חרובה פון שרפות
אין די בראָנקס.

## ביים מילדן נאַכטלאָמפּ

אויסגערונען שוין די לעצטע זאַפטן
פון מיין לעצטער קווייט.
דער בלענד פון מיינע האָריזאָנטן
האָט זיך אויסגעבלייכט
און דער מוח וויל אַ קלאָרן ענטפער.
צו פיל תירוצים
זיך שוין אָנגעהערט.
אַ מאָל פלאַצט פון אַ סך בייגן זיך
די שטאַרקסטע בייגעוודיקייט.
אַלץ אין מיר שטעלט זיך אַנטקעגן
דעם דערווידערן באַגעגן.

משה מאַנדלבוים

# פאַרלוירן אַ זון*)

נעבע די וויין־מאַכערין האָט אָנגעצונדן דאָס נאַפּט־לעמפּל וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט איבערן טיש. דאָס שוואַכע פלעמל האָט אָנגעפילט דעם קליינעם צימער מיט ציטערדיקע שאָטנס, וואָס זיינען געקראָכן אויף די ווענט, אויף דער פּאָדלאָגע. זי איז געזעסן און געוואַרט אַז איר מאַן ר׳ זלמן זאָל אַהיים קומען עסן וועטשערע נאָך דעם שווערן מאַרק־טאָג. זי האָט באַדעקט אַ טייל פון דעם נאַקעטן טיש מיט אַ קליינעם טישטעך, אַוועקגעלייגט שוואַרץ ברויט מיט זאַלץ און אַ מעסער. באַלד וועט אויך קומען איר אויג אין קאָפּ, איר גאָטס טייערער געשאַנק, איר זון אַברהם יצחקל, נאָך אַ גאַנצן טאָג זיצן אין בית מדרש און לערנען. אָבער אויך אַברהם יצחקל האָט זיך היינט עפּעס פאַרשפּעטיקט. האָט זי דערווייל זיך גענומען צוגרייטן צום מאָרגנדיקן טאָג, ערב שבת. זי האָט אָנגעפילט דעם גרויסן גאָנשער מיט וויין פאַר די באַלעבאָסטעס וואָס קויפן ביי איר וויין אויף קידוש לכבוד שבת.

ווען אַברהם יצחקל פלעגט אַריינקומען האָט זי שטענדיק אַרויפגעדרייט אַביסל דעם קנויט פון לעמפּל און געזאָגט: „גיי וואַש זיך, מיין זון, דער טיש איז געגרייט.“ אַברהם יצחק האָט זיך אַרומגעקוקט און געפרעגט: ווו איז דער טאַטע? נאָך נישט געקומען אַהיים פון יאַריד?“— דער טאַטע האָט אַוודאי געמוזט גיין פריער צו ר׳ נחומען אָפּגעבן דעם גמילת חסד, וואָס ער קריגט יעדן מיטוואָך אַזוי ווי די אַנדערע סוחרים.— „אַזוי ווי די אַנדערע סוחרים!“— האָט אַברהם יצחק מיט חוזק אַ מורמל געטאָן. „סוחרים! נו, און וואָס האָט דער טאַטע דער סוחר היינט אויפגעטאָן אויפן מאַרק?“

נעבע האָט אויף זיין פרעגן נישט געענטפערט, נאָר ווידער אים געזאָגט: „נעם וואַש זיך, מיין זון, עס פריער אָפּ, דער טאַטע וועט אַהיים קומען שפּעט.“

אברהם יצחק איז געזעסן ביים טיש, געקייט דאָס שוואַרצע ברויט, געטונקען אין זאַלץ, צוגעזופּט אַ קאַלטן מילכיקן באָרשט. ער האָט נישט געוווסט וואָס ער קייט, וואָס ער זופּט.

אין זיין מוח האָבן זיך געפּלאָנטערט אומהיימלעכע מחשבות. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז דער טאַטע איז געלאָפן פריער אָפּגעבן דעם פאַרשעמטן גמילת חסד, ווייל ער האָט נישט געדאַרפט פריער אַהיים קומען אויסרעכענען די פאַרדינסטן פון דעם היינטיקן מאַרק־טאָג...

אָפּגעבענטשט נאָכן עסן, האָט ער זיך אָן ווערטער אויפגעהויבן און אַוועק אין זיין קליין טונקל חדרל. ער האָט דער מאַמען מער נישט געפרעגט פאַרוואָס דער טאַטע איז נאָך נישט אַהיים געקומען. ער האָט זיך געזעצט אויף זיין געלעגער, אָנגעשפּאַרט די עלנבויגנס אויף די קניען, דאָס פּנים באַהאַלטן אין די הענט.— וואָס וועט זיין פון מיר, וואָס? — האָט געבויערט אין זיין מוח. — מ׳וועט מיך חתונה מאַכן פאַר איינער פון ר׳ פּינחסעס טעכטער, כ׳וועל עסן קעסט אַ יאָר, צוויי יאָר און וועל ווערן אַ סוחר... אַזוי ווי מיין טאַטע, אַזוי ווי די אַנדערע „סוחרים“. וועל לויפן מיטוואָך אָוונט צום גביר ר׳ נחמנען, שטיין כעני בפתח, בעטן דעם גמילת חסד... גוואַלד! פאַרוואָס בין איך נישט קיין סטאָליער, אַ שוסטער, אַ שניידער?

*) פראַגמענט פון דער דערציילונג: „אַ געפאַנגענער אין שפּין־געוועב“.

די פּיאַטעס אָבער—
נישט ספּריטנע מער,
זוכט מען אַן אָנשפּאַר
ביי דעם מילדן נאַכטלאָמפּ,
אָנגעפּראָפּט
מיט ליכטיקער חכמה,
און מע דערזעט אַלץ,
וואָס מע וויל נישט זען
אין אַ געהויבענעם גערעם.

יעדע נאַכט ליגט ער אויף זיין געלעגער און לייענט אַ יידיש בוך, וואָס עס באָרגט אים בסוד דער לערער הערמאַן גרינפעלד, כאָטש זיין טאַטע האָט אים שוין מער ווי איין מאָל געוואָרנט, אַז ער זאָל נישט לייענען די טריף־פסולס. איצט האָט ער זיך נישט געקענט צורירן צו עפענען דאָס בוך — אַ באַנד שריפטן פון יצחק לייבוש פרץ. אין זיין מוח האָט זיך געפלאָנטערט מחשבות ווי כוואַליעס אין אַ שטורעמדיקן ים, וואָס יאָגן, פאַרדעקן, שלינגען איין איינע די אַנדערע. "גוואַלד! ווי אַזוי ראַטעוועט מען זיך פון אַזאַ לעבן!?" — האָט זיך אַרויסגעריסן פון אים אַ פאַרשטיקט געשריי און ער האָט זיך אַוועקגעוואָרפן אויפן געלעגער.

* * * * *

פרייטיק איז אברהם יצחק געזעסן אויף זיין פלאַץ אין דעם אַלטן בית מדרש איבער אַן אָפענער גמרא, אָבער ער האָט נישט געקענט לערנען, נישט געקענט קאָנצענטרירן זיינע געדאַנקען. ער האָט אַזוי ווי שטענדיק אין אַזעלכע מאָמענטן געקוקט מיט ברייט צעעפנטע אויגן אויף דעם גרויסן מעשענעם הענגלייכטער...

נעכע איז אַזוי ווי יעדן פרייטיק, איינגעהילט אין דער גרויסער וואַרעמער פאַטשיילע וואָס זי טראָגט סיי זומער סיי ווינטער כדי צו באַהאַלטן דעם שווערן גאָנשער וויין מיט דעם בלעכענעם מעסטל, געלאָפן אַזוי ווי די אָרעמעלייט, די בעטלערס, פון הויז צו הויז צו פאַרקויפן וויין לכבוד שבת. די באַלעבאָסטעס האָבן געהאַלטן פאַר אַ מציה צו קויפן ביי נעכען ציליב איר באַרימטן זון, דעם גרויסן לערנער, וואָס וועט אַמאָל זיין רב און אפשר אַ רבי.

אין דעם געלויף צווישן די בעטלערס באַווייזט זיך אויך דער אַלטער ר׳ חיים יאָסל, אַ הייסער גערער חסיד, דער בעסטער בעל מנגן אינעם גערער שטיבל. אַ וואַרעם זומערדיק ווינטל שפּילט זיך שטיפעריש מיט זיין שיטערע באָרד און פאות און מאַכט זיי פלאַטערן איבער די אויערן און דעם פאַרשוויצטן פנים. די שפיצן פון זיינע לאַנגע פאָלעס, אויפגעהויבן און פאַרשטעקט אין גאַרטל, שטופּט ער מיט די לעצטע כוחות און העלפט זיין איינגעדאַרטער שקאַפּע שלעפן דאָס וועגעלע מיט געל־גאָלדענעם זאַמד און רופט אויס מיט זיין זינגענדיקן קול:

„אַ ק־ע־ס־ט־ע־ל־ע ג־אָ־ל־ד־ע־נ־ע־ם ז־אַ־מ־ד ל־כ־ב־ו־ד ש־ב־ת!"

באַלעבאָסטעס לאָזן זייערע נייטיקע אַרבעטן און לויפן אַרויס קויפן קעסטעלעך „גאָלדענעם זאַמד" אויסצושפרייטן אויף די אויסגעוואַשענע פאָדלאָגעס גלכוד שבת.

* * * * *

שוין עטלעכע טעג ווי ביי דער באַן וואָס איז געקומען פון וואַרשע ליגט אַ גרויסער טראַנספּאָרט סחורה פאַר ר׳ פינחס אייזנשטאַט. ר׳ פינחס האָט דאָס גרעסטע הורטאָוונע געשעפט אין שטאָט און זיין אייגענעם מויער אויפן מאַרק־פלאַץ. יעדן טאָג טראָגן די טרעגערס פון זיין געשעפט גרויסע 5־פודיקע זעק מעל אָדער זאַלץ, קאָלערן פעסער הערינג און אַנדערע סחורה צו די קלענערע געוועלבלעך אין די זייטיקע גאַסן און געסלעך אין שטאָט.

יעדעס מאָל ווען עס איז אָנגעקומען סחורה פון וואַרשע, האָט ר׳ פינחס געשיקט איינע פון זיינע טעכטער, יונגע מיידלעך, אין אַלטן בית מדרש רופן ר׳ זלמנס זון, אברהם יצחקן, ער זאָל פאָרן צו דער באַן זי אָפנעמען און ער פלעגט אים פאַר דעם באַלוינען.

די לערנערס אין בית מדרש האָבן זיך געסודעט, אַז ר׳ פינחס רופט שטענדיק נאָר אברהם יצחקן ווייל ער וויל אים פאַר אַן איידעם. ר׳ פינחס, רופנדיק אברהם יצחקן, האָט דערביי נאָך געפילט אַז ער טוט אַ מצוה, ווייסנדיק וועגן דער גרויסער אָרעמקייט ביי ר׳ זלמנען אין הויז. אָבער דאָס מאָל האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ באַטרעף פון אַ גרויסער סומע געלט, האָט ער געטראַכט אַז ס׳איז אפשר נישט גלייך צו שיקן אַ יונגן בחור מיט אַזוי פיל געלט און ער וועט דעריבער אַליין פאָרן צו דער באַן ברענגען די סחורה. נאָר גראָד איז ער די לעצטע טעג שטאַרק פאַרנומען און אָט איז שוין פרייטיק. אויב ער וועט היינט נישט אַרויסנעמען די סחורה וועט ער שוין דאַרפן וואַרטן ביז מאָנטיק, ווייל מאָרגן איז שוין שבת און זונטיק איז דאָרט פאַרמאַכט, האָט ער באַשלאָסן אַזוי ווי אַלע מאָל שיקן איינע פון זיינע מיידלעך רופן אברהם יצחקן.

ווען אברהם יצחק האָט דערזען אַריינקומען אין בית המדרש ר׳ פּינחסעס יונגסטע טעכטערל, די 12־יאָריקע רייזעלע, האָט ער באַלד פאַרשטאַנען צוליב וואָס זי איז געקומען און נאָך איידער זי האָט געענדיקט זאָגן אַזוי ווי יעדעס מאָל: „דער טאַטעשי האָט מיך געשיקט אייך רופן איר זאָלט פאָרן צו דער באַן נאָך סחורה״, האָט ער שוין געהאַט פאַרמאַכט די גמרא און איז אַרויס אין דרויסן.

געקומען צו ר׳ פּינחס געשעפט, האָט שוין דאָרט געוואַרט אויף אים דער לאָמער פּיוויש מיט זיין פערד און וואָגן. ר׳ פּינחס האָט אַריינגענומען אַברהם יצחקן אין דעם קליינעם קאַנטאָר פון זיין גרויסן געוועלב און האָט אים אָנגעזאָגט ער זאָל זיין זייער אָפּגעהיט, ווייל ער גייט פירן מיט זיך אַ גרויסע סומע געלט, עטלעכע הונדערט רובל און אַז דער לאָמער פּייוויש, וואָס פירט אים שטענדיק צו דער באַן נאָך סחורה זאָל אויך נישט וויסן דערוועגן. אַברהם יצחק האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ און געשווינדלט פאַר די אויגן ווען ר׳ פּינחס האָט פאַר אים אויסגעציילט אויפן טיש די קנאַקנדיקע רובלס. „אַזוי פיל געלט״ — אָט אַ זינדיקע מחשבה אַ ברי געטאָן אין זיין מוח... ר׳ פּינחס האָט דאָס געלט אַריינגעלייגט אין אַ לעדערנער טאָרבקע, גוט פאַרשנורעוועט און אברהם יצחק האָט די טאָרבקע מיט ציטערדיקע הענט אַריינגעלייגט טיף אין זיין בוזעמקעשענע ביי זיין קלאַפּנדיק האַרץ.

ר׳ פּייוויש דער באַלעגאָלע האָט געשריגן, געפּאָכעט מיט דער בייטש, געטריבן דאָס פערד זאָל לויפן וואָס גיכער. אויך אַברהם יצחק האָט געוואָלט וואָס גיכער אָנקומען צום וואַקזאַל, נישט פאַרשפּעטיקן די באַן וואָס פאָרט קיין וואַרשע. ... אין זיין מוח האָט אַ בליץ געטאָן אַן ענטפער אויף זיין פאַרשטיקטן אויסגעשריינעכטן ביינאַכט: „גוואַלד, ווי אַזוי ראַטעוועט מען זיך אַרויס פון אַזאַ לעבן!?״ ער זאָל נאָר נישט פאַרשפּעטיקן די באַן!

ער האָט נישט פאַרשפּעטיקט. אויף אַ זייטיקער פּלאַטפאָרמע ביים וואָקזאַל האָט און וואָגן. אברהם יצחק איז אַראָפּ פון וואָגן, וואָגן. אברהם יצחק איז אַראָפּ פון וואָגן, געזאָגט ר׳ פּייווישן אַז היינט וועט אים נעמען אַ ביסל לענגער, ווייל עס איז געקומען אַ גרויסער טראַנספּאָרט. ער וועט אים, אַזוי ווי אַלע מאָל, רופן נעמען די סחורה ווען ער וועט אין קאַנטאָר פאַרטיק ווערן, און ער איז אַריין אין וואָקזאַל.

ר׳ פּייוויש איז אַראָפּ פון וואָגן. אויפגעהאָנגען די טאָרבע מיט דעם ביסל האָבער געמישט מיט שעצקע, מער שעצקע ווי האָבער, אויף דעם קאָפּ פון זיין איינגעדאַרטער שקאַפּע — זאָל זי וועטער קייען און ער איז צוריק אַרויף אויפן וואָגן, זיך איינגעזעצט באַקוועם אויף דער קעלניע און געכאַפּט דערווייל אַ געשמאַקן דרימל.

ווען ר׳ פּייוויש האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט שוין די דאַרע שקאַפּע געוואָרפן די ליידיקע טאָרבע מיט איר קאָפּ, געוואָלט כאַפּן כאָטש נאָך איין האָבערל, אַ שעצקעלע. ר׳ פּייוויש איז אַראָפּ פון וואָגן, אַראָפּגענומען די ליידיקע טאָרבע פון דעם פערדס קאָפּ. אַרום וואָקזאַל איז שוין געווען שטיל. די 2־אַזייגער באַן וואָס גייט קיין וואַרשע איז שוין לאַנג געהאַט געקומען און אַוועקגעפאָרן, מענטשן זיינען געקומען, מענטשן זיינען אַוועקגעפאָרן. און ווו איז אַברהם יצחק? אַזאַ גרויסער טראַנספּאָרט סחורה איז געקומען, אַז ער איז נאָך אַלץ נישט פאַרטיק? ער מוז אַריינגיין אין וואָקזאַל אַ קוק טאָן.

דער וואָקזאַל איז ליידיק, בלויז דער אַלעמענס באַקאַנטער זשאַנדאַר זובראָוו איז אים אַנטקעגן געקומען: „גאָספּאָדין פּיוויש, וועמען זוכסטו? וואָס ווילסטו?״ זאָגט ער אים: „איך זוך אַברהם יצחקן.״ „גאָספּאָדין פּיוויש, זעסט דאָך, נישטאָ אים, קיינער נישטאָ. אַלע געקומען, אַלע אַוועקגעפאָרן.״

אַרויסגעקומען פון וואָקזאַל האָט דער אַלטער ר׳ פּייוויש נישט געקענט באַלד אַרויף אויפן וואָגן און צוריקפאָרן אָן אַברהם יצחקן און אָן דער סחורה. הינקענדיק האָט ער אַרומגעקרייזט דעם וואָקזאַל, געשנאַפּט, געזוכט. ווען ער איז צוריקגעקומען צים געשעפט האָבן שוין אין דרויסן געוואַרט אויף אים ר׳ פּינחס מיט זן ווב און טעכטער. דערזען אַז דער וואָגן איז ליידיק אָן דער סחירה און אַברהם יצחק איז אייד נישטאַ, האַבז אַלע ווי אין כאָר אויסגעשריגז: „איז ווו איז אַברהם יצחק?״ ר׳ פּייוויש, אַ צעשראָקענער, האָט ווייט אוק ברייט צעשפּרייט זיינע צוויי

# א הסתדרות אַניואיטי טראַסט-קאָנטראַקט

— פון דער —

## ישראל הסתדרות פונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטעד

פּאַרזיכערט אייך און אייער פרוי: —

- אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 20% (לויט די יאָרן) און
- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען:

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטים, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט...

אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?

אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 20% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראַסט פונדאַציע.

דזשאָדזש סעם ס. שוואַרץ, פּרעזידענט • אברהם פרענק, דירעקטאָר

שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

8455 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90048 — Tel. 651-4892

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..............................................................

Address..............................................................

Date of Birth..............................Soc. Sec. No..............................

Principal Amount $..............................................................

Date........................Signature of Applicant..............................

שווערע הענט און מיט אַ טרויעריקן געמיט אַרויסגעקרעכצט: „איך ווייס נישט, ר׳ פינחס, איך ווייס נישט. אַזוי ווי מיר האָבן אַ גאָט אויף דער וועלט, ר׳ פינחס, איך ווייס נישט.״

* * * * *

די זון האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט הינטער דעם הויכן פוילישן קאָשטשאָל. די שאָטנס פון די מויערן אַרום דעם מאַרקפלאַצזענען געוואַקסן, געוואָרן לענגער און לענגער, זיך צעשפּרייט און פאַרדעקט דעם גאַנצן פּלאַץ. ביסלעכווייז האָבן די באַלעגאָלעס אָנגעהויבן אַהיים פירן זייערע דראָזשקעס און בריטשקעס. די טרעגערס אין זייערע קורצע קורטקעס אַרומגעגאַרטלט מיט די שטריק און שווערע שטיוול מיט הויכע כאָליעוועס אין גאַנצן גרוי־ווייס פון טראָגן זעק מעל אַ גאַנצע וואָך אויף זייערע פּלייצעס, זעען אויס ווי גייענדיקע סטאַטועס אויסגעהאַקט פון גרוי־ווייסן שניי... זיי לויפן איצט צו בונימס נאַפּט־געוועלב אויסצושמירן די ווייס פאַרמעליקטע שטיוול מיט טראָן־אייל פאַר צוויי קאָפּיקעס. די לעצטע שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון שפּיגלען זיך אָפּ אין דעם פרישן אויל־גלאַנץ פון די שיינענדיקע שבתדיקע שטיוול. חיים שיעס צוויי ווינטמילן, וואָס שטייען אין גרינעם פעלד און גלעטן מיט זייערע פליגל דעם בלויען הימל אַ גאַנצע וואָך, בלייבן שטיין אויסגעשטרעקט די פליגל צום הימל, אַזוי ווי אין אַ געבעט אָדער אַ לויב פאַר דעם אָנקומענדיקן שבת קודש...

בן־ציון דער שמש פון דער שול אין זיין שבתדיקע קאַפּאָטע מיט אַ ברייטן שוואַרץ־סאַמעטענעם היטל, שפּאַנט מיט גיכע טריט פון גאַס צו גאַס און רופט מיט אַן אויסגעצויגענעם זינגענדיקן קול: „א־י־ן ש־ו־ל אַ־ר־יי־ן!״ געוועלבלעך פאַרמאַכן זייערע טירן. מאַרק־זיצערינס לויפן פון מאַרק אַראָפּ מיט זייערע קוישן און געשטעלן נישט צו פאַרשפּעטיקן ח״ו ליכט־בענטשן. אַ שבתדיקע רואיקייט און שטילקייט נעמט אַרום דאָס גאַנצע שטעטל. פייערלעך פון אָנגעצונדענע שבת־ליכט שיינען אַרויס פון די פענצטער. די לעצטע שטראַלן פון דער זון לעשן זיך און עס לעשט זיך די ברענענדיקע שיין פון די גאָלדענע צלמים אויף דעם פוילשן קאָשטשאָל און אויף דער רוסישער צערקווע. שבת! שבת! גוט שבת! — הערט מען פון אַלע זייטן.

אָבער אין צוויי הייזער איז דער היינטיקער שבת געווען אַ פאַרשטערטער. אין דעם רייכן הויז פון ר׳ פינחס אייזנשטאַט, איבער דעם פאַרלוסט פון עטלעכע הונדערט רובל. און אין דעם קליינעם אָרעמען שטיבל פון ר׳ זלמן מיט זיין ווייב נעכע די ווייןמאַכערין. זיי האָבן פאַרלוירן אַ זון, וואָס האָט געזאָלט ווערן אַ רב און אפשר אַ רבי...

חיים פלאָטקין / ניו־יאָרק

## פאַרוואָס בין איך נאָך אין רוזשאַן — ווו מיין וויגל איז געשטאַנען?

אין מיין זכרון־שייער
פעלט אָרט פאַר זיבן אותיות:
פ־אַ־ר־ג־ע־ס־ן !

איך זע אין דעם „לא תרצח״
אַ קריעה־ריס !

די געטלעכע קרוין —
זעקס מיליאָן מאָל מיט ייאוש פאַרטונקלט.

צי איז גאָט שוין אויפגעשטאַנען פון שבעה
נאָך זיינע יידן פון די שטעטלעך ? !

איך האָב מיין קדיש —

אין האַרץ — יאָרצייט־ליכט !

פאַרוואָס בין איך נאָך אין רוזשאַן ?

ווייל —
בילדער אין זכרון
זענען נישט קיין גליטשיקע פיש :

פאַר איין ווינקעלע אין ניו־ייאָרק
איז מיין שטעטעלע צו קליין !

ס׳וואָלטן שטאָקן פון עמפייער־סטייט געבליבן פוסט,
מיט אַלע רוזשאַנער אונטער זיין דאַך...

איך אויף דעם ניט פאַרשריבענעם בויגן
כ׳זע רוזשאַן :

פון אונדזער שטיבל די הילצערנע ווענט
בענקען נאָך וואַפנע :

אין מולטער־וויגל, מיין קראַנק שוועסטערל
וואַרט אויף אַ נס...

מיין מאַמעס שטילע תפילות
אויף פליגל צום בורא.

מעשענע לייכטערלעך
האָבן פאַרביטן די זילבערנע לייכטער...

דער טשוגינענער סאַגאַן, נאָך וואַרעם פון קאָכן,
אין די קישן פון די בעטן — אויף „גראַבסקיס עגלה" (1)

פון טאַטנס קלאַמפּעס אויף די שטיינער,
צעעפנט דעם פיסק ניעדזועלסקיס כלב !

פון זיין אויסגעריסענער באָרד —
אַ שנירל בלוט פון ביאַליקס „שחיטה־שטאָט".

אַ גיפט־האַס פון הינטער די לאָדנס:
„פשאַקרעוו זשידזשי דאָ פּאַלעסטינע!"

די טיפע בלאָטעס אויף די שמאָלע געסלעך —
עדות פון די לעכער אין מיין שוועסטערס פּאָדעשוועס —

זומער — מיינע באָרוועסע פיס
אָרן נישט די שטיינדלעך ווי טשוועקעס — — —

אין קעלער־חדר, איטשע מאיר „דער פעלדשער"
ביי פרשה משפטים — האָט מיין אויער אונטערגעריסן!

פּאָר מיינע ווונדן, ער לייגט פּאַנטשינע אויף אַ ברויט־פּענעץ
מיט אַ שמאַטע —, אַ באַנדאַזש — — —

פון אַ סטראַגאַן, אַ געפּרוירן עפּעלע,
צעבושעוועט מיין אַפּעטיט!

ס'ראָזעווע ברויטל
צעשניידט די מאַמע אויף צען חלקים...

אַ צווייגעלע באַדעקט מיט שניי־אייז —
כ'גריזשע ווי אַ מאַרך־ביינדל!

פון דער סאַפּקע, ווו איך שלאָף מיט מיינע ברידער,
קען קיין אָקראָפּ (2) די וואַנצן נישט פאַרטרייבן...

ביים קאַמאַשן־מאַכער, שמחה הערש,
מיין ערשטער אוניווערסיטעט — — —

איך פיל נאָך דעם טעם פון פאַיע סאַפערשטיינס ליפּן:
מיין ערשטע געליבטע...

מיט בערל דעם סטעלמאַך, דער „בונטאָווטשיק"
כ'גיי הערן אין סאָסנע־וועלדל דעם „יונגן לאַסאַל".

— — — — — — — — — — — — — — —

דניאל מאַרלין / בוירקעלי, קאַליפ.

# לידער

## מומע שרה

דורך די גאַסן
פון ברוקלין
דו ביסט געקומען צו אונדז
מיט דער אונטערבאַן
ווו דו האָסט געקליבן
דיינע מוראדיקע
מעשיות.

שרה,
דער ווינטער פון מיין צענטן יאָר
איז געווען צווישן אונדז
דיינע קוויטשיקע באַפעלן
און מיין ייִנגל כעס
ביין „דו מוזט״!
און מיין „ניין, ניין, ניין,

כ׳וועל ניט!״
דו האָסט מיר געהייסן
פאַרמאַכן די טעלעוויזיע
און כ׳האָב דיר פאַרשלאָסן
אינעם שיך־אַלמער
ביז דיין לאַכן
איז דערשראָקענער געשריי ،
געוואָרן.

ס׳איז געווען אַ ווינטער
אָן אַ סוף
אָן מיין מאַמעס קול
איך האָב צעריסן דעם מהלך
צווישן איר און מיר
מיט דעם מעסערשפּיץ פון מיין צונג.

## געליבטע

געליבטע,
עס האָט זיך מיר געחלומט
אַז דיין לייב

---

נאָכן לייענען דעם יזכור־ספר,
די מצבה נאָך רוזשאַן —
געדענק איך מיין בן־עיר,
משהקע שוסטערס רייד:

כ׳געדענק און געדענק,
„ביכער איך וואָלט שרייבן געקענט...
און איך— ווי ער—

וואָלטן יאָרן נאָך געווען באַשערט,
איף טויזנט בויגנס
און אפשר נאָך מער...

(1981)

(1) „גראַבסקיס עגלה״— פינאַנץ־מיניסטער סטאַניסלאַוו גראַבסקי,
וואָס האָט געריסן די יידישע הויט — הויכע פּאָדאַטקעס.
(2) אָקראָפּ — זודיק וואַסער.

איז אַ פּאַקל
און דיינע ווערטער — שטערן
אַ טאָל האָט זיך געעפנט
אין דיר.
דאָרט האָב איך
פון אַ טייכעלע
געטרונקען דעם פּאַרנאַכט
ביז דיין קול —
דער ערשטער שטערן
האָט מיך אויפגעוועקט.

מיר וועלן רעדן
מיט דיר —
פאַר דיר
אַ גרויס כבוד!

פון איצט אָן
דו ווייסט זיין
איינער פון אונדז —
ניט מער קיין גאָרנישטל,
גאָרנישטל
זיי צופרידן!

## אויף וואָס שרייבסטו?

אויף וואָס שרייבסטו, דיכטערל?
— ניט אויף דער האַנט פון אַ קינד
ניט אויף טרוקענעם ליים
אָדער וואָלקן.

איך שרייב אויף די ליפּן
פון מיין זכרון
אויפן שטומען מויל פון נעכטן.

מיט וואָס שרייבסטו, גאַונדל?
ניט מיט שטיין אויף שטיין
ניט מיט דעם שפּיץ פון אַ שטעקל
אין שטויב
פאַר זיך אַליין.

איך שרייב מיט אַ וויסן
פון מיין גרויסער אומשולד
מיט דער אַמאָליקער
טינט פון מיינע זינד.

## איינער פון אונדז

מיר דערקענען דיך,
דו ביסט ניט קיין שטיין
ניט קיין בהמה —
מזל-טוב!

## נויט און חלומות

פאַר מלכה חפץ טוזמאַן

דו האָסט געעפנט פאַר מיר
די קוואַלן און די שטעגן
פון אָט דער טונקעלער שיינקייט —
די נויט און די חלומות
אינעם לשון
וואָס וווינט ליכטיק
אין דיר.

---


בלומע לעמפּעלס
ניי בוך דערציילונגען
„אַ רגע פון אמת"
דערשינען אין י. ל. פּרץ פאַרלאַג
תל-אביב

קאָן מען באַקומען ביים מחבר:

BLUMA LEMPEL
425 East Olive Street
Long Beach, N.Y. 11561


---

רעוו. לעאָ לעווינסאָן

# אַ „שפּאַציר״ אין דער נאַכט

(אַ דערמאָנונג)

„כי עוף השמים יוליך את הקול
ובעל כנפים יגיד דבר.״ (קהלת י׳־כ׳)

פונקט ווי דער פויגל פון הימל דערטראָגט דעם קלאַנג און ברענגט אַריבער די נייעס, אַזוי פלעגן זיך אין געטאָ דערטראָגן די שלעכטע בשורות פון דער לופט.

אָפיציעל איז אין געטאָ געווען פאַרבאָטן ראַדיאָ, צייטונגען, בריוו ביכער. קיין שום קאָמוניקאַציע מיט דער אויסערלעכער וועלט. אָבער יידן האָבן אין דער לופטן דערשמעקט ווען עס קומען אָן גזירות: אַן „אַקציע״, „אויסזידלונג״, פאַרשיקונג צו אַרבעט, ווי עסטלאַנד אָדער טאָרף, וווּ קיינער וויל פרייוויליק ניט גיין.

פון איינער אַזאַ „אַקציע״ האָב איך זיך דערוווּסט געננוי דעם טאָג ווען דאָס וועט פאָרקומען. איך האָב געטראַכט, אַז קיין צו גרויסע „זכות אָבות״ באַפרייט צו ווערן פון איר האָב איך ניט. דאַרף מען נעלם ווערן... זוכן אַ וועג זיך אויסצובאַהאַלטן „עד יעבור זעם״, ביז די אַקציע וועט דורכגעפירט ווערן. מיינע געדאַנקען זיינען שוין געווען פאַרנומען מיט איין זאַך — וווּ געפינט מען אַן אָרט זיך צו פאַרשטעקן? וווּ באַהאַלט מען זיך איך מוז אַרויס פון געטאָ און בלייבן דאָרט. אָבער ביי וועמען? איך קען ניט קיין גויים. וווּ גייט מען? איך מוז אַרויס פריער. איך מוז אַרויס פריער. ווי מיט האַמערס האָט עס אין מיין מוח געקלאַפּט. „לא אָמות כי אחיה״. איך מוז זיי איבערלעבן... איך מוז!

געאַרבעט האָב איך אין שאַנץ לעם קאָוונע, אין דער האָלץ בריגאַדע. דעמאָלט האָב איך באַשלאָסן: ניין! איך גיי ניט צוריק היינט אין געטאָ. איך בלייב דאָ. אָבער עס איז דאָך ווינטער. עס איז קאַלט. וווּ זאָל איך זיך אַהינטאָן? וווּ זאָל איך נעכטיקן? וווּ ראַטעוועט מען זיך? ווער וועט מיך, אַ ייד, אַריינלאָזן? ווער וועט מיר העלפן? ניט געפינענדיק קיין ענטפער בין איך דאָך געבליבן אין שאַנץ.

איך בין אַוועק ווייט צווישן געהילץ וואָס איז דאָרט געלעגן זייער פיל, זיך פאַרשטעקט און געוואַרט ביז די בריגאַדע וועט אַוועק. אַזוי בין איך דאָרט געלעגן זייער אַ לאַנגע צייט. עס איז טאַקע ווינטער, קירצערע טעג, אָבער ניט פאַר מיר. פון 5 באַגינען אַ גאַנצן טאָג אין קעלט. שווער געאַרבעט ביים לאָדן האָלץ. און איצט וווּ וועל איך גיין? איך בין דאָרט געבליבן ביז עס איז געוואָרן גוט פינצטער. איך האָב גענומען פילן די פאָלגן פון ווינטער. מיינע פיס האָבן גענומען ווערן שטייף פון שטיין אויף איין אָרט. און פון קעלט. איך האָב באַשלאָסן: וואָס עס זאָל ניט זיין מוז איך זיך אַרויסכאַפּן פון דעם פּלאַץ מען זאָל מיך ניט באַמערקן. דער וועכטער קען מיך דערזען און שיסן.

עס אין פינצטער אין דרויסן. איך נעם אַראָפּ דעם מגן־דוד און גיי אַרוי אין דער פרעמדער גוישער גאַס. עס איז זייער קאַלט. דורכגעפרווירן פון דעם גאַנצן טאָג האָב איך גענומען גיין אין די גאַסן, אָן אַ ציל און אָן אַ ריכטונג, געגאַנגען און געגאַנגען; האָב מורא זיך אויסצודרייען. האָב מורא אַ קוק צו טאָן, טאָמער דערקענט מען אַ ייד! און עס זיינען דאָ בעלנים דעם ייד צו מסרן...

און אַזוי שפּאַציר איך אַ מידער, אַ צעבראָכענער, פאַרפראָרענער אין די גאַסן שעה נאָך שעה. און איך טראַכט גייענדיק „מאַין יבוא עזרי״. ביז איך קום צו אַביסל אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, צו דער „תיפלה״. פאַרשטעלן זיך כאָטש פון דעם בייזן קאַלטן ווינט. די מחשבות יאָגן איינע נאָך דער צווייטער. רבונו של עולם, טראַכט איך זיך, פאַרוואָס קומט עס אונדז? מיט וואָס זיינען מיר יידן ערגער פון די גויים? איך זע דורך די באַלויכטענע פענצטער ווי „זיי״ זיצן געמיטלעך גאַנצע פאַמיליעס אין זייערע וואַרעמע הייזער, האָבן ניט קיין מורא זיך צו באַוועגן, קע־

נען גיין און שטיין ווו זיי ווילן, ווען זיי ווילן; דאַרפן זיך ניט באַהאַלטן אין אַזאַ ווינטערדיקער קאַלטער נאַכט, אין אַ פרעמדער שינאהדיקער וועלט, ווו איך האָב מורא פאַרן שאָטן, האָב מורא צו עפענען דאָס מויל. ווי גרויזאַם עס איז דער גורל פון דעם ייד!

און איך טראַכט, ווען וועט זיין דער סוף? וועט דען מיט דער היינטיקער נאַכט זיך ענדיקן די צרות, שרעק און פיין? ניין! לאָזט מיר דער געדאַנק ניט אָפּ. דאָס ביטערע געטאָ־לעבן וועט זיך נאָך ציען. פאַרשיידענע אַנדערע „אַקציעס" וועלן נאָך געוויס פאָרקומען. די לאַגע אין געטאָ קאָן נאָך ערגער ווערן. עס איז נאָך זייער, זייער ווייט צו זונשיין... און איך טראַכט ווי ריכטיק עס איז היינט אויף מיר מקוים געוואָרן די קללה פון דער תורה: „ורדף אתם קול עלה נדף ונסו מנסת חרב ונפלו ואין רודף". ויקרא, (בחקותי כ"ו־ל"ו). קען זיין אַז קיינער יאָגט מיך ניט, נאָר ביי יעדער בלאַטטרייסל שרעקט און ציטערט די הויט. איך געפין זיך דאָך אין אַן אומבאַקאַנטער בייזער וועלט, אַרומגערינגלט פון דער גויישער פרעמדער סביבה, אַ סביבה ווו דער ייד איז פאַרשאָלטן, און עס איז די פליכט פון יעדן ליטווינער צו העלפן באַפרייען די נייע ליטע פון יידן. יעדער ייד וואָס פרווט זיך באַהאַלטן אָדער אַנטליפן מוז קריגן זיין טויטלעכע שטראָף. דאָס איז דאָך די פייערלעכע דעקלאַראַציע פון דער צייטווייליקער ליטווישער רעגירונג ביים אויפנעמען מיט ענטוזיאַזם די דייטשן. ווי זיי האָבן דערקלערט: „עס איז געקומען די שעה צו מאַכן אַ חשבון מיט די יידן. מיר מוזן זיך באַפרייען נישט נאָר פון דעם סאָוועטישן יאָך, נאָר אויך פון דער יידישער לאַסט, וואָס ליגט אויף אונדז פאַר פיל יאָרן."

די גאַס ווערט פוסט, אין די שטיבער ווערן איינע נאָך די צווייטע די ליכט פאַרלאָשן. די וועלט מאַכט נאַכט, די וועלט אין דעם מאָמענט ווערט נאָך פינצטערער און שוואַרצער, און דער יידישער גורל נאָך טראַגישער.

דער קלינג פון קלויסטער וועקט מיך אויף פון מיינע טרויעריקע מחשבות, די נאַכט איז דאָך נאָך אַזוי לאַנג — ווו זאָל איך איצט אַהינקומען? דאָ לעם קלויסטער טאָר איך לענגער ניט שטיין. יעדער פאַרבייגייער קען מיך באַמערקן, יעדער פאָליציאַנט קען מיך דערזען און דאַן בין איך פאַרפאַלן, דאַן זיינען מיינע צרות געענדיקט, איך ווער דאַן אויסגעלייזט...

איך קוק זיך אַרום, קיינער איז ניטאָ. קיין בייז אויג קוקט ניט. איך נעם שנעל גיין אַרויס פון די גאַסן — גיין, גיין, ווו די אויגן טראָגן. איך גיי אַרויס צום פעלד. דער שניי איז דאָ טיף, מאַכט שווער די באַוועגונג. איך ווער גיך מיד. די קעלט איז דאָ שטאַרקער, דער ווינט בלאָזט פרייער. אָבער איך טאָר זיך ניט אָפּשטעלן, נאָר פאָרויס, פאָרויס. דאָס פעלד איז ברייט, גרויס. די הייזער זיינען ווייט. איך טאָר אָבער אפילו דאָ זיך ניט פריי באַוועגן, מען קען מיך באַמערקן. אין מיטן נאַכט אויף פרעמדע פעלדער. איך שטעל זיך אָפּ. זאָלן זיי מיינען עס שטייט אין פעלד אַ בוים, אַ קלאָץ, אָבער ניט קיין מענטש, ניט קיין ייד...

עס איז דריי דער זייגער אין מיטן נאַכט. מיינע געדאַנקען ווערן וואַך. אַך, ווי שרעקלעך לאַנג איז די נאַכט, אין דעם קאַלטן דרויסן, אויף דעם ווייסן שנייאיקן פאַרפראָרענעם פעלד.

איך פאַנג אָן לאַנגזאַם זיך צו באַוועגן. און ווידער באַפאַלט מיך אַ שרעק. איך דערנענטער זיך צו הייזער. טאָמער וועט מיך גאָר דערשמעקן אַ הונט, מיך באַפאַלן און מיט זיין בילן אויפוועקן די בעלי־בתים און אפשר שכנים, און דאַן — אַן איז מיין סוף! און איך טראַכט: דעם הונט איז גאָר היינט בעסער ווי מיר. ער האָט אַן אָרט. ער האָט אַ בעל־הבית וועלכער זאָרגט פאַר אים. ער דאַרף ניט מורא האָבן. פאַר אים איז ניטאָ קיין „אַקציעס"... אָבער טראָץ מיין שרעק באַוועג איך זיך לאַנגזאַם. דער שניי איז זייער טיף אָנגעפאַלן. עס איז שווער צו שלעפן די מידע פיס. מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם דערנענטער איך זיך צו הייזער און זוך זיך צו פאַרשטעלן פון בייזן ווינט אויף אַ ווייל.

„שומר מה מליל, שומר ישראל". רבונו

(המשך אויף זייט 79)

יצחק ווײַנגאַרטן / ישראל

# קדיש...

איך וויל נישט זאָגן קדיש
נאָך מײַן זונעלע,
ווײַל קדיש זאָגט
אַ זון נאָך אַ טאַטן.

אַזוי ווײַנען אויס
טויזנטער טאַטעס
אומגליקלעכע,
אויף אײביק פֿאַרטרויערטע.

נישטאָ קיין זכר פֿון אַ קבר,
פֿאַרברענט,
און דער ווינט
האָט צעבלאָזן דעם אַש...

איז ריזלען טרערן
פֿון אויגן
רויטע פֿאַרווײנטע
און זוכן דאָרטן... ערגעץ ווײַט...

נישט דעם טויטן
אַש פֿאַרברענטן,
נאָר זונעלעך, טעכטערלעך,
לעבעדיקע שמײכלענדיקע.

נישט געווען בין איך
בײַ דעם אומגליק...
טליעט דאָך ערגעץ
אַ פֿונק פֿון האָפֿענונג, אפשר?...

ווילט זיך מיר גיין
פֿון עק וועלט צו עק וועלט,
נאָך דעם ליכטיקן פֿונק, וואָס אין חלום,
און זוכן, און זוכן...

כאָטש אַזוי פֿיל צײַט פֿאַרגאַנגען,
דאָך זוך איך ענלעכקייט,
פֿריער.פּנימער פֿון קינדער
און הײַנט שוין מענטשן דערוואַקסענע.

איך זוך נישט קיין נקמה
אין די מערדער,
איך זוך מײַן זונעלע
וואָס לעבט בײַ מיר אין האַרץ.

וואָלט מען קענען
די טרערן ווי פּערל
אַרויפֿציִען אויף אַ שטריק
און אַרײַמקרייזן די וועלט —

וואָלט געווען גענוג
אַלע מערדערס
שמידן די הענט,
זאָלן מער קיין קינדער־מערדער ניט זײַן.

איז וויל איך נישט זאָגן קדיש
נאָך מײַן זונעלע,
ווײַל קדיש זאָגט
אַ זון נאָך אַ טאַטן.

בת־ים, ישראל, 1981.

## תיקון טעות

אין עסיי פֿון שואל גוטמאַן אין „חשבון“ נומער 98 זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן עטלעכע טעותן:

1) אויף זײַט 6 אין צווייטן פּאַראַגראַף שטייט: „אין 1910 פֿאָרט ער קיין בערלין זיך גרייטן אין אוניווערסיטעט.“
עס דאַרף זײַן: „אין 1919 פֿאָרט ער קיין בערלין.“

2) אין זעלבן עסיי אויף זײַט 7 אין 2טן פּאַראַגראַף שטייט: „דער בית שני שטייט העכער ווי דער בית ראשון (1000־586 נ.ק.צ.).“
עס דאַרף זײַן: „דער בית שני שטייט העכער ווי דער בית ראשון (000־586 פ.ק.צ.)“

3) אויף זײַט 10 אין לעצטן פּאַראַגראַף שטייט: „מאָריס ב. אייבראַמס.
עס דאַרף זײַן: מאָריס ב. אייבראַם.

# שרײַבערס און ביכער

לילי בערגער / פּאַריז

## ווען דער שרייבער מוז צאָלן אַ פּרייז

(אויפן ראַנד פון יוסף בורגס בוך „דאָס לעבן גייט ווייטער“)

זעלטן, זעלטן דערגייט צו אונדז אַ בוך פון אַ יידישן שרייבער פון ראַטנפאַרבאַנד. זעלטן דערשיינט דאָרט אַ יידיש בוך און נאָך זעלטענער דערגייט אַזאַ בוך צו אונדז. אַ דאַנק די קאָמוניקאַציע־מיטלען איז די וועלט היינט קלייןָ. ניט נאָר מענטשן רייזן נאָר אויך ביכער דערגייען גיך פון לאַנד צו לאַנד. אָבער יידישע ביכער פון ראַטנפאַרבאַנד וואַנדערן נאָך נישט צו אַנדערע יידישע ישובים אין דער וועלט. און באַקאַנט איז פון בריוו ווי שטאַרק ס׳איז דער באַגער פון דאָרטיקע יידישע שרייבער זייערע ביכער זאָלן געלייענט ווערן מחוץ די גרענעצן און מ׳זאָל שרייבן וועגן זיי.

נעמט מען זיך מיט גרויס נייגיר לייענען אַ דאָרטיק יידיש בוך, וואָס פאַרוואַנדערט יאָ צו אונדז, הגם מיר פערזענלעך קומט נישט לייכט אָן צו לייענען אַ ראַטנפאַרבאַנדישע יידישע אויסגאַבע. צוליבן אויסלייג פון די העברעישע ווערטער, וואָס זענען מיר אויס צעקאַליעטשעט. אויב שרייבט מען „נעשאָמע“, זעט עס מיר אויס ווי מ׳וואָלט אַרויסגעריסן די נשמה פונעם יידישן לשון, ווייל העברעישע ווערטער און אויסדרוקן זענען זינט דעם אַנטשטיין פון יידיש, אַ נאַטירלעכער באַשטאַנדטייל , אָרגאַנישע גלידער פון אונדזער יידיש לשון. דאָס אַרויסרייסן די העברעישע ווערטער פון זייער נאַטירלעכן לבוש דערמאָנט מיר אויך, אַז אויף העברעיש ליגט נאָך אַ פאַרבאָט, וואָס באַדייט אי גרויזאַמקייט, אי טיפּשות אַרויפצולייגן אַ וועטאָ אויף אַ שפּראַך. טרעפט נאָך אַז אַ דאָרטיק בוך פאַרמאָגט אַ סך העברעיזמען, ווי דאָס איז דער פאַל מיטן בוך וועגן וועלכן ס׳וועט זיין אַ רייד, באַשווערט עס גאָר דאָס לייענען. אָבער דער מחבר איז לחלוטין נישט שולדיק.

האָב איך מיט געוויסע שוועריקייט, אָבער מיט גרויס נייגיר, אָפּט מאָל מיט אַ סך פאַרגעניגן דורכגעלייענט דאָס בוך פון יוסף בורג: „דאָס לעבן גייט ווייטער.“ אויף קרוב דריי הונדערט זייטן שפּרייטן זיך אויס עטלעכע פופציק דערציילונגען, נאָוועלן און סקיצן. דערשינען איז דאָס בוך אין מאָסקווע, אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“.

* * * * *

יוסף בורג איז, אַ סברה, אומבאַקאַנט ביי אונדז דעם יידישן לייענער צוליב די אויבן אָנגעוויזענע סיבות. אָבער קיין פּנים חדשות אין אונדזער ליטעראַטור איז ער נישט. אַן אָפּשטאַמיקער פון דער אַמאָליקער רומענישער בוקאָווינע און היינטיקער תושב פון דער שטאָט טשערנאָוויץ, האָט ער זיין שרייבערישע קאַריערע אָנגעהויבן נאָך אין די אָנהייב דרייסיקער יאָרן. ווען אין פּוילן איז ביז דעם גרויש 1968 דערשינען דיי חודש־שריפט „יידישע שריפטן“, פלעגט יוסף בורג דרוקן אין איר זיינע דערציילונגען. פאַר וואָס זיינע דערציילונגען זענען ערשט דאָ נישט לאַנג דערשיינען צווישן טאָוולען — און כ׳האָב דעם איינדרוק, אַז דאָס איז זיין ערשט בוך, יעדנפאַלס אין ראַטנפאַרבאַנד — איז שוין אַן אַנדער ענין.

דאָס בוך „דאָס לעבן גייט ווייטער“, וואָס דער מחבר פאַרטיילט אין פיר אָפּטיילונגען, וואָלט איך קלאַסירט לויטן אינהאַלט אין דריי טיילן: יידישע ישובים אין בוקאָווינע אַמאָל, ביז דער מלחמה, אויך רומענישע שרייבערס; די אָקופּאַציע בעת דער מלחמה און יידישער אומקום,

ווי אויך יידישער ווידערשטאַנד, און דאָס
לעבן אונטערן סאָוועטישן רעזשים.

יוסף בורג איז אַ געבוירענער און האָט
פאַרבראַכט זיין יוגנט אין אַ יידיש שטעטל
אין די בוקאָווינער קאַרפּאַטן־בערג, וווּ
ס'האָבן געגעסטעט דורות־לאַנג יידישע
ישובים, ווו יידישע האָרעפּאַשניקעס זע־
נען געווען פליטנטרייבערס, ספּלאַוואָניקעס
אויפן ווילדן טייך טשערמוש, אָדער גע־
האָרעוועט שווער אַלס וואַלד־העקערס אין
די אוראַלטע וועלדער. דורות־לאַנג האָבן
יידן געלעבט אין די דערפער און שטעט־
לעך, צעוואָרפענע צווישן די שיינע קאַר־
פּאַטן אָפּגעזונדערט פון דער וועלט. זייער
וועלט זענען געווען די גרין־בלויע בערג,
דער אומגעצוימטער טייך, וועמענס רויש
איז ענלעך, לויטן אויסדריק פון מחבר,
צו אַ געוויין, און די געדיכטע, ברייטע
וועלדער. דאָס זענען די מקומות, ווי עס
דערמאָנט אויך דער מחבר, וווּ ס'האָט
אַמאָל איבער פאַרוואָרפענע וועגן און
שטעגן געטראָגן דער בעל־שם־טוב און,
אַ סברה, אין די זעלבע וואַסערן, וואָס
האָבן געטריבן דאָס ראָד פון דער מיל,
אָדער אפשר פון אַ דאָטיקן וואַסערפאַל
האָט ער געמאַכט זיך אַ מיקווה.

יידן אָנגעטאָן אין שוואַרצן, מיט אַ
שטריק אַרום די לענדן, מיט אַ האַק פאַר־
וואָרפן אויפן רעכטן אַקסל, האָבן לאַנגע
טעג געטירחעט אויף דער ביטערער חיו־
נה, געווען אין שטענדיקן געראַנגל פאַר
שווערער אויסקומעניש, אָבער געלעבט
לויט זייער אייגענעם שטייגער און גע־
האָפט אויף בעסערע צייטן. איז געקומען
דער דייטשער מלאך־המוות און דאָס דו־
רותדיקע יידישע לעבן אַרויסגעריסן מיטן
וואָרצל, די יידישע אַלע ישובים גענצלעך
אָפּגעמעקט.

אָט יענע פאַרשווונדענע, אָפּגעווישט
לעבן, לעבט אויף יוסף בורג,
און ער לעבט עס אויף מיט אַ סך
בענקשאַפט, מיט קינסטלערישער געניט־
שאַפט. דער מחבר נעמט פשוט אָן דעם
לייענער פאַר דער האַנט און פירט אים
אַריין אין יענער כישופדיקער וועלט
פון די ווילדע נאַטור־שיינקייטן און
שווערן יידישן לעבן. פאַר אונדזערע אויגן
שטייגן אויף די וווּנדערלעכע קאַרפּאַטן־
בערג, דער שטענדיק רוישנדיקער טשער־
מוש אין וועמעס וואַסערן עס שפּיגלען זיך
אַזוי די שטערן ווי זיי וואָלטן זיך געבאָדן
אין זיי. אין אונדזער דמיון קומען אויף
לעגענדעס און הוצולישע מעשיות, לע־
גענדעס וועגן פאַרוואָגלטע נשמות און
רוסאַלקעס. דער טייך, די אַלטע ביימער,
דער ווינט און די שטערן — אַלץ אַרום
איז פול מיט סודות, מיט געהיימנישן,
בענקשאַפטן, מיט פרייד און יסורים, מיט
אַזוי פיל מענטשלעכע חלומות, מיט גוטס־
קייט און שלעכטס... צומאָל די הוצולישע
הייזקעס, מיט די געשניצטע סטריכעס און
געפּאַרבטע גאַניקעס, אָטעמען מיט גע־
היימניספולקייט און לעגענדעס.

יוסף בורג איז אַ וווּנדערלעכער שיל־
דערער. זיין שפּראַך איז אַ רייכע, אַ שפּרו־
דלדיקע, זאַפטיקע, פאַרביקע. זיין יידיש
לשון איז רייך פאַרוועבט מיט העברעיז־
מען, מיט אַלט־העברעישע אויסדרוקן,
פסוקים. קענטיק אַז ער קען זיך גוט אויס
אין די קליינע אותיותלעך. זיין פּראָזע
פאַרמאָגט אַ הויכן קינסטלערישן הויך.
ס'איז צייטנסווייז פּאָעזיע און פּראָזע. זיין
שילדערונג איז אַזוי פּלאַסטיש, אַז עס
באַקומען זיך אָפט מאָל פאַרביקע אי־
מאַזשן. מיר זעען און הערן ממש ווי
„מיט אימפּעט קייקלט דער טשערמוש
זיינע וואַסערן צווישן אוראַלטע צע־
צווייגטע וועלדער און גרויע, מיט מאָך
באַדעקטע סקאַלעס...“ ווי „אַזאַ סודות־
פולע, בראשיתדיקע שטילקייט פּלאָנטערט
זיך אין זיין גערויש...“ מיר פילן מיט אַלע
חושים ווי „די בערג דרעמלען, ווי מעכ־
טיקע חיות, פאַרוואַרפן די קעפּ אויף
אויסגעצויגענע לאַפּעס...“ כמעט אַלע
דערציילונגען זענען פאַרוועבט און פאַר־
שפּינט מיט נאַטור־שילדערונגען, בפרט
די, וואָס ברענגען אַרויס דעם מחברס
קינדהייט און יוגנט. פאַראַן דערציילונגען,
ווי למשל „אַלעקסע“, „דאָס קדושין־רינ־
גל“ און אַנדערע, וואָס רירן טיף, קריצן
זיך איין אין זכרון.

רירנד און אויך באַלערנדיק זענען די
סקיצן וועגן באַגעגענישן מיט יידישע
שרייבערס פון רומעניע, אין ווין, וווּ דער
מחבר האָט פאַרבראַכט אַ צייט ביז דער
מלחמה, אָדער גאָר אַ דערציילונג וועגן
זיינער אַ באַגעגעניש אין חרובן סטאַלינ־
גראַד מיט יידישן דאָקטאָר פּינוס, וועל־

כער איז געווען שלום עליכמס איבערזעצער אויף רוסיש. דאָס אַלץ פאַרמאָגט אויך אַ דערקענטעניש־ווערט. מיט איין וואָרט, עד כאן רירנד, באַלערנדיק.

ווי גיך אָבער יוסף בורג הייבט אָן אַרויסברענגען די סאָוועטישע רעאַליטעט, דער עיקר יידישע מענטשן אין דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט, לאָזט ער אונדז קאַלט, טיילמאָל דערווידערט עס אונדז. פאַרוואָס? ווייל די סיטואַציעס וואָס ער ברענגט אַרויס זענען נישט וואָרהאַפטיק. נישט מער וואָרהאַפטיק איז דאָס געזעענע דורך דער דאָרטיקער פריזמע וואָס עס טוט זיך מחוץ סאָוועטנלאַנד.

וואָס דאָס איז אַזוינס ליטעראַטור האָט מען שוין געזאָגט אַ סך און מ׳קאָן נאָך זאָגן אָן אַ שיעור. וועלן מיר זיך נישט אַריינלאָזן אין לאַנגע פילפולים און דערמאָנען בלויז, אַז ס׳איז פאַראַן אַ קינסטלערישער אמת, וואָס איז באַגלייט פון אַ פסיכאָלאָגישן און היסטאָרישן אמת. אויב פסיכאָלאָגיש און היסטאָריש־רעאַל איז דאָס באַשריבענע נישט וואַרשיינלעך, נישט אמתדיק, ליידט דערפון אויך דער קינסטלערישער אמת, ווי שיין די שילדערונג זאָל נישט זיין. אַ גרויסער פראַנצויזשער קריטיקער האָט געהאַט געשריבן אַז ליטעראַטור איז אַן עדות פון דער צייט און אָרט. אויב ס׳איז אַזוי, מוז דער עדות זיין אַ געטרייער.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צום בוך. ווי אַן אילוסטראַציע וועלן מיר נעמען די ערשטע דערציילונג אונטערן טיטל „אַ נייער מאָרגן". אַן אַמעריקאַנער יידישער טוריסט, קאַמיל ברעגער, קומט באַזוכן אין סאָוועטישן בוקאָווינע זיין געבורטשטעטל, וואָס ער האָט פאַרלאָזט מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק. קיין יידן זענען אין אַמאָליקן יידישן שטעטל מער נישטאָ, קיין משפחה, דאָס אַמאָליקע געליבטע מיידל אויך נישט. הגם קאַמיל האָט זיך דאָס משער געווען, האָט אים געצויגן אַהין. און דאָס גלויבן מיר. ס׳איז אָבער נישט צו גלויבן, אַז כדי צו מאַכן די רייזע, נאָך צענדליקער יאָרן שווערער אַרבעט, האָט קאַמיל געמוזט — איך ציטיר — „אָפּלייגן דאָלער צו דאָלער; ער האָט זיי געקליבן לאַנג און עקשנותדיק און באַשטאַנען זענען זיי פון אַ נישט דער־

דערעסענעם אָנבייסן, פון אַן איבעריקער שעה אַרבעט, פון פרימאָרגן שעהען דערשלאָפענע אונטערוועגנס צו דער פאַבריק." דדערצו באַשטייט זיין גאַנץ פאַרמעגן פון זיין פאַספאָרט. מער האָט ער גאָרנישט אָפּגעשפאָרט פון די צענדריקער יאָרן האָרעוואַניע. דערצו זעט קאַמיל אויס אַזוי פאַר דער צייט פאַרעלטערט, אַזוי מיזערנע, אַז ס׳נעמט אָן אַ רחמנות. ובכן, איז דאָס וואָרהאַפטיק, וואַרשיינלעך, אַז אַן אַרבעטער אין אַמעריקע זאָל נאָך אַזוי פיל יאָרן אַרבעט, בפרט ער האָט נישט קיין משפחה אויסצוהאַלטן, זיין אַזוי פאַראָרעמט, געדריקט?

קאַמיל ברעגער—אגב דער נאָמען שוין געענדערט, אַמעריקאַניזירט — דערוויסט זיך פון אַ צופעליקן נישט יידישן אַלטן ספּלאָווניק, וועלכער נעמט אים אויף גאָר פריינדלעך, אַז בעת מ׳האָט געפירט די יידן פון שטעטל צו דער שחיטה, האָט אַ יידישע פרוי אים אַריינגעשטעקט אַן עופּהלע מיטן נאָמען בלומע, וואָס ער האָט געראַטעוועט. הייגט איז דאָס זיין דערוואַקסענע טאָכטער, נאָר ער האָט איר דערציילט, אַז זי האָט אַמאָל געהייסן בליומע. קאַמילס געליבט מיידל האָט אויך געהייסן בליומע. פאַלט דעם אַמעריקאַנער טוריסט איין, אַז ס׳איז אפשר בליומעס טאָכטער. איז זאָל מען אָננעמען אַז דאָס אַלץ קאָן מעגלעך זיין. איז אָבער מעגלעך, וואַרשיינלעך, אַז אַן אַמעריקאַנער יידישער טוריסט זאָל באַגערן צו פאַרבלייבן אין דעם שטעטל אָן יידן? „ווי מיינסטו, פרעגט ער זיין שאָטן, ווען ער קערט זיך אום אין האָטעל, מ׳וועט דערלויבן מיך צו בלייבן?... כ׳וועל טרייבן ספּלאָוועס... כ׳לעבן, כ׳האָב נישט פאַרגעסן."

פסיכאָלאָגיש פאַלש, נישט וואַרשיינלעך. אויך דאָס באַשרייבן דעם גלאַנץ פון דער אויפגעבויטער שטאָט אויפן אָרט פון די אַמאָליקע איינגעהויקערטע יידישע הייזקעס, די גליקלעכע יוגנט, איז אויפגעבלאָזן. אין אַלע אַנדערע דערציילונגען וואָס שילדערן די סאָוועטישע רעאַליטעט און דעם מענטש אין איר דערפילן מיר בחוש די נישט וואָרהאַפטיקייט. דאָס לעבן פון די יונגע יידישע ספּעצן פליסט גראָדליניק, געמיטלעך. נישטאָ קיין שום קאָנפליקטן, קיין שטרויכלונגען, נישט אין

זייערע טואונגען, אין זייער בויערישקייט,
נישט אין זייער פּערזענלעך לעבן. אַרצע־
פּאָזיטיווע העלדן.

כ׳וואָלט געוואָלט אויסמיידן צו באַרירן
דעם ענין סאָציאַליסטישער רעאַליזם. געוו־
ווען פּאַרן סאָוועטישן סאָציאַליסטישן רע־
אַליזם פּרוּוון צו ווייזן דאָס לעבן נישט
אַזוי ווי ס׳איז, נאָר ווי ס׳באַדאַרף צו זיין.
מ׳האָט אַמאָל געהאַט געפרעגט דער
באַרימטער פראַנצויזישער שרייבערין
דזשאָרדזש סאַנד ווו זי זעט, ווו זי נעמט
אַזעלכע אידעלע, כמעט הייליקע גע־
שטאַלטן פאַר אירע ביכער. דערויף האָט
זשאָרזש סאַנד געענטפערט מיט אַ פראַגע:
פּאַרוואָס זאָל איך באַשרייבן מענטשן אַזוי
ווי זיי זענען און נישט אַזוי ווי זיי דאַרפן
זיין? זשאָרזש סאַנד האָט אָבער נישט
אויסגעקרומט די רעאַליטעט, געמאָלן זי
אין די טונקלסטע פאַרבן. ווייזנדיק אין
אַ העלן ליכט אירע פאַרשוינען, האָט זי
באַגערט צו דערהייבן דעם מענטש טראָץ
זיינע שווערע באַדינגונגען.

* * * * *

ס׳האָט באַזונדערס געצויגן מיין אויפ־
מערקזאַם אין יוסף בורגס בוך די שיל־
דערונגען ווי עס בויען זיך די ווייטע מקו־
מות, שטעט ווי טשעליאַבינסק. אויך דער
אויפבוי פון סיביר ווערט דערמאָנט. אין
טשעליאַבינסק זענען פאַראַן פאַראייביק־
טע נעמען פון אַמאָליקע יידישע רעוואָ־
לוציאָנערן, וואָס די צאַרישע סאַטראַפּן
האָבן אומגעבראַכט. און דער מחבר פירט
אויס: „וואָס קאָן זיין מער פאַרברעכעריש
ווי אויסלעשן אומשולדיקע לעבן?...
וויפל לידער זענען פאַרבליבן נישט דער־
זונגענע, חתונות נישט געשפּילטע, קינ־
דער נישט געבוירענע?“...

טאַקע, וואָס קאָן זיין מער פאַרברעכע־
ריש? איז דאָך די רחבותדיקע סיבירישע
ערד פאַרזייט מיט אומשולדיקע מענטשן,
וועמענס לעבנס ס׳האָבן אויסגעלאָשן די
סאָוועטישע שקלאַפן־לאַגערן. אויך טשע־
ליאַבינסק, וואָס האָט זיך אַזוי גראַנדיעז
פונאַנדערגעבויט, געפינט זיך נישט ווייט
פון יענע מקומות, צווישן קאַראַגאַנ־
דאַנסקער סטעפּעס אין מערב־סיביר, וואָס
זענען באַשטעלט געווען מיט שקלאַפן־
לאַגערן, ווו מענטשלעכע לעבנס זענען
צעדריקט, אויסגעלאָשן געוואָרן. ביי אונדז
אין שטעטל האָט מען געזאָגט: אין אַ שטוב
פון אַ געהאָנגענעם זאָל מען נישט דער־
מאָנען קיין שטריק. און אפשר האָט מען
געדאַרפט לייענען צווישן די שורות?

כ׳האָב שמועסנדיק מיט אַ יידיש־סאָ־
וועטישן שרייבער, וועלכער לעבט היינט
אין ישראל, געפרעגט אים ווי ס׳איז מעג־
לעך, אַז אַזאַ טאַלאַנטירטער שרייבער ווי
יוסף בורג זאָל אַזוי שילדערן די רעאַלי־
טעט. „דאָס איז דער פּרייז וואָס מען מוז
באַצאָלן, אַז אַ בוך זאָל דערשיינען“, האָט
ער מיר פאַרזיכערט. נו, אויב דאָס איז
דער פּרייז, איז דאָס זייער אַ טייערער
פּרייז.

מיר זענען דאָך אין זכרון פאַרבליבן
די דערציילונגען און סקיצן, וואָס האָבן
נישט צו טאָן מיט דער סאָוועטישער רע־
אַליטעט. און די פאַרמאָגן אַ סך צויבער
און וואָרהאַפטיקייט. און דערפאַר רירן
זיי אָן די סטרונעס פון אונדזער האַרץ.


## שוין דערשינען אַ ניי בוך

פאַרשונגען און דערציילונגען

פון באַקאַנטן פאָרשער און שרייבער

### ד״ר יעקב י. מייטליס

# „פון ווייטן אַמאָל ביזן היינט“

אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „ישראל בוך“
תל־אביב, 1981

זלמן שלאָסער

# משה שקליאַרס לידער־בוך: „אין צווישן גרין"

דאָס איז דאָס צווייטע לידער־בוך וואָס דער טאַלאַנטירטער דיכטער משה שקליאַר האָט אַרויסגעגעבן זינט ער האָט פאַרלאָזט פוילן און געמאַכט לאָס אַנדזשעלעס פאַר זייַן נייע היימשטאָט. אין אַלגעמיין איז בייטן דאָס היימלאַנד אין די מיטעלע יאָרן אַ זייער שווערע איבערלעבונג אפילו אין נאָרמאַלע צייטן. סענסיטיווע דיכטערס איז דאָס אָפט גורם שווערע יאָרן פון רע־אָריענטאַציע, פאַרלוירנקייט און אומ־שעפערישקייט.

שוין אין זיינע יונגע יאָרן, ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט שקליאַר געמוזט אַנטלויפן קיין סיביר צו ראַטעווען זיין לעבן. שפּעטער, ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט נאָכן פאַרלוסט פון מיליאָנען מענטשן, און אַ נייע האָפענונג האָט אויפגעשיינט פאַר די לעבן־געבליבענע זיך צוריקציען צו די פאַרוויסטע אַלטע היימען, האָבן טייל יידן פאַרגעסנדיק דעם איינגעוואָרצלטן אומגלייבלעכן אַנטיסעמיטיזם פון די פּאָליאַקן גענומען טראַכטן וועגן צוריק אויפלעבן די אַלטע היימען און דאָס אַלטע יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן. העלפן בויען דעם סאָציאַליזם אין פוילן! — האָט דאָס געהייסן. פאַרבלענדט פון דער גרויסער אידעע, האָבן טייל יידן טאַקע געגלייבט אין אַזאַ מעגלעכקייט און זיך צוריקגעקערט אין זייער היימלאַנד. און דער דיכטער משה שקליאַר צווישן זיי.

אמת, אין געטאָ איז ער נישט געווען. אין די פייערן פון אוישוויץ נישט געווען און מיט די פאַרטיזאַנען אין די וועלדער אויך נישט געלעבט. דאָך די מלחמה־שרעק, די אַרבעט אין די שטאָל־פאַבריקן פון סיביר און נאָך דעם די צוריק וואַנדערונגען זיינען געווען גאַנץ שטאַרקע איבערלעבונגען. זיין שרעק מען זאָל אים ניט לאָזן אַליין דערקענט מען נאָך היינט צווישן די שורות פון זיינע לידער. זיין אידעלער טאָן פון איבערגעגעבנקייט און דאַנקבאַרקייט צו עמיצן וואָס האָט אים צוגעטוליעט ווי אַ קינד קלינגט נאָך היינט אָפּ אין זיינע לידער.

פינף לידער־ביכער האָט ער אין באַנייטן פוילן אַרויסגעגעבן, געוועקט און געמונטערט צו אַ נייַ לעבן, ווי ער זינגט ערגעץ:

„ווער געזיגט האָט און ווער פאַרלוירן
לאָמיר איצט נישט שטרייטן, בעסער
שטומען —
אַלע זענען מיר אויף ס'ניי געבוירן,
רעשטלעך פון אַן אומגעבראַכטער אומה.

— — — — — — — — — — — —

און מיר גייען ווידער ימען שפּאַלטן —
מיר, די קינדער פון דעם פאָלק דעם
אַלטן —
רעשטלעך פון אַן אומגעבראַכטער אומה."

אָבער אין דעם נאָך־מלחמהדיקן פוילן האָט מען קיין ימען נישט געשפּאָלטן. נאָר אַנטלויפן פון דאָרט האָבן זיי געמוזט.

ווי אַזוי זיי זיינען געלאָפן דערציילט אונדז משה שקליאַר אין אַ לענגערער נאַראַטיווער פּאָעמע: „אַזוי זיינען יידן געגאַנגען פון פוילן."

די מעשה פון טרייבן יידן איז אַן אַלטע. יציאַת מצרים איז טאַקע געווען דאָס ערשטע אָבער נישט דאָס איינציק לאַנד פון וואַנען יידן האָבן געמוזט אַנטלויפן. אויף 37 זייטן דערציילט אונדז דער דיכטער דעם טראַגיש־העלדישן עפּאָס פון דער צווייטער פאַרטרייבונג אָדער אויסראָטונג פון די רעשטלעך פאַרבליבענע אָדער צוריקגעקומענע קאָמוניסטישע „קאַמעראַדן" וואָס האָבן געמיינט אַז זיי וועלן זיך איינלעבן מיט זייערע פוילישע פאַרטיי חברים.

„אַזוי זיינען יידן געגאַנגען פון פוילן—
פאַרלאָשענע בליקן און הערצער ווי
קוילן . . .

צווישן די פאַרטריבענע זענען געווען יידן וואָס האָבן שוין איין מאָל איבערגעלעבט די געטאָ און די פייערן פון אוישוויץ; און אויך אַזוינע וואָס האָבן פאַרלוירן זייער יידישן געוויסן און זיך פאַרפאַנצערט מיט פרעמדע נעמען און פרעמדע הויטן

און איצט געוואָגלט צוזאַמען מיט דער גאַנצער עדה, און געווען צווישן זיי אויך יענע וואָס האָבן זיך געהאַט פאַרמאָסטן אויף ס׳ניי צו „באַלעבן די פאַרלאָשענע קברים, צוזאַמענצונעמען די טליענדיקע אַשן אוך די שטערבלעכע ווונדן צו פאַרוואַשן.״

צו מאַכן די שילדערונג רעאַליסטישער באַנוצט זיך דער דיכטער מיט עטלעכע סימבאָלישע נעמען פון יחידים וואָס זיינען געווען אַקטיווע קאָמוניסטן אין פוילן נאָך פאַר דער מלחמה און נאָך דעם צוריקגעקומען און זיך ווידער באַטייליקט אין דער פאַרטיי אַרבעט ווי געטרייע קאָמוניסטן. פרעגט אַ פאָליאַק — אויף איינע פון די פאַרטיי פאַרזאַמלונגען — דעם אמתן נאָמען און אָפּשטאַם פון „חבר קאָוואַלסקי״:

„עס האָט אינעם זאַל ווי אַ לאַווע
צעהיצט זיך דער עולם — יאָ, זאָל ער זאָגן
דער ציוניסט וואָס שלעפּט נאָך זיך
דעם וואָגן
פון אונדזער פאַרטיי מיט אַ פּנים אַ
פאַרשטעלטן,
וועלכער ער קלייבט זיך צו דינען די
וועלטן.״

און עס ווערן דאָ געשילדערט נאָך אַנדערע סיטואַציעס און העלדן מיט געפיל און פאַרשטענדעניש וואָס גיבן אונדז אַ שטיקל אַריינבליק אין דער נשמה פון יידישע קאָמוניסטן אין פוילן און די באַציונג צו זיי פון זייערע פוילישע קאָמעראַדן.

אָבער דעם באמת קינסטלערישן אויפטו וואָס מיר האָבן דאָ דערוואַרט פון דעם דיכטער משה שקליאַר דערפילט מען ערשט אין די באַזונדערע לידער וואָס שטעלן צוזאַמען דאָס בוך און וואָס טיילט אָפּ דעם דיכטער פון זיינע פריערדיקע לידער. שקליאַרס איצטיקע לידער זיינען עכט און טיף דורכגעלעבטע. הגם טיילמאָל דאַכט זיך אַז די טעמאַטיק איז אומעטום די זעלבע — דער אומעט פון דער חורבן־טעמאַטיק — דאָך איז דאָס נישט די זעלביקע. מען פילט אַז די ווונדן פון חורבן זיינען נאָך נישט פאַרהיילט, די שאָטנס גייען אים נאָך:

„אין וואַרשעווער געטאָ בין איך נישט
געשטאָרבן,
פאַרצוקט האָט מיך נישט פון
טרעבלינקע דער שייטער.
גיי איך אַרום — אַ פאַרוואונדעטער קרבן
און שאָטן פון טויט אָן אַן אויפהער
באַגלייט מיך.״

דער שאָטן פון טויט וואָס באַגלייט אים פאַרשטעלט נישט די בילדלעכע קלאָרקייט און די שפּראַכלעכע פּשטות פון זיינע לידער. נעמען מיר די ערשטע עטלעכע לידער פון דער אָפּטיילונג „אין קרייז פון דיין ליכט״, דאָס ליד אָן אַ וואָרט:

„אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן
מיטן בליק
— — — — — — — —

ווי לאַנג וועלן מיר נאָך גיין, מיין ליבע,
אונדזער גאַנג
צו דעם בלוי וואָס ווייט איז
אָן אַן ענד
מיט זיין בלענד
צו דעם ליכט וואָס אַלץ נאָך גרייט איז
אין די הערצער אונדז צעצינדן
יענע פרייד
וואָס קאָן היילן אַלע ווונדן
פון דער צייט.
ס׳האָט די צייט אונדז פאַר די יאָרן
נישט געשפּאָרט,
ציילן מיר איצט יעדן דאָרן
אָן אַ וואָרט.״

דאָס ליד איז פול מיט צער און צימצומדיק אין שפּראַך. עס פאַרמאָגט אויך דעם מינימום פאַרהוילנקייט און סוד וואָס איז נייטיק פאַר פּאָעטישער שפּאַנונג. „אין צווישן גרין זיינען די לידער כמעט פריי פון דעם אומעט און טרויער, פון דער גרויער שרעק אָדער פון אַזעלכע שורות ווי אין זיין פריערדיק בוך: „אין דמיון פאַרזיגלט״ —

„איך טראָג נאָך אַלץ אַרום דעם טויט
אין מיינע אויגן.״

אָנשטאָט דעם טרייסט ער זיך: „עס קאָן דאָך אויכעט אין פאַרגייען זיין אַ טרייסט״ און אַז „עפּעס וועט אַלע מאָל זיין מיר

רבקה קאָפּע / פּאַריז

# די משלים פון דיכטער יצחק גאַלדקאָרן

דאָס ערשטע בוך „משלים" דערשינען אין 1975, האָב איך באַקומען — נאָך די צוויי שפּעטער־דערשינענע ביכער: „דער פאַרכישופטער יאַריד" און אַ קליין בוך עפּיגראַמען מיטן גוט געפּאַסטן אונטערטיטל „קורץ און שאַרף". — כראָנאָלאָגיש מיינט דאָס אין אַ פאַרקערטן סדר. דער צוזאָג „קורץ און שאַרף" איז טאַקע אָרגאַניש גוט פאַרשלייפט מיט די קורצע שניצלעך דיכטונג.

ווען מיר זאָלן צעגלידערן משלים, וואָס שאַפן די אַנימאַציע פון קאָנפליקט צווישן אָביעקטן ווי צ״ב: „די נאָדל, דער פאָדעם און די סחורה (ז׳ 8), זעען מיר סוף־כל־סוף, ווי יעדער האַלט זיין טענה פאַר אַן אמת און ציט אַריין דעם לייענער אין דעם דיספּוט און אין דעם: מאַי קאַ מַשמע לן דער מחבר? איז דער ענטפער, אַז דער שׂכל פון קינסטלער מוז אומעטום זיין דער מעדיום און אויסגלייכן די נוצן פון די אָביעקטן, און מיר גלייבן אין דער חכמה פאַרשטעלט", אָדער „אַז איך וועל שוין אַנטלויפן פון זיך—וווהין וועל איך גיין? צי וועל איך נישט מיט דעם פרעמדן געזיכט בלייבן אַליין?" אָדער, „איך גיי אָן אויפהער צום פאַרגיין אָן טרויער, אָן געוויין. אויף דער פאַרגאַנג ביז אונטערגאַנג איז בלויז געזאַנג."

די אייביקע מאָטיוון פון טרויער, פון אַליינקייט, פון פאַרגיין, פון פּעסימיזם, זיינען די הויפּט עלעמענטן פון זיין פּאָעזיע. מען פילט אַז נאָך די אַלע חורבנות נאָך אַלע עטאַפּן וואָס דער דיכטער האָט דורכגעמאַכט איז ער געקומען צו אַ נייעם פּונקט אויף זיין פּאָעטישן וועג. זיינע לירישע לידער זיינען יחידיש פּאַרטיפּט מאָטיוון זיינען דאָ מער געלייטערט און שטיל, מיט צימצום. אפילו זיינע לידער אויף נאַציאָנאַלע אָדער סאָציאַלע מאָטיוון זיינען דאָ מער געלייטערט און עמאָציאָנעל קאָנטראָלירט. מיט זיינע לידער האָט שקליאַר זיך געשאַפן אַ נאָמען פון אַן אייגנאַרטיקן און סענסיטיוון פּאָעט. וואָס איבערצייגט. אַ קליינע מאָס געזאָגטע פּאָעזיע שאַפט ביי אונדז אַ פאַרגלייך צו פּאַרטיי־רעפלעקסיעס, ווו יעדער גרופּע האָט זיך זיין „אמת", ווען זייער לשון קען נאָר באַגרינדן דאָס געזאָגטע; איז דען נישט דאָס איבערצייגן, די סטיכיע, דער נאַטירלעכער לעבנס־אינסטינקט צו געווינען דעם פאַרמעסט?

ווען דעם מענטשנס דויער אויף דער וועלט וואָלט געווען אין אַזאַ מאָס ווי פון אונדזערע תנכישע פּאַטריאַרכן, צי וואָלט דען די מענטשהייט געווען אַן אַנדערע ווי זי איז — טראָץ די אַלע זשאַנערן פון אייד־דעלער לערע אין דער קונסט?

דער מענטש וויל הערשן און נישט זיין באַהערשט. ער באַזיצט קינאה און גאווה — און אויב נאָך מיטן צולאָג פון אַן אומגעצוימטן ווילן צו הערשן, קאָן פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע מענטש אַרויסוואַקסן אַ וועלט־מערדער! קיין שום פילאָסאָפיעס קענען נישט באַשאַפן דעם אידעאַלן מענטש. ווי שוין געזאָגט, איז דאָך דעם מענטשנס לעבן צו קורץ — צו האָבן צייט זיך צו רייניקן פון זיינע חסרונות־דערפאַרונגען, איז אפשר טאַקע דעריבער געוועלטיקן זיי איבער אים.

הינטער אַלע מאַסקעס פון משל מוז שטיין דער מענטש — נישט ווי אַ פיגוראַנט, נייערט ממשותדיק אויסשפּילן זיין ראָלע. אויב עמעץ האָט טענות צום צווייטן און שטעלט דאָס אַרויס קינסטלעריש דער וועלט, קאָן מען, דאַכט מיר, דערפון אַרויסדרינגען די אויטאָ־קריטיק. דער פּראָזשעקטאָר איז טאַקע אָנגעשטעלט אויף אַ צענטראַלן פּונקט, אָבער פון דעם ליכט פאַלט אַ זייטיקע שיין אויפן בעל־דבר, וואָס ווייזט אָן אויפן מחבר אויך, אַז ער אַליין מוז זיין דער בולטער ביישפּיל און נישט בלויז דער מוסר־זאָגער... אָבער קינסטלער מוזן טאָן דאָס זייעריקע; וואַרפן דעם קערן, די אידעע, אַז די מאָראַל זאָל אַ בליץ טאָן!

* * * * *

ס'איז מיר אויסגעקומען צו שמועסן
וועגן משלים מיט אַ שרייבער, דווקא אַ
געלערנטן, האָט ער פּלעגמאַטיש אַ זאָג
געטאָן: וואָס קאָן שוין אונדז מער איבער־
ראַשן נאָך עזאָפּן? איז דער ענטפער דע־
רויף, אַז מען מוז נישט זיין פיזיש פאַר־
קריפּלט כדי צו פּרווון דורך שאַפן קונסט
אויסצוגלייכן די וועלט! אַז מען ווייל קאָן
מען דאָך אַרויפקוקן צו אונדזער תנ"ך,
וואָס פאַרמאָגט אַן אוניווערסאַלע דימענ־
סיע מיט אַלדאָס גוטס און אַלדאָס מענטש־
לעכע, געמיינט אויך נעגאַטיווע זייטן און
איז פילפאַרמיק אויסגעדרוקט; „משלי
שלמה" איז אַ גאַנץ גוטער ביישפּיל. דער
אונטערשייד איז, וואָס אין תנ"ך טראָגט
דער משל אַריין אַ דידאַקטישן כאַראַק־
טער, וואָס איז אַ דירעקטע ווענדונג צום
מענטש.

איך דער שטעטלדיקער בעל־דרשן אין
בית מדרש, וואָס האָט גערעדט מיט מוסר
און שטראָפריד צום עולם, איז די לעקציע
געוואָרן אָנציענדיק און אנגענעם, ווייל
זי איז געווען באַגלייט מיט אַ פאַנטאַסטיש
מעשהלע פון וועלכע ס'זענען געבליבן
שפּריכווערטלעך, סענטענצן, וואָס אַנט־
האַלטן די פּתגמי חז"ל. אַ קליינער ביי־
שפּיל: „לא המדרש העיקר אלא המעשה."
דער ציל איז געווען אין פאַרבליבן די
מאָראַל, וואָס מוז זיין באַוווירצט מיט אַ
דערציילער־חכמה. דער מאָדערנער משל
איז געשאַפן מיט מער רמזים און נעמט
אַריין דעם מענטשנס געשאַפענע קולטור־
אָביעקטן אין וועלכע ס'ליגט די צונג פון
מחבר צום דיאַלאָג, אַזוי אויך צום באַשאַף
פון דער וועגעטאַרער וועלט.

דער גענויאַלער פאַבוליסט, אליעזר
שטיינבאַרג ע"ה, צו וועמענס 100 יעריקן
געבוירן־טאָג מען האָט צוגעטראָגן אַזאַ
שלל מיט מאמרים, רעפעראַטן און זיכרו־
נות, וואָס האָבן אויפגעשאַלט צו זיין לויב
ווי אַ שופר איבער דער יידישער וועלט
אין אים מחיה מתים געווען, איז אַ באַווייז
אַז מען האָט אים קיין מאָל נישט פאַר־
געסן, ווייל ער האָט זוכה געווען און אויך
געהאַט די ווערט דערצו, מען זאָל אים
אַרויספירן פון זיינע ביכער אויף יידישע
בינעס. צי מעג מען דעריבער טראַכטן,
אַז קיין אַנדער דיכטער קאָן שוין קיין
נייעס נישט אַריינברענגען? מיט דער
גאַנצער זיכערקייט דאַרף מען שטעלן אַ
גרויסן יאָ! סיי אין קינסטלערישן אויס־
מעסט פון אַן אָריגינעלן איינפאַל, גראַם
און שפּראַך־דערפינדערישקייט. אין פאַריז
האָבן מיר דאָך דעם דיכטער משה שול־
שטיין, וואָס האָט צו זיין ווערטיק און
שפּעדיקן טייל פון פאָעזיע אויך צוגע־
טראָגן דאָס שיינע משלים־בוך „גאָלד און
פייער". קאָן מען דאָך נאָך צושטעלן זיי־
ער בכבודיקע נעמען, וואָס האָבן באַריי־
כערט אין דעם זשאַנער אונדזער יידיש־
אוצר פון דער שיינער ליטעראַטור!

פאַראַן קריטיקערס וואָס קאָנען פון אַ
גאָלדגרוב אַרויסקאָפּען דווקא שטיקלעך
פּראָסטן מעטאַל (פאַרשטענדלעך אַז ס'זאָל
פּאַסן פאַר דעם געהויבענעם טיטל, וואָס
זיי טראָגן). די קריטיק איבער אַ ווערק,
וואָס איז נישט גענוג מענטשלעך אויסגע־
וואַרעמט, צילט צו אַנטמוטיקן דעם שאַ־
פערישן מענטש; אָבער דאָס איז אַ מין
טעסט צו דעטערמינירן דעם כוח פון
אמתן קינסטלער, וואָס די קריטיק דער־
גרייכט נישט אַלע מאָל צו אַנטמוטיקן,
ווייל דער אָנגעגרייפטער קאָן ענטפערן
מיט אַ ניי ווערק — און דערפון שאַפט זיך
ביי מיר די אַסאָסיאַציע מיטן סקולפּטאָר
ראָדאַנס זאָג: „דער קינסטלער מוז געבן
די אינטענסיווקייט פון זיין כאַראַקטער—
אין דאָס קאָן זיך אויך באַציען אינעם
ברייטן זין מענטשלעכן זשעני!

דער משל איז אַ גרויסער יחסן און מוז
זיין געבויט אויף דער סאַמע ברייטסטער
אַנימאַציע פון מענטש, בעל־חי און אָב־
יעקט, און אויף דער באַזע און אידעען־
ווייזיע פון אידעאַליזם צום געלייטערטן,
שיינער און גלייכצייטיק מיט מוסר־רייד
צום בעל־גאווה און שלעכטן.

ווען מיר איצט געבן אַ געלעגנהייט
אַריינצוקוקן אין די לידער־משלים פון
יצחק גאָלדקאָרן—און דאָס איז אויך נישט
אַזוי לייכט, ווייל אין יעדן משל פון דיכ־
טער איז פאַראַן אַ וועלט מיט שיינקייט!
אָפּדעקן אַן אידעע איז די ערשטע קריטע־
ריע פון קאָמפּעטענץ. איז ווי אַזוי באַ־
גרענעצט מען זיך מיט מוסטערן, אַז ס'זאָל
נישט אַרויסקומען מינער־מוסטערדיק?...

מיר, דער עלטערער דור, זענען ווי די
„צוויי באַרג־קלעטערערס" פון יצחק
גאָלדקאָרן. דער וואָס קלעטערט צום

באַרגשפּיץ מיט ענטוזיאַזם, וואָרט אויף אים אַ וועלט־פּאַנאָראַמע, איז ער פול מיט לעבנסשוווּנג; אָבער דער וואָס נידערט פון די הייכן אַראָפּ אין טאָל, איז שוין זיין פרייד אויסגעברענט...

„דער קלעטערער, וואָס איז געגאַנגען
צוריק,
האָט געהאַט אַ פינצטערן, פינלעכן
בליק,
און כאָטש ס'איז לייכט דער באַרג אַראָפּ
איז טרויעריק געזונקען זיין קאָפּ."

און דער מחבר פאַרענדיקט מיט די קו־מענדיקע שורות:

„ס'איז נישט קיין חידוש —
דו ביסט פריילעך, מונטער:
דו שטייגסט אַרויף,
נישט באַרג אַרונטער." (ז' 30).

דער נמשל איז דער לייטער פון אַרויף און אַראָפּ פון מענטשנס גאַנג איבער דער וועלט. איך מיש צוריק צו זייט 24: „דער אַנטיקן־פאַבריקאַנט" (פון דעם בוך „משלים"):

„איינער אַ מייסטער אין בלאָפן,
האָט נעבעך נישט געטראָפן
מיט זיינע פאַרשידענע טריקן —
איז ער געוואָרן אַ פאַבריקאַנט פון
אַנטיקן."

שפּעטער פאָלגן נאָך מוסטערן פון זיין פאַבריקאַציע. מיר קומען אַזש פון „בבל" צו „קונסט באָוול". דאָס פאַרפאָרן אין גראַמען „שפּיזן פון בבל" מיט „קונסט־באָוול", שטעלט דער קינסטלער אַרויס אין זיין אייגן שויפענצטער ווי אמתע אַנטיקלעך פון זיין אייגנטימלעכן און ריי־צנדיקן וואָרט־באַשאַף. אין די סוף־פערזן קומט אַנטקעגן די עכטקייט פון דער אי־דעע אויף דער באַזע אויף וואָס דער משל איז אויפגעבויט:

„דער גרינשפּאָן איז געמאַכט מיט
עסיק־זויערן —
די אַלטקייט־שמינקע איז ניט פון
דויערן..."
. . . . . . . . .

„טייל פאַבריצירן אויך פאַלשן גרינשפּאָן
(פּאַטינע)
פון דעם אויטענטישן מוזעאָן,
און ס'ווייסט בלויז אַ געניט אויער:
די פסעוודאָ־קונסט האָט נישט קיין
דויער."

און אַ צווייטער שטאָך: „דער רויטער און גרינער עפּל". דאָס רויטע עפּעלע גרויסט זיך מיט איר זון־געפאַרבטע בעקלעך און חוזקט פון גרינעם עפּל:

„אָט איז אויסערלעכקייט פון בעקעלעך
ראָזע
אַ מאַסקע פאַר אַ נפש — טייוולאָניש
שוואַרץ;
אָבער הינטער פּראָסטער עכטקייט, אָן
פּאָזע,
קאָן אַ מאָל זוניקן אַ שיין, גאָלדן האַרץ"

די משלים־מעשהלעך אין גראַמען זע־נען נישט נאָר פאַרווײַלנדיק, נייערט קלוג און אויספירנדיק און ס'וועט אַוודאי נישט זיין קיין אַנטדעקונג, אַז דאָס איז אַך אויס־געצייכנטער פּעדאַדאַגישער מאַטעריאַל פאַר אַ הויכשול. אַזוי לאַנג ווי כ'האָב געהאַלטן אין לייענען די ביכער פון יצחק גאָלדקאָרן, האָב איך נישט אויפגעהערט שמייכלען. ער פאַרבלעפט מיט זיינע הו־מאָריטלעך און בליציקע סאַטירותן...(מען וועט מיר מוחל זיין וואָס די דאָזיקע באַ־צייכענונגען פון הומאָריטלעך און סאַטי־רותן האָב איך שוין אַ מאָל געהאַט באַ־נוצט. דאָס מאָל זענען זיי שוין מיין צוויי־טע אויפלאַגע...)

דער דיכטער גראָבט אַרויס פון אָן ער־געץ פון זיין שכל, עפּעס אַ ווילדן צוזאַ־מענשטעל פון אַ נאָמען — אָן אַנאָני־מען און שאַפט פאַר אים אַ טיטל־נאָמען: „דער אוירל אָ' מאָן". ער גרימירט אים מיט חוזק אין דער לענג און אין דער ברייט, ביז דער מחבר טראָגט אים אַנט־קעגן דעם אַדל־טיטל: „גראַף־אָ־מאָן".

אין פרינציפּ מוז דער דיכטער אין משל געפינען אַ זכות פאַר דעם באַליידיקטן און אנגעגרייפטן. אָבער נאָר נאָך דעם וואָרט־מאַטש פון אָן אימאַזשינירטן דיאַ־לאָג, דאַן קוקט אַרויס דער ליכטיקער רמז פון דיכטערס מיין. אַזוי זען מיר דאָס אויך אין „די אַלבאַטראָסן", וואָס די מאַט־ראָסן אין דער נידער לאַכן אויס:

„וואָס פאַר אַ ווערט
האָט גאַנג אויף ערד?
ס'איז בלויז דאָ אַ דערגרייכן
אין פלי אין די הייכן."

ביים פאַבוליסט שפּילן די שענסטע ראָלעס די דימענסיע פון זאַכן און באַשעפעניש; וואָס שאַרפער דער קאָנטראַסט, אַלץ ווירקענדיקער די פאַבולע. לאָמיר נעמען צו עדות פון חכמה און שיינקייט דעם משל: „די פלוי און דער לייב". ווען דאָס בלוט־זויגערישע, פּיצינקע באַשעפענישל טענהט און רייצט זיך מיטן קעניג לייב, בעת זי זויפט זיין בלוט:

„קעגן מיר ביסטו אַ הילפלאָזער פאַרשוין,
פאַר מיר איז אַ יאַגדפלאַץ דיין פעל."

אין דער צווייטער שורהלע ווייזט זיך פאַר אונדזער אויג די וויזיע־פּאַנאָראַמע פון אַ יאַגדפלאַץ. אַוודאי פאַרמאָגט אויך דער לייב זיין לייבן־חלק פון צעטרעטן מיט זיין לשון דעם אינסעקט און צווישן אַנדערע שלאָגרייד פאַרענדיקט דער דיכטער מיט אַזאַ דרשה:

„די מיאוסקייט האָט אַ פאַנצער —
איר געמיינקייט
און איר שוצקאַסע איז —
גראַד איר קליינקייט.
און דער לייב, וואָס וואָלט געקענט
אַן אינסעקט
אויף אַ דועל, וואָלט אויף אייביק
זיך פאַרפלעקט."

ווידער אַן ענלעכער קאָנטראַסט: „די פלוי און דער הונט" (זייט 110):

„דער הונט האָט געזאָגט דער פלוי:
ביסט אַן עוף,
אָבער פו גאָר אַ באַזונדערן שטאָף."

אגב שפּילט די פלוי נאָך אַנדערע ראָלעס אינעם משל, וואָס ווירקט פּאַראַדאָקסאַל מיטן שטויס פון געלעכטער, צוליב די קליינקייט און גרויסקייט פון צוויי באַשעפענישן.

* * * * *

זייער אָפט איז דער אינטעלעקטואַלער אַ צווייפלער אין דער פּערפעקטקייט פון זיין באַשאַף — נאָך דעם ווען ס'קומט ענדלעך די זיכערקייט אין זיך, איז דאָך ערשט דער מחבר אויסגעשטעלט אויף דער קריטיק און יעדער מיט זיין געשמאַק

... צי קאָן דעריבער די שרייבערין וועגן יצחק גאָלדקאָרנס קונסט־שיינקייט זיין זיכער מיט די ציטאַטעס? מוז מען דעריבער אונטערשטרייכן אָן צווייפל, אַז דער מחבר דערגייט צו שלימות, ווייל זיין משל און עפּיגראַם רעדן צו אונדזער געמיט און באַרייכערן אונדז.

* * * * *

„דער פאַרכישופטער יאַריד" רופט דער מחבר אָן נייע משלים. ווען כ'האָב געשריבן וועגן זיין לעצטן בוך „עפּיגראַמען" האָב איך צוגעזאָגט קומען צו זיינע פון פריער געשאַפענע משלים־ביכער. יצחק גאָלדקאָרן איז אַן אינטעלעקט מיט אַ ברייטן חוש פאַר קריטיק, סיי אין פאָנ־עם פון משל און — קליין צוגעשניטן פראַגמענטל און פאָעטישע פראַזע אינעם עפּיגראַם.ביידע מינים דינען דעם דיכטער זיך צו פאַרשטעקן אונטער אַלע זיבן הויטן פון זיין וואָרט־געפעכט; ער הייבט בלויז אויף די פאָרהאַנג פונעם וועלט־צירק, זע: דער חכם איז נישט קיין גאַנצער חכם — און דער שטאַרקסטער קאָן גאָר ווערן דריי מאָל גאָרנישט... לידער־קונסט איז אַ הויכע מדרגה פון שפּראַך־קענטשאַפט; דער משל איז נאָך אַ פּלוט פון דעם פאַרווײלונגס־שטאָף און גענוס.

אַ בוך דאַרף נישט נוצן אויף אַ צייט־פאַרטרייב. די צייט טרייבט שוין אַליין דאָס בוך און פיטערט זיך מיט אונדזער לעבן.

איז דען נישט דער משל און עפּיגראַם דער צווילינג פון די שענסטע פאָרמען פון אָפּלאַכן, אַרויסשטעלן אַ צונג דעם אַנאָנים?! מיר קאָנען דאָס אַריינגעמען אין דער משפּחה פון דעם קאַריקאַטוריסטס ליניעס, ווי אַ שוועסטער־קונסט. — דו דערקענסט זיך, האַ? טאַקע דיך מיין איך!

אין דעם מעדאַלירטן פונעם פאַבל „אַמו טאַבו", דערקענען מיר דעם נפש אין די צוגעקליבענע צוויי־טראַפּיקע נעמען; מען זעט אין מאַסקע דעם „אוראַנג־אוטאַנג", אַמין דאַדאַ, וואָס איז אַרויסגעשטעלט פאַרן לייענער, ווי אַ העסלעכער פאַרשוין, וואָס רופט אַרויס עקל, טרויער — און גלייכצייטיק די העראָישע אַקציע פון ישראלדיקן פאַרטיידיקונגס־כוח.

* * * * *

„דער פאַרכישופטער יאַריד" איז גע־
ווידמעט אַ יונגער שיינהייט, דעם דיכ־
טערס אַ פּלימעניצע. „די אויסגעריסענע
רויז" איז אַ הספר־ליד, וואָס זינגט זיך
אויס און קלינגט זיך אויס גלייכצייטיק
אין אַ משל; דאָס איז אַ טיף־רירנדיקער
באַגלייט מאָנומענט צו דעם בילד פון אַ
צעשמייכלטער שיינהייט פון אַ 19־יעריקע
מיידל־בלום, וואָס איז ווי להכעיס אָפּגע־
שניטן געוואָרן פון דער אַליגאָרישער
קאָסע...

צו דעם זשאַנער פון פאַבל מוז דער
קינסטלער פאַרמאָגן שאַרף־געשליפענע
חושים — און זיין פען אינפעט טאַקע
אַריין די דאָזיקע חושים אין דעם בעל־חי,
אין דער וועגעטאַרער וועלט און אין אַלע
טויטע אָביעקטן, וואָס די מענטשלעכע
קולטור קען אויסאַרבעטן פאַרן פראַק־
טישן באַנוץ. אויב דער קינסטלער מאַג־
נעטיזירט דעם אינטערעס צו זיי, האָבן
מיר דאָ אויך פאַר זיך אַ גראַמען־קענער
פון אַ הויכער מדרגה. מיר זעען נישט
בלויז די בייטש פון מוסר־זאָגער, נייערט
מיר הערן אויך דעם פייף ווען זי טוט אַ
פאָכע... (זען אויף זייטן 14־15): „דער
יישובניק און דער לערנער", „די וואַזע
און דאָס גלאָז". לייענען מיר דעם פאַר־
טיידיקונגס־דיאַלאָג און מען קוויקט זיך.

דער פאַבוליסט שפילט מיט דער קוואַ־
ליפיקאַציע פון דעם היפערבאָלישן אויס־
דרוק און פאַרקערפערט אין זיין באַשאַף
דעם גאַנצן ספעקטאַקל פון די באַהאַנדל־
טע טעמעס. דאָס מיינט: רעזשיסער, ראָ־
לעס־פאַרטיילער, סניגור, קטיגור, און ציט
אונטער דעם חשבון מיט דער מאָראַל.
דאָס אַלץ ברענגט אונדז די אילוזיע פון
אַ באַלעבטע צירק־אַרענע... הגם דער
משל ווערט געפירט אין אַ פאַרקערטער
ריכטונג. ד"ה, מען לאַכט אויס דעם
שטאַרקן און ס'ווערט פון אים אַ נעבעכל...
אָבער אין תוך געגומען קומען זיי זיך
צונויף ווי צוויי בריקן־ליניעס און באַ־
קומען אַן ענגן צווישן־שייכות.

פאַראַן אַ פראַנצויזיש שפריכוואָרט —
שטענדיק פאַרלאַנגט ס'לעבן אַ קלענערן
פון זיך, ווייל יעדע שאַפונג ברענגט דאָך
זיי נוצן. ס'גייט נישט אינעם פאַראַדירן
מיט דער שיינקייט פון דער אַריסטאָקראַ־
טישער וואַזע, דער בליציקער סוף פון
משל וואַרפט טאַקע אָפּ דעם „פּוסטאָ־
קראַטס" דרשה פון מערווערט פון אַ טרונק
גלאָז און ס'באַקומט זיך אין דמיון פון
לייענער אַ שיין־געגראַמט זיווג־פאָרל:
„פוסטאָקראַט" מיט „אַריסטאָקראַט". פאַ־
ראַן ביים מחבר אַ זעלטענע עלאַסטיש־
קייט אין זיין גראַמשפּראַך, וואָס באַריי־
כערט און באַפּעלקערט מיט פיל נעאָ־
לאָגיזמען. אָט אַזעלכע פאַרקנאַסונגען:

„ווי באַוווסט, אַ מאַלפּע
איז נישט קיין גרויסער קל־פה."

אָט קומט מיר אַנטקעגן: „דער באָטאַ־
ניקער און די פלאַנצן" פון דעם בוך:
„דער פאַרכישופטער יאַריד". דאָ פאַלט
די קריטיק ווי אַ רוט אויפן באָטאַניקער...
מעג דער לייענער נישט זיין מסכים מיטן
אויספיר פון משל, איז עס אָבער אַ נחת־
דיקע איבערלעבונג פון פאָעזיע, חכמה
און מאָראַל — איז אפשר גאָר דערפאַר
לוינט זיך אַ רעד צו טאָן דערפון.

איך האָב אַ מאָל געהערט רעדן אין אַן
אַדמיניסטראַציע (וואַרטנדיק אויף מיין
ריי): אַ באָטאַניקער אויך אַ וויסנשאַפט־
לער, ספעציאַליזירט אין דעם שוואָמען־
געוווקס. דער מענטש איז געווען אַזוי
פאַרליבט אין זיין קענטעניש און אין די
מינים און פאָרמען פון שוואָם און אויס־
גערעכנט די נעמען, די קלימאַטישע אייגנ־
שאַפט, ווו דאָס שוועמל געפעלט זיך, אַז
ער האָט פאַראינטערעסירט איניקע צו־
הערערס. איך אַליין בין דווקא געווען
באַגייסטערט פון זיינע רייד, וואָס האָבן
זיך געשיט פון זיין צונג מיט עקזאַלטאַ־
ציע; כ'האָב געשטוינט ווען ער האָט גע־
רעדט מיט אַזאַ באַהאַוונטקייט און ברען,
אַז כ'האָב מורא באַקומען, אַז ער זאָל
נישט אַריבער צום פיגוראַטיוון שוואָם־
אַטאָם... כ'בין דעמאָלט אַוועק מיט אַ באַ־
וווּנדערנדיקע הנאה — נישט אַנענדיק אַז
כ'וועל אַ מאָל דעם מאָמענט צוריקרופן
און אַריינפירן אין דעם אַרטיקל יענע
איבערלעבונג...

יצחק גאָלדקאָרן מאַכט אַ תל פון באָטאַ־
ניקער, פון זיין אָפּהאַנדלונג, וויפל יעדער
צווייג פון יעדן בוים האָט בלעטער און
וועלכע פייגל און וועווריקלעך אין אים

נעסטן... דאַקעגן האָט דער שרייבער פֿאַר זיך אַ גן־עדן־וויזיע מיט גלאַנץ, קאָליר און ריח פֿון בלומען, וואָס דערגייען דירעקט צום אויג. קאָן מען דאָך אויך טייטשן אַנדערש, אַז יעדער קאָן זיין אַן ענטוזיאַסט אויף זיין געביט פֿאַר דעם, אויף וועלכן זיינע פֿעאיקייטן אַנטשיידן זיך צום בעסטן. די סענסיביליטעט פֿון מענטש האָט זיך זיינע וועגן און יעדער לעבט אין זיין אוניווערס, וואָס קיניגט אין אים. דער דיכטער זעט בלומען, פֿלאַנצן, וואָס האָבן אויך זייערע פֿאַרשיידנאַרטיקע נעמען און אָפּשטאַם, אָבער זיין אויג איז דערצו ראַפֿינירטער, ווי צו דער לעקציע פֿון באָטאַניקער.

דער דיכטער און דער לייענער פּילן אָפּ די קאָליזיע פֿון אַ קעגנזייטיקע איראָניע... נאָר דער פּאָעט פֿירט אויס זיין ראָלע, ער סאָציאַליזירט דאָס פֿאַרגעניגן.

מען קאָן דאָ נעמען צום שותּפֿות אַ פֿריערדיקן משל (ז' 120): „דער געלערנטער און דער פּאָעט", אויך דאָ זעט זיך אַרויס דער קריטישער כּוח־הדיבור פֿון דיכטער, וואָס אין קאָרעאַטיוו צו דער זעלביקער סענסיביליטעט פֿאַר דער עסטעטיק פֿון פּאָעט.

* * * * *

ווי שוין דערמאָנט, האָב איך דאָס בוך „משלים", דערשינען אין יאָר 1975, באַקומען צום סוף — אַ מתּנה פֿאַר מיין אינטערעס צום מחברס טאַלאַנט. איך שטעל זיך גאָר די פֿראַגע: צי האָב איך ווי געהעריק אַרויסגעפֿירט דעם תּמצית פֿון יצחק גאָלדקאָרנס משלים מיט זיין אָפּענער פֿאָלקסטימלעכער לעקסיק, וואָס נעמט אַרום וועלט־טעמעס — און די מוזיקאַלישקייט פֿון גראַם איז נישט קיין באַגלייט־פֿאָרם, נייערט אַן אָרגאַנישער טייל פֿון פּאָעטיק פֿאַר עקסעלאַנס! זיין ערשטע משלים־שאַפֿונג, וואָס טראָגט דעם באַשיידענעם טיטל „משלים", איז שוין אויך אַ כּישוף־ראָד ווו ס'פֿירט אונדז אַריין דער קינסטלער יצחק גאָלדקאָרן — אין איך האָב טאַקע דאָס שפּעטער־באַקומענע בוך גאָרנישט געפֿינען שוואַכער; ס'איז דער טיטל בלויז פֿון צווייטן באַנד מער אָנציענדיק.

קאָן מען דען נישט לייכט פֿאַרגלייכן דאָס רעוואָלטירנדיקע גראַמען־מעשהלע מיטן בלויזן טיטל פֿון די „וואַסער־אַרענדאַרן", צו יענע שבטים, וואָס הערשן איבער די נאַטור־אוצרות פֿון דער פּעטער פֿליסיקייט פֿון די נאַפֿט־קוואַלן, וואָס מאַכן דרייען די רעדער פֿון דער וועלט? דאָ באַווייזט ער שטאַרקער זיין זיכערקייט און י וועלט איז אים אונטערטעניק:

„כּמאָראַל דאַרף מען נישט זוכן ביי די
האָטנטאָטן —
פֿאַראַן אַנדערע, וואָס שטעלן זיי אין
שאָטן:
אויב איך רייס פֿון דיר די הויט, בין
איך אַן ערלעכער;
אויב דו ווערסט זיך — ביסטו אַ רויבער
אַ געפֿערלעכער." (ז' 39)

* * * * *

ווען אַ צייכענער שאַפֿט אַ בילד פֿון אַ מענטש און ער פֿעלשט (נישט ווילנדיק) די פּערספּעקטיוו, וואָס טיילט אָפּ די שטריכן פֿון מענטשלעכן פּנים, ווערט דאָס בילד אַסימעטריש. דער משל מוז דווקא אויסקרימען, בכדי צו מאַכן דעם סך־הכּל און צענזורירן דאָס שלעכטס. לייענענדיק האָב איך צופֿעליק געהאַט אויפֿגעשריבן אייניקע שורות וועגן אַדוואָקאַטן און משפּטים. ווייס איך נישט צי דאָס איז געשען אונטערן איינפֿלוס פֿון לייענען, צי איז דאָס סתּם געווען אַ צופֿאַל, ווייל שפּעטער האָב איך זיך אָנגעטראָפֿן אין זיין ערשטן בוך, אויף דעם משל „דאָס געריכט"... אפֿשר מעג מען זיך אויסדריקן אַז ס'זענען נישט פֿאַראַנען קיין צופֿאַלן? ביים אַדוואָקאַט שפּילט נישט אַלע מאָל די ראָלע די מאָראַל, ווייל די אנגאַזשירונג פֿון דער דאָזיקער דיסציפּלין פֿון יוריספּרודענץ פֿאַלט אויפֿן שווערפּונקט פֿון מאַטעריעלער לעבנס־הכנסה. דעריבער פֿרייַדיקט מען ווי פֿאַרטיידיקער אָדער אָנקלאָגער — לויט די פּערזענלעכע אינטערעסן. אַ פּאָעט נעמט אַריין דעם גאַנצן אוניווערס און לאָזט אונדז נאָך איבער אַ נשמה יתרה. די גאַנצע כאַראַקטעריסטיק פֿון טייל משפּטים ליגט אין דעם געהאַמערטן טאָן פֿון דעם לעצטן פֿערז און קלינגט אין אַ דרייסטן קרעשענדאָ, וואָס דערמאָנט אין עמיל זאָלאַס „זש'אַקיוז!" (איך באַשולדיק) „דאָס געריכט" (ז' 52):

משה שקליאַר

## אויפֿן ראַנד

# „אַ פּאַסטעך אין דער פרעמד" *

### לידער פון חנן קיעל

איך האָב חלילה נישט אָנגעהויבן לייע־נען דאָס לידער־בוך פון חנן קיעל פונעם סוף (עס טרעפט אויך צייטנווייז אַזוי...) אָבער דערגייענדיק צום לעצטן זייטל — צום עפּילאָג — האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף צוויי שורות, וואָס האָבן מיר געגעבן

אַ שליסל נישט אַזוי צו חנן קיעלס לידער ווי צו מיינע שפּירונגען ביים לייענען זיי:

„אין קעסלקאָך פון שטויביקן געקנויל
שבתט מיין ליד אין גאַס פון כולו חול."

צי זענען עס ווירקלעך שבת־יום־טוב־דיקע געזאַנגען? צי די לידער איינגע־זאַמלטע אין חנן קיעלס בוך, וואָס שוין דער נאָמען זיינער — „אַ פּאַסטעך אין דער פרעמד" — דערמאָנט גיכער אין אומעטי־קע וואָכעדיקע טעג? ניין, זיי זענען עס נישט. און דאָך ש ב ת ן זיי (באַנוצנדיק זיך מיטן דיכטערס אויסדרוק), הייבן זיך אַרויס איבער דער טאָג־טעגלעכקייט, אי־איבער דעם „שטויביקן געקנויל" און ווייען אָן אויף אייך אַ מין אומעטיקע שיינקייט און מאַנגערישן חן.

אָט אַזעלכע זענען טאַקע געווען מיינע שפּירונגען: אומעטיקע שיינקייט און מאַנ־גער־ישער חן. בכלל האָב איך דעם איינ־דרוק, אַז חנן קיעל געפינט זיך אונטערן צויבער פון מאַנגערס ליד. און דאָס נישט נאָר דערפאַר ווייל ער פּראָקלאַמירט עס אַליין באַלד אינעם אָנהייב פונעם בוך (זייט 9):

„אין שפּעטן האַרבסט
איך קום מיט אָטעם קוים פאַרכאַפּטן,
מיט מאַנגער־גאָלד און צויבער־בלוי,
מיט עפּל־ריח איינגעזאַפּטן."
(„אין שפּעטן האַרבסט")

— נאָר מחמת דער קלוגער תמימותדי־קייט, וואָס שוועבט אַרום צווישן די שו־רות און דעם צייטנווייז שטיפערישן טאָן, וואָס איז באַהויכט מיט אַ טיפן טרויער. באַזונדערס מערקט זיך אינעם לידער־ציקל „אין דער פרעמד", ווו דער מחבר טיילט זיך מיט זיינע איבערלעבונגען אין מלחמה־צייט ווי אַ פּליט און פּאַסטעך ער־

---

„ס'איז גאָר טרויעריק און ביטער,
ווען מען מוז היטן די היטער,
און דער פּאַלאַץ פון משפּטים און געזעצן
איז אַ באַלאַגאַן פון אינטריגעס און
העצן."

דאָס איז דער סאַמע ערלעכער אָפּשאַץ פון אַלע געמשפּטע, וואָס ליגן אונטער אַ נומעריש שטראָף־אַרטיקל און פּאַראַגראַף, זענען אַ סך מאָל קרבנות פון „גערעכטי־קייט. ביי דעם משל האָב איך אויפגע־שריבן גרויס, לויט דעם אָרט פון מחבר; מעג מען דעריבער שאַפן אַ סופּערלאַטיוון קאָמפּאָנענט גרויס־אַרטיק!

* * * * *

נאָך אַלע ציטאַטעס און אייגענע באַ־טראַכטונגען, וואָס מען קען צוגעבן אין אַן אָפּהאַנדלונג וועגן אַ בוך, איז עס קיין מאָל נישט גלייכמאָסיק צום באַגלייטן דעם מאָדעל; ס'איז, דאַכט מיר, ווי מען וואָלט עפּעס אָפּגעשפּיגלט אין אַן אָפּגעריבענעם שפּיגל... דער דאָזיקער געדאַנק קאָן אפשר איבערצייגן אָדער אָפּגעפרעגט ווערן דורך דעם לייענער פון די משלים און עפּיגראַמען פון יצחק גאָלדקאָרן.

* * * * *

כ'האָב אין דער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג און מיין פריערדיקן אַרטיקל וועגן עפּי־גראַם נאָך נישט געהאַט זיך באַקענט מיט זיין עסייאיסטישן גאָב. בין איך גרייט אויף אַ פרישע, אַנגענעמע איבערלעבונג צו געניסן פון די צוגעזאָגטע מיר, איינ־צעלנע עקזעמפּלאַרן עסייען, וואָס זענען אים פאַרבליבן: „פון וועלטקוואַל" און „זינגערס און זאָגערס".

---

*) חנן קיעל: „אַ פּאַטסעך אין דער פרעמד", לידער, פאַרלאַג „מתנות", ניו־יאָרק, 1978.

גען אויף די ווייטע רוסישע סטעפּעס.

דער פאַסטעך־מאָטיוו איז נישט פרעמד דער יידישער פּאָעזיע, אָנהייבנדיק פון די עלטסטע צייטן ביזן היינטיקן טאָג. גוט באַקאַנט זענען די אידילישע לידער וועגן דעם איינזאַמען פאַסטעכל און זיינע שעפעלעך, וואָס אַמאָל זענען עס טאַקע סתם אידיליעס און אַן אַנדערש מאָל טיפע אַלעגאָריעס. וואָס עס טיילט אויס חנן קיעלס פאַסטעך־לידער איז, דאַכט זיך מיר, זייער אויטענטישקייט. דאָס שרייבט נישט קיין פּאָעט וועגן פאַסטעכל, נאָר דאָס פאַסטעכל אַליין שרייבט פּאָעזיע. דורך דער פריזמע פונעם פאַשע־פעלד און זיין „חומשדיק געצעלט" אַנטפּלעקט ער פאַר אונדז זיין אייגנאַרטיקע וועלט, ווו ער איז אַ פרעמדער און דאָך אייגן. ער שפּילט נישט אויס זיינע לידער אויף דעם וואָגלערישן פייפיאַל, נייערט אויף זיין „צויבער־פליייט", וואָס טראָגט אים אַוועק פונעם קאַלטן רוסישן סטעפּ, ווו

„אויף נאַקעטע דעמבעס הענגען
אייזיקע סנאָפּעס פון גלאָז,
אין ווינט אַ געפרוירענער שרייט —
ראַטעווע, העלף!
ס'פרעגן צערקוועס־זקנות מיט פליכיקע
רונדיקע קעפּ:
וואָס טוען דאָ יידישע פליטים
אין קאַלטן קאַצאַפּישן סטעפּ,
פאַרפלאָנטערט אין הונגער־געוווי
פון מענטשן און וועלף?"
(„מיר זינגט אין זכרון")

— צו דער „בונקער־נאַכט" אין פוילן, ווו ער האָט געלאָזן טאַטע־מאַמע, שוועסטער, ברידער, פרוי און קינד, און פאַראייניקן זיך מיט זיי קאָן ער „אין חלום בלויז":

„... אויף יענער זייט,
אין בונקער־נאַכט פאַרצאַמט,
אין נעפּל־בלוי פאַרשפּינט,
אַ קינד
צווישן געטאָ־שאָף פאַרשווינדט.
אויגן גליאיקע בלויז —
שטערן צוויי
בענקען נאָך אַרויס.
גיי, פאַסטעך־שאָטן,
לעבעדיק — מיין קינד זוך אויס."

אַזוי איז עס געוועזן אין רוסישן סטעפּ, ווו דער פאַסטעך־דיכטער האָט זיין יידיש ליד געזונגען. און כאָטש עס איז געוועזן אומעטיק און קאַלט און טרויעריקע מחשבות וועגן דעם גורל פון די נאָענטסטע אין די געטאָס פון פוילן האָבן דאָס האַרץ צעריסן, האָט ער צייטנווייז געקאָנט זיך טרייסטן:

„ס'פייפט דער ווינט מיט הונגעריקן
וועלף־געקלאָג,
נאָר מיר איז ווויל, איך האָב אַ סוכאַרקע
און קיפּיאַטאָק."

איז אָבער דעם דיכטער באַשערט געוועזן אויסטרינקען דעם בעכער פון פּיין אין דער רוסישער פרעמד ביזן סאַמע סוף. אינעם לידער־ציקל „די לאַנגע נאַכט" באַווייזט אונדז חנן קיעל די פאַרצווייפלונג פון די פאַרשפּאַרטע אין תפיסות און לאַגערן און אויך אַן אַנדער חלום, דעם חלום וועגן אַ רעפטל ברויט. פאַראַן טאַקע אינעם דערמאָנטן ציקל „אַן אָדע צו אַ רעפטל ברויט", אָבער דעם טיפסטן איינדרוק מיט דער טראַגישער מענטשלעכקייט האָט אויף מיר געמאַכט אַ גאָר קורץ ליד א.נ. „לאָמיר זיך טיילן":

„לאָמיר זיך טיילן מיטן קרוכלע ביסן,
ראַטעווען ס'האַרץ פון הונגער־זומפּ;
אַ דינער שטראַל וועט אַריינטריפן
מיט חסד
דורך אַ שפּאַרע.
לאָמיר זיך טיילן מיטן ביסל גרויפּן־זופּ
און אַ סוכאַרע.
נעם חבר אַ קריש;
צוויי ליכטיקע סקעלעטן עסן פון איין
שיסל,
און גאָט ברוך־הוא איז דער דריטער
ביים טיש."

מיט אַזאַ לעבנס־פילאָסאָפיע איז דען אַ וווּנדער וואָס נאָך אַלע שווערע איבערלעבונגען און פּיינען האָט חנן קיעל נישט פאַרלוירן דעם גלויבן אינעם מענטש און מענטשלעכקייט און אין יידישן ליד. שליסט ער טאַקע אָפּ דעם טראַגישן ציקל מיט אַ ליד א.נ. „מיין גלויבן" אין וועלכן דער דיכטער שרייבט:

„ס׳וועלן קלעזמאָרים נאָך שפּילן די
די לידער,
געווייקטע אין טרערן פון אונדזערע
מאַמעס;
אפילו אין קעלערן קענען זיך ווידער
פּאָעטן צעזינגען אויף יידישע גאַמעס.״

* * * * *

די בונקער־נאַכט אין פּוילן, וואָס האָט דעם דיכטער קיין רו נישט געגעבן ווען ער האָט זיינע הונגעריקע שפּעלעך צום פּאַשע־פעלד געטריבן און ווען ער איז אַליין אַ הונגעריקער און פאַרפייניקטער פאַרוואָרפן געוואָרן אין סאָוועטישע תפיסות און לאַגערן; אָט יענע בונקער־נאַכט, דער אומקום פון אונדזער פאָלק אין די היטלעריסטישע געטאָס און קרעמאַטאָריעס, וועט אים שוין באַגלייטן אויף דעם גאַנצן לאַנגן וואַנדער־וועג זיינעם, אַזש ביז צו ניו־יאָרק. אפילו אין ישראל, וווּ חנן קיעל האָט, דאַכט זיך, אָפּגעפינען זיין גלייכגעוויכט און די לידער וועגן יידישן לאַנד האָט ער באַטיטלט מיטן פּילזאָגנדיקן „בלויער חלום״, אפילו דאָס רייסן זיך ביי אים דוך רעמיניסענצן וועגן דעם טראַגישן אַמאָל. ווען ער באַזוכט דעם וויאַ דאָלאָראָסאַ דערמאָנט ער זיך די יאַסנאַ גוראַ אין זיין היימשטאָט, טשענסטאָכאָוו, ווו:

„ביימער בליען שוין מיט יאַסקער
און בעז
אויף אַ בעריאָזקע
הייליקט זיך די מאַטקע באָסקע
מיט אָווע מאַריע.
ביי דער יאַסנע־גורע
זיי פירן די יידן פון געטאָ;
היימישע רוימער שטייען אין אַ שורה,
זידלען, שפּאָטן,
ס׳פליען שטיינער און בלאָטע
אויפן יידישן קאָפּ...״

אַ קענטיקע דערגרייכונג פונעם דיכטער זענען די לידער אויף ביבלישע מאָטיוון, וועלכע ער האָט איינגעזאַמלט אינעם אָפּטייל „אייביקע קוואַלן״. און הגם דאָ פילט זיך בפירוש דער אויבן־דערמאָנטער מאַנגערישער צויבער, אָדער איינפלוס, איז עס אָבער אַ גוט פאַרדייעטער איינפלוס. חנן קיעל איז דאָ אייגנאַרטיק אינעם טאָן און אין דער טראַקטירונג פון דער טעמע. צייטנווייז גיט זי אים אויך אַ געלעגנהייט אַרויסצוברענגען זיין וועלט־באַנעם, וואָס איז אין תוך גענומען אַ הומאַניסטיש־אָפּטימיסטישער.

אַזאַ האָב איך אים באַקענט, חנן קיעלן, מיט קנאַפּע 40 יאָר צוריק אויפן סאָוועטישן אוראַל, שוין נאָך זיין פאַסטעך־„פּראָפּעסיע״ און שווערע תפיסה־איבערלעבונגען — אַ פאַרגליווטן אין מענטש און מענטשלעכקייט און אַליין דער סאַמע מענטשלעכסטער מענטש. איז מיר געווען אַ פרייד איצט זיך ווידער מיט אים צו באַגעגענען אַ דאַנק זיין פרעכטיקן לידער בוך. ווילט זיך מיר אים אָנווינטשן ביים סוף: היי, פאַסטעכל, זינג־שפּיל אונדז דיין ליד נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן!

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען צו ווענדן זיך צו אונדזער פינאַנץ־סעקרעטאַר:

G. FRYDMAN

פאַרוואַלטונג „חשבון״

Phone: 655-1292

337½ North Hayworth Ave. • Los Angeles, Calif. 90048

בערל כהן

# וועגן אַ מילואים-באַנד צום „לעקסיקאָן"

דער ערשטער באַנד „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור" איז אַרויס אין 1956, דער אַכטער און לעצטער באַנד — אין 1981.

ווי פאַרערגערט ס'איז ניט געוואָרן די מערכה פון יידיש אין דער וועלט, איז אָבער די יידישע ליטעראַטור ניט אַזוי שווער געטראָפן געוואָרן אין די פאַרגאַנגענע 25 יאָר. שטאַרק געליטן האָבן די טאָג-פּרעסע און פּעריאָדיק אויף יידיש — אַחוץ ישראל — און די צאָל אונטערגעגאַנגענע יידיש-צייטונגען און צייטשריפטן איז אַ גרויסע. דאָס אַלץ האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט בלייבן אָן אויסווירקונגען אויף דער יידישער ליטעראַטור, אָבער נאָר אויף איר פאַרנעם, ניט צו שטאַרק אויף איר שאַפערישן אימפּעט.

אויב מען פאַרנעמט זיך ניט דירעקט מיט די ענינים, קען מען גאָר קיין השגה ניט האָבן וועגן יידיש-ליטעראַרישן שאַפן אין לעצטן פערטל יאָרהונדערט. מען שרייבט בעיקר וועגן איינצלנע שרייבערס, אָבער דער גאַנצער ספּעקטער פון דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער לעצטער תקופה בלייבט פאַרהוילן. דער דאָזיקער בלויז קען צום טייל אויסגעפילט ווערן פון אַ דערגאַנצנדיקן באַנד צום „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור."

די רעדאַקטאָרן פון די ערשטע זיבן בענד „לעקסיקאָן" האָבן בשעתם מסכים געווען צו די פאָדערונגען פון אַ ריי יידישע שרייבערס, אַז מען זאָל ניט אַריינעמען זייער ביאָגראַפיע. אַזוי אַרום זיי-

---

## רעוו. לעווינסאָן (סוף פון זייט 62)

של עולם, איך בין ביי דיר אין די הענט. העלף מיר, היט מיך... דער אַרום איז פאַרזונקען אין טיפן שלאָף. עס הערט זיך ניט קיין קלאַנג, קיין רויש. שטיל איז פאַרזונקען די נאַכט. איך שאַר זיך אַרום די הייזער ווי אַ גנב. איך האָב מורא אָנצוקלאַפּן און בעטן הילף, אַביסל זיך אָנצעוואַרעמען. דאָס איז די הילף וואָס איך וויל. ניין, איך טאָר ניט קלאַפּן. ווער ווייסט ווער דאָרט וווינט? אפשר אַ פּאָליצימאַן, אפשר אַ דייטש? אַ גוי אַן אַנטיסעמיט, אַ גזלן, אַ רוצח, וואָס וואַרט אויף יידיש בלוט. ווער ווייסט זיי? ווער קען זיי? איך טאָר ניט ריזיקירן. איך זוך אַ שטאָל מיט אַן אָפענער טיר. עס איז אומעטום פאַרמאַכט. איך געפין אַ קליין שטעלכל ווו מען האַקט האָלץ אויף צו הייצן די אויוונס און מן הסתם הינער. איך וויל כאָטש אויף אַ קורצער צייט זיך פאַרשטעלן פון בייזן ווינט.

איך עפן אויף פּאַמעלעך דאָס טירל עס זאָל ניט קלאַפּן, זאָל ניט סקריפּען. עס איז פינצטער. איך האָב מורא צו שטעלן אַ טריט. טאַפּ אין דער פינצטער, געפין עפּעס אַ קעסטל, זעץ זיך אַוועק אויף דעם, דאָס ערשטע מאָל פאַר דער גאַנצער צייט. עס דוכט זיך מיר אַז דאָרט איז וואַרעם. איך כאַפּ אָפּ דעם אָטעם און דערפיל אַז איצט נאָגט און ציט מיין האַרץ. עס קען זיין אַז איך בין הונגעריק. אַזוי לאַנג ניט געגעסן און אַזוי פיל פאַרדרוס.

זיצנדיק אין דער פינצטערער בודע לאָזט מיר ניט אָפּ דער געדאַנק און עס דערמאָנען זיך די אַמאָליקע טייערע ליטווישע שטעטלעך מיט יידן; פּנימער וועלכע איך האָב געקענט פון טייערע נאָענטע מענטשן.

די רעיונות יאָגן זיך איינע נאָך די צווייטע און איך ווייס שוין ניט מער וואָס צו קלערן. מיינע חושים זיינען שוין אָפּגעראַפּירט. די קעלט האָט אויסגעזויגן דעם מאַרך פון די ביינער. און ווען דער מאָרגן איז נאָך ווייט און פאַרבאָרגן פון מיר, בין איך נאָר מתפלל אין מיין האַרץ צום רבונו של עולם:

„שומר ישראל, שומר שארית עם ישראל, ואַל יאבד גוי אחד..."

נען אַרויסגעפאַלן עטלעכע צענטליק נעמען, בתוכם יצחק באַשעוויס זינגער, אהרן ציטלין, אַברהם גאָלאָמב, קאַדיע מאַלאָדאָווסקי און אַנדערע. (ביי דער געלעגנהייט זאָל דערמאָנט ווערן, אַז די רעדאַקטאָרן פון אַכטן באַנד זיינען אַרויס פון דער הנחה, אַז ליטעראַרישע שאַפונגען זיינען ניט קיין אייגנטום פון דעם שרייבער, נאָר געהערן צום אוצר פון דער גאַנצער ליטעראַטור; זייער אייגנטום איז עס נאָר אויף וויפל עס גייט וועגן פאַרקויף פון זייערע ביכער אָדער שוץ קעגן פּלאַגיאַט, אָבער זיי האָבן ניט קיין דעה צו זאָגן וועגן יאָ אָדער ניט געבן זייער ביאָגראַפיע אין אַ לעקסיקאָן).

אָבער דאָס איז ניט דער גרעסטער חסר. אין די פריערדיקע בענד פעלט בכלל אַ גרעסערע צאָל שרייבערס, ווייל מען איז ניט דערגאַנגען צו זיי אָדער מען האָט פּשוט ניט געוווּסט וועגן זיי. דאָס איז באַזונדערס חל אויף שרייבערס מחוץ אַמעריקע־קאַנאַדע. די גאַנצע באַאַרבעטונג פון דעם מאַטעריאַל איז קאָנצענטרירט געוואָרן אין ניו־יאָרק און כמעט בלויז מיט ניו־יאָרקער מיטאַרבעטערס, און פון ניו־יאָרק אויס איז געווען שווער אַרומצונעמען די גאַנצע רעגיאָנעלע יידישע ליטעראַטור אין דער וועלט — אַ זאַך וואָס איז אויסגעמיטן געוואָרן אין אַכטן באַנד.

גרויסע בלויזן זיינען דאָ ניט נאָר דורך די פעליקע שרייבערס, נאָר אויך אין די שוין געדרוקטע ביאָגראַפיעס אין די פריערדיקע בענד.

צווייטנס, אין אַ ריי ביאָגראַפיעס ווערט צוגעגעבן: „ביאָגראַפישע ידיעות פעלן", אָדער „גורל אומבאַקאַנט". דאָס רוב איז עס נוגע יידיש־סאָוועטישע שריפטשטעלערס. אַ סך זאַכן זיינען אויפגעקלערט געוואָרן אין די שפּעטערדיקע יאָרן און ס'איז אַ חוב עס מוסיף צו זיין צו די געדרוקטע ביאָגראַפיעס.

דאָ איז ניט דאָס אָרט זיך אַריינצולאָזן אין פּרטים, אָבער זאָל עס אילוסטרירט ווערן מיט איין ביישפּיל: הירש אָשעוואַיטש. דער דאָזיקער איצט־באַקאַנטער דיכטער האָט סך־הכל 9 שורות אין זיין ביאָגראַפיע, האָט ניט קיין געבוירן־דאַטע, „זיין גורל איז אומבאַקאַנט" און האָט ניט קיין איין בוך — אָבער איצטער לעבט ער אין תל־אביב און האָט שוין אַרויסגעגעבן נאָענט צו אַ צענדליק ביכער. אַזאַ ביאָגראַפיע דאַרף ניט בלויז פאַרריכט ווערן, נאָר זי מוז אין גאַנצן איבערגעשריבן ווערן.

דריטנס, עס גייט ניט בלויז וועגן נייע ריי־ביאָגראַפישע ידיעות, נאָר קודם־כל טאַקע וועגן נייע ליטעראַרישע אויפטוען פון אַ שרייבער. פאַראַן ביאָגראַפיעס פון שרייבערס, וואָס אין זיי ווערט ניט אַפּרגעצייכנט קיין איינציק בוך, אָבער שפּעטער האָבן זיי פאַרעפנטלעכט עטלעכע ביכער; אָדער פריער ווערן אָנגעגעבן צוויי ביכער און די שפּעטערדיקע פינף ביכער פעלן.

אויך דאָ קען מען ניט אַריין אין פּרטים, אָבער זאָל דאָ געבראַכט ווערן איין אילוסטראַציע: חיים גראַדע. וועגן גראַדען דאַרף מען ניט מאַריך זיין, אָבער אין זיין ביאָגראַפיע פעלן אַ ריי לעצטע פּראָזעווערק זיינע.

גאָר אַ גרויסער „מוז" איז דאָס אַריינגעבן שרייבערס, וואָס זיינען אויפגעקומען ערשט אין די פופציקער יאָרן און ווייטער. וועגן זיי בעיקר האָבן מיר געהאַט אין זינען, ווען מיר האָבן אויבן געזאָגט, אַז מען האָט גאָרניט קיין השגה ווי גרויס זייער צאָל איז.

און צום סוף:

אַכט בענד מיט אַרום זיבן טויזנט ביאָגראַפיעס — וואָלט געווען פּשוט אַ נס, אַז ס'זאָלן ניט אַריינפאַלן קיין פעלערן און טעותן. פאַראַן טעותן וואָס דער לייענער קען עס גלייך כאַפּן, און מען קען זיי דורכלאָזן, אָבער פאַראַן אַזעלכע, וואָס מוזן פאַרריכט ווערן, ווייל זיי פאַרפירן און פאַרדרייען אָפט די ביאָגראַפיע (פאַלשע נעמען, ניט ריכטיקע דאַטעס, בטעות אָנגעגעבענע ביכער, אאַ"וו).

צוליב די אַלע פריער־אויסגערעכנטע זאַכן דאַרף מען האָבן אַ מילואים־באַנד צום „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור" — און געטאָן ווערן מוז עס גלייך, ווייל די שעה איז אַ שפּעטע, און קיין נייער דור שטייט ניט אין טיר אויסצופירן די דאָזיקע גרויסע און וויכטיקע אויפגאַבע.

שלמה צוקערמאַן

# דער ערשטער יאָרצייט פון אַלעקס ראָבין

דעם דריטן מערץ איז געוואָרן אַ יאָר זינט אַלעקס ראָבין ע"ה, דער פּרעזידענט פון אונדזער קולטור־קלוב איז אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז. און מיר אַלע פילן נאָך דעם חלל וואָס ער האָט נאָך זיך איבערגעלאָזן אין היגן יידישן קולטור־לעבן. ער פעלט דעם גאַנצן יידישן קולטור סעקטאָר, נישטאָ מער דער מענטש, נישטאָ מער דער אַדרעס צו וועמען אַ יידישער שרייבער זאָל זיך קאָנען ווענדן נאָך הילף צו פאַרשפּרייטן אָדער אַרויסצוגעבן אַ יידיש בוך.

יאָרן לאַנג איז ער געווען דער פאָרזיצער פון ייווא דאָ אין שטאָט. נישטאָ מער דער וואָס מיט זיין איניציאַטיווע און אייגענער פינאַנציעלער שטיצע פון עטלעכע צענדליק טויזנט דאָלער האָט געהאָלפן אַרויסגעבן דעם אַכטן באַנד פון לעקסיקאָן פון דער הײַנטיקער יידישער ליטעראַטור. דאָס לייוויק הויז און דער פּרץ פאַרלאַג אין ישראל פילן זיכער זיין אבידה.

אַלעקס ראָבין איז נישט געווען פון די וועטעראַנען אין קולטור קלוב. ער איז געקומען מיט זיין געטריישאַפט ווען דער קלוב איז נאָך געווען אויף מאָנראָ גאַס און דורכגעמאַכט אַ שווערן קריזיס צוליב דער געפאַלנקייט פון געגנט. די מיטגלידער האָבן פּשוט מורא געהאַט צו קומען אין יענעם געגנט. די צאָל באַזוכער אויף די פאַרזאַמלונגען זיינען געפאַלן צו אַרום דרייסיק מענטשן. האָבן די עטלעכע עקשנים צוזאַמענגערופן די געזעלשאַפטלעכע עסקנים פון שטאָט, און ראָבין איז געווען איינער פון זיי. זיינען געקומען צו דער פאַרזאַמלונג פופצן מענטשן, פאָרשטייער פון אָרגאַניזאַציעס און שרייבערס. יעדער איינער האָט באַטאָנט ווי וויכטיק דער קלוב איז און באַשלאָסן — צו רופן אַ צווייטן מיטינג.

צו אָט דעם מיטינג האָב איך געבראַכט דעם גרינדער פון יידישן קולטור־קלוב, דעם טעאַטראַל אליהו טענענהאָלץ. ער איז שוין דאַן געווען קראַנק. פירנדיק אים אַהיים, זאָגט ער צו מיר: שלמה, פון די שיינע רייד וועט גאָרנישט ווערן. דער איינציקער וואָס קאָן יאָ העלפן דעם קלוב איז אַלעקס ראָבין.

צום צווייטן מיטינג זיינען שוין געקומען בלויז צוויי פון די פופצן: אַלעקס ראָבין און דער שרייבער און טעאַטראַל זלמן זילבערצווייג. מיט אָט די צוויי טוער האָט זיך די אַרבעט געגעבן אַ ריר.

זלמן זילבערצווייג איז געוואָרן פאָרזיצער פון קלוב. נאָר צוליב זיין שוואַכן געזונט און שטענדיקע פּראָיעקטן און פאַרשידענע אַנדערע אַרבעטן האָט אַלעקס ראָבין איבערגענומען די פירערשאַפט פון קלוב. געפירט דעם קלוב האָט ער אויף דער העכסטער געזעלשאַפטלעכער און קולטור מדרגה. ער פלעגט זיך באַמיען אַראָפּצוברענגען קיין לאָס אַנדזשעלעס שרייבערס, לעקטאָרן און אַרטיסטן, נאָכן מיטינג פלעגט ער זיך אויסמישן מיטן עולם און פאַר יעדן געהאַט אַ גוט וואָרט צו זאָגן.

אַזוי האָט ער געפירט דעם קלוב ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן, ווען ער איז געקומען אין קלוב מייט אַ קוליע אין איין האַנט און אַ פּעקל ביכער אין דער צווייטער. יענעם אָוונט איז שווער צו פאַרגעסן.

## ספר איוב אין יידיש

ס'איז אַריין אין דרוק און וועט בקרוב דערשיינען אַ נייע יידישע איבערזעצונג פון ספר איוב פון באַקאַנטן תנ"ך־פאָרשער

## זאב וואָלף סאַלעס

מיט באַמערקונגען און דערקלערונגען פון איבערזעצער.

פריינד סאַלעס איז אַן אָנגעזעענער שרייבער און לעקטאָר דאָ אין שטאָט. ער פירט אָן קלאַסן אין יידישער געשיכטע און אין תנ"ך פאַר דערוואַקסענע.

# לזכר עולם

## צווייטער יאָרצייט נאָך אהרן פּאַכט ע״ה

מיט טיפן צער און
בענקשאַפט דערמאָנען
מיר דעם צווייטן יאָרצייט
פון **אהרן פּאַכט**



אַקטיוווער געזעלשאַפט־
לעכער טוער אין
ניו־יאָרק און שרייבער
פון דערציילונגען
און ראָמאַנען.

1980 — 1906

דער גרויסער חורבן האָט אים מיט זיין משפּחה, אַזוי ווי אַ סך אַנדערע יידן, אַרויסגעריסן פון זיין געבוירן־שטאָט ווישקאָווע, פּוילן, און זיי פאַרטריבן קיין סיביר. נאָך דער מלחמה זיינען זיי צוזאַמען מיט דער שארית הפליטה געקומען קיין דייטשלאַנד אין לאַגער באַד רייכנהאַל.

פינף יאָר זיינען זיי געווען אין לאַגער. אין דער צייט איז אים צוריקגעקומען דער דראַנג צו שרייבן, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעהויבן אין זיין יוגנט נאָך פאַר דעם חורבן.

נאָך דעם ווי דער לאַגער איז ליקווידירט געוואָרן איז אים געלונגען זיך צו באַזעצן אין ניו־יאָרק, ווו ער האָט זיך פאַרנומען מיט זיין פאַך פון פאָטאָגראַפיע און פאָרגעזעצט זיין ליטעראַרישע אַרבעט ביז זיין טויט. ער האָט געשריבן קורצע דערציילונגען; ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ לענגערן ראָמאַן „צוויי שטיבער" און פאַרענדיקט אַ גרויס ווערק „צווישן ברידער", וואָס ער האָט נישט דערלעבט דאָס צו קענען דרוקן.

אהרן פאַכט האָט פאַר׳יתומ׳ט זיין געטרייע ווייב רחל, אַ טאָכטער, צוויי זין און אייניקלעך. ער איז געווען שטאָלץ מיט זיינע אייניקלעך פאַר זייער רעדן יידיש.

כבוד זיין אָנדענק.

---

## יאַנקל פרידמאַן ע״ה

מאָנטיק, דעם ערשטן פעברואַר, 1982, איז נאָך אַ שווערער קראַנקייט אַוועק פון דער וועלט דער גוט־באַקאַנטער יאַנקל פרידמאַן, אין עלטער פון 84 יאָר. ער שטאַמט פון קאָסאָווע, פּוילן, פון זייער פרומע עלטערן. צו צוועלף יאָר איז ער אַוועק קיין ביאַלעסטאָק לערנען אין אַ ישיבה און „עסן טעג" ביי די ביאַלעסטאָקער בעלי־ביתטעס.

קיין אַמעריקע איז ער געקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, זיך באַזעצט איז שיקאַגאָ און דאָרט געוואָרן טעטיק אין דער לינקער באַוועגונג. די לעצטע צוויי צענדליק יאָר האָט ער געלעבט אין לאָס אַנדזשעלעס, געהאָלפן פאַרשפּרייטן די „ישראל שטימע" און דאָרט אויך געדרוקט קאָרעספּאָנדענציעס פון לאָס אַנדזשעלעס. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אויך באַטייליקט אין „חשבון" מיט קורצע בילדלעך פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

כבוד זיין אָנדענק.

# אונדזערע אבידות

## אַ יונגער בוים אָפּגעהאַקט אין מיטן בליען

אַלען מאַריענדאָרף, אַן אייניקל פון אונדזער רעדאַקטאָר, זלמן שלאָסער און זיין איידעלער פרוי נעכעלע, איז אַלט געווען 20 יאָר ווען ער איז טראַגיש אומגעקומען אין אַן אויטאָ־צוזאַמענשטויס אין לאָס אַנדזשעלעס, דעם ערשטן מערץ, 1982. בלויז עטלעכע טעג פאַר דעם אומגליק איז ער געווען אויף איינע פון זיינע אָפטע באַזוכן אין דער היים פון דער שלאָסער־פאַמיליע, ווו ער האָט געשמועסט וועגן משפחה־ענינים און וועגן יידישע כלל־פּראָבלעמען אין וועלכע ער איז תמיד געווען פאַראינטערעסירט.

זיין טראַגישער טויט, אין אַ צייט ווען מיינסטע יונגע מענטשן הייבן אָן פּלאַנען זייער לעבן, איז אַ טיפער ווייטאָג אין די הערצער פון באָבע־זיידע און פון זיין טאַטע־מאַמע, סטיוו און דבורה, און זיין איינציקע שוועסטער לינדאַ.

## די קאָלעגיע און פאַרוואַלטונג פון „חשבון"

**דריקן אויס טיפן מיטגעפיל מיט חבר שלאָסער, זיין פרוי נעכעלע און מיט דער מאַריענהאָף משפחה**

---

אונדזער טיפסטער מיטגעפיל צו אונדזערע גוטע פריינד

### נעכע און זלמן שלאָסער

אויפן טראַגישן אומקום פון זייער באַליבט אייניקל

### אַלען מאַריענהאָף

מיר ווינטשן זיי מער פון קיין צער נישט וויסן.

### דער לייען און דיסקוסיע קרייז פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט

---

## דער דיסטריקט קאָמיטעט פון אַרבעטער רינג

דריקט אויס טיפן מיטגעפיל צו אונדזערע פריינד

### נעכע און זלמן שלאָסער

אויפן פאַרלוסט פון זייער אייניקל

### אַלען מאַריענהאָף ע״ה

וואָס איז אַזוי יונג פון זיי אַוועקגעריסן געוואָרן.

---

מיט טיפן צער דריקן מיר אויס אונדזער מיטגעפיל צו אונדזערע גוטע פריינד

### נעכע און זלמן שלאָסער

אויפן טראַגישן טויט פון זייער אייניקל

### אַלען מעריענהאָף

וואָס איז אומגעקומען אין אַ פאַטאַלן קאַר צוזאַמענשטויס.

### סאָפי און הערי קאָזאַק

---

ליבע פריינד

### נעכע און זלמן שלאָסער

מיר זיינען דערשיטערט איבער דעם גרויסן פאַרלוסט וואָס איר האָט געליטן דורך דעם פּריצייטיקן און אומגעריכטן טויט פון אייער ליבן אייניקל

### אַלען מעריענהאָף

אומגעקומען פון אַ פאַטאַלן אויטאָ צוזאַמענשטויס.

איר זאָלט מער קיין צער נישט האָבן.

### גיטל און איזידאָר סטענזאָר

---

## מיטגעפיל—

מיט די חשובע פריינד נעכע און זלמן שלאָסער אויפן פאַרלוסט פון זייער אייניקל אַלען. איך מוז איבערחזרן די ווערטער וואָס איך האָב געהערט פון נעכעס מויל: „פאַרגעסן קען מען נישט. מען מוז מיט דעם לעבן." געדענקט־זשע טייערע פריינד: מען מוז לעבן!

**לאָטי פּ. מלאך**

מיר שיקן אַ טרייסט־וואָרט צו

נעכע און זלמן שלאָסער

אויפן טראַגישן פאַרלוסט פון זייער אייניקל

אַלען מעריאַנאָף

צו ———

שרה און נחום מאַקסין

אויפן פאַרלוסט פון זייער זון

מילטאָן מאַקסין

און צו ———

מאָריס נאָדלמאַן

אויפן פאַרלוסט פון זיין פרוי

רבקה נאָדלמאַן

ל. א. יידישער קולטור קלוב


## ביכער אָנגעקומען אין רעדאַקציע

יעקב י. מייטליס: פון וויטן אַמאָל ביזן היינט — פאַרלאַג ישראל בוך, ישראל.

יעקב בוכמאַן: אין תהום פון פאַרניכטונג און מאָרד — זכרונות פון די מלחמה־יאָרן — פאַריז, 1981.

חנן קיעל: אַ פאַסטעך אין דער פרעמד — לידער — פאַרלאַג „מתנות“, ניו־יאָרק.

חיים מאַלטינסקי: דער מאָסקווער משפט איבער די ביראָבידזשאַנער — פאַר־לאַג „ניי־לעבן, ישראל.

מאַרטין בירנבוים: לידער וועגן ליד (און אַנדערע לידער) — פאַרלאַג איקוף, ניו־יאָרק.

משה שקליאַר: אין צווישן גרין — לידער פאַרלאַג י. ל. פרץ, ישראל.

יצחק אלחנן ראָנטש: אַ לויב און אַ דאַנק — פאָעמעס און לידער אין יידיש און ענגליש — צייכענונגען פון מאַרק שאַגאַל. אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמי־טעט אין לאָס אַנדזשעלעס.

משה זאַלצמאַן: די גרויסע ענדערונג פון יידישן לעבן אין פראַנקרייך — פאַר־לאַג „ישראל בוך“, ישראל.

לייב באַראָוויק: זיבן זונען — לידער — פאַרלאַג „מתנות“, ניו־יאָרק.